STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02082

GEZEN UN GEHERT IN RATNFARBAND

Mordehai Shinar

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מרדכי שנער
(ב. פעדער)
געזען און געהערט אין ראַטנפאַרבאַנד

נדפס בישראל, תשכ"ז
Printed in Israel, 1967

סודר בדפוס „החברה המאוחדת לפירסומים והדפסה"
נדפס בדפוס „הפועל הצעיר"

מרדכי שנער

געזען און געהערט אין ראַטנפאַרבאַנד

תשכ״ז — תל־אביב — 1967

SEEN AND HEARD IN THE SOVIET UNION
by MORDECHAI SHINAR (B. FEDER)

מרדכי שנער (ב. פעדער)
געזען און געהערט אין ראַטנפאַרבאַנד
(ראיתי ושמעתי בברית־המועצות)

Copyright, 1967
by Mordechai Shinar, 11 Shimoni str., Tel-Aviv, Israel

דעם ח׳ צבי אסף, סעקרעטאַר פון לאַנד־פאַרבאַנד פון דרוקער־ארבעטער אין ישראל; דעם ח׳ ש. הימעלפאַרב, דירעקטאָר פון „החברה המאוחדת לפירסומים והדפסה״; מיין לאַנגיאָריקן ידיד און חבר גאָדל קאָן (סאַן־פאַולאָ, בראַזיל); די ח״ח צבי ביטערמאַן און מאיר גאָלדשטיין, און דער דרוקעריי „הפועל הצעיר״ — פאַר דער הילף ביים דערשיינען פון דאָזיקן בוך — אַ האַרציקן יישר כוח.

אינהאַלט

הקדמה — י. ברזלי (בערגער) 7
פון מחבר 10
אין סאָפיאַ — אַהין און צוריקוועגס 12
בלומען און טרערן... 21
אין קיעוו — צווישן פּאָדאָל און דימייעווקע 29
מיט אַ ייד פון בערדיטשעוו אין קיעוו 43
כמיעלניצקי און „באַבי יאַר" 51
„ווי אַזוי איך לעב ?.." 57
איבער מאָסקווער גאַסן און פּלעצער 63
לענין און סטאַלין 72
צוגאַסט ביי אַ יידישן קאָמוניסט 82
אַ יידיש סטודענטן־פּאָרל 89
שבת אין מאָסקווער סינאַגאָגע 98
אין דער רעדאַקציע „סאָוועטיש היימלאַנד" 107
אַ יידישער שרייבער דערציילט... 115
דער פּריץ און די יידישע אַרענדאַרן... 123
אַ יידישע מאַמע 129
„מען האָט אונדז פּיינט..." 137
„אָבער לענינגראַד איז שענער ?" 144
סאָוויעטישע דרוקער־אַרבעטער דערציילן און פרעגן... . . . 161
אין פּעטראָפּאַוולאָווסקער פעסטונג 170
„אין אַדעס, אין אַדעס..." 177
אויף די קברים פון מענדעלע מוכר־ספרים און שמעון פרוג . 186
„פּאָרט אַ ייד קיין טשערנאָוויץ מיט פּאַרוויינטע אויגן..." . . 194

הקדמה

פופציק יאָר נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע איז דער אינטערעס צום ראַטנפֿאַרבאַנד ביי דער באַפֿעלקערונג פֿון דער גאַנצער וועלט בכלל, און ביי דער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַלע לענדער בפֿרט — זייער אַ גרויסער. צענדליקער יאָרן האָט דער דאָזיקער אינטערעס געליטן פֿון אַ געוויסער קרענקלעכקייט, פֿאַרקריפּלונג: ס'איז נישט מעגלעך געווען זיך צו באַקענען גענוי און אָביעקטיוו מיט דעם, וואָס עס קומט פֿאָר אין דער געוואַלדיקער מדינה, צוליב די מחיצות, מיט וועלכע זי איז געווען אַרומגערינגלט הן פֿון דרויסן (דער אַ.ג. „סאַניטאַרער קאָרדאָן" פֿון די סאָוויעטן־פֿיינטלעכע מדינות אין די ערשטע יאָרן פֿון דער עקזיסטענץ פֿון דער ראַטן־מאַכט), און הן פֿון אינעווייניק (דער טעראָר־רעזשים אין סטאַלינס צייטן, וואָס איז געווען באַגלייט פֿון אַ ווילדער קאַמפּאַניע פֿון ליגנס און אויסטראַכטענישן, וועמענס ציל עס איז געווען, אונטערן צביעותדיקן אויסרייד פֿון „ליבע און סימפּאַטיע" פֿאַר דעם סאָוויעט־פֿאָלק — פֿעלשן די ווירקלעכע לאַגע פֿון די אַרבעטנדיקע מאַסן דאָרטן אין משך פֿון צענדליקער יאָרן).

נאָך סטאַלינס טויט, ד.ה. אין די לעצטע 14 יאָר, האָט זיך די לאַגע פֿאַמעלעך געביטן. הונדערטער טויזנטער געסט און טוריסטן קומען יעדעס יאָר און באַקענען זיך מיט דער סיטואַציע אין ראַטנפֿאַרבאַנד, טרעטן אַריין אין דירעקטן קאָנטאַקט מיט פֿאַרשידענע טיילן פֿון די סאָוויעטישע פֿעלקער. עס איז איבעריק צו באַטאָנען, ווי פּאָזיטיוו עס ווירקן די לעבעדיקע קאָנטאַקטן הן אויף די סאָוויעט־בירגער אַליין, הן אויף דער עפֿנטלעכער מיינונג אין דער גאַנצער וועלט.

אַ טייל פֿון די איינדרוקן, וואָס דער ח' מרדכי שנער (וועלכער

שרייבט שוין לאַנגע יאָרן אונטער דעם פּסעוודאָנים ב. פּעדער) האָט געזאַמלט בשעת זיין באַזוך אין ראַטנפאַרבאַנד, ווו ער איז געווען עטלעכע וואָכן אין זומער 1966, מיט אַ דעלעגאַציע פון דרוקער־אַרבעטער פון מדינת ישראל — זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דער טאָג־פּרעסע פון תל־אביב (אין יידיש, פּויליש, טיילווייז אין עברית און רומעניש) און האָבן געצויגן צו זיך, מיט רעכט, אַ גרויסע אויפמערקזאַמקייט פונעם ציבור אין לאַנד. דאָס צניעות־דיקע קעפל „געזען און געהערט אין ראַטנפאַרבאַנד" — גיט נישט אין אַ פולער מאָס איבער דעם רייכן און פּילזייטיקן אינהאַלט פון די רעפּאָרטאַזשן. אין אַ סך קאַפּיטלען — קומט צום אויסדרוק אויך די פּערזענלעכקייט און די גרויסע דערפאַרונג פון דעם מחבר, וועלכער האָט הינטער זיינע פּלייצעס העכער דרייסיק יאָר אַקטיווע טעטיקייט אין דער אַרבעטער־באַוועגונג, און וועמענס דערפאַרונג און אינטעליגענץ האָבן אים געהאָלפן, פון איין זייט, זען אויך אַביסל טיפער, ווי אַ סתם באַזוכער און אַריינדרינגען ביז צו די וואָרצלען פון דעם, וואָס ער האָט געזען; און פון דער צווייטער זייט, אונטערשיידן אויך אין דעם, וואָס ער האָט געהערט — די אמתע טענער פון די פאַלשע קלאַנגען, וואָס גנבענען זיך נאָך אַלץ אַריין אין דער סאָוויעטישער מוזיק.

און די עיקר־באַדייטונג פון חבר מרדכי שנערס (ב. פּעדער) בוך ליגט אין דעם, וואָס איז געקומען צום אויסדרוק אין יעדן פון זיינע רעפּאָרטאַזשן און האָט געהאַט אַ גרויסן אָפּקלאַנג צווישן די לייענער: דאָס איז נישט נאָר דער כוח פון באַמערקן אַלץ, וואָס איז וויכטיק, מיט די אויגן; נישט בלויז דאָס אויפכאַפּן אַלץ, וואָס איז כדאי צו הערן, מיט די אויערן — און אפילו נישט נאָר די שאַרפקייט פון מוח, וואָס קומט צום אויסדרוק אין דער ראַציאָנעלער באַטראַכטונג פון דעם, וואָס דער מחבר האָט געזען און געהערט.

דאָס איז קודם כל דאָס קלאַפּן פון אַ וואַרעם האַרץ, וואָס דרינגט אַרויס ממש פון יעדער שורה, וואָס איז אָנגעשריבן געוואָרן, — פון אַ וואַרעם, יידיש האַרץ.

דער באַזוך פון יעדן יידישן אַרבעטער אין ראַטנפאַרבאַנד איז נישט קיין אַבסטראַקטער באַזוך, מאָטיווירט פון נייגער, אָדער סתם באַדערפעניש פון „פאַרגרעסערן דעם וויסן". יעדער באַזוך פון אַ יידישן אַרבעטער פאַרוואַנדלט זיך במילא אין אַ סאָלידאַריטעט־

אַקט מיט דעם קאָלעקטיוו פון צוויי מיט אַ האַלבן מיליאָן (אָדער, ווי אַנדערע מיינען, דריי מיליאָן!) יידישע מענטשן, וואָס געפינען זיך אין די סאָוויעטישע גרענעצן.

די רעפּאָרטאַזשן, וואָס זענען געזאַמלט אין דעם בוך, באַווייזן, וואָס פאַר אַ באַדייטונג עס האָט פאַר דעם יידישן קיבוץ אין ראַטנ־פאַרבאַנד יעדע דערשיינונג פון אַ יידישן אַרבעטער ביי די סאָוויעטיש־יידישע ברידער — און בפרט, וואָס פאַר אַ גרויסן, דער־פרישנדיקן רושם עס מאַכט אַ וויזיט פון ישראלדיקע יידן אויף יעדער יידישער משפחה.

געוואַלדיק איז דער צוציאונג־כוח פון מדינת־ישראל ביי די יידן אין ראַטנפאַרבאַנד. אַלץ וואַקסנדיק איז די השפעה פון דעם יידישן רענעסאַנס אין דער אייגענער ישראל־מדינה אויף דעם דער־וואַכונג־פּראָצעס פון דער יידיש־סאָוויעטישער יוגנט.

אין אַ צייט, ווען דער רעגענעראַציע־פּראָצעס פון דעם יידישן קיבוץ אין ראַטנפאַרבאַנד מאַכט פון יאָר צו יאָר אַלץ גרעסערע פאָרשריטן, ווען דער קאָנקרעטער פּראָצעס פון משפחה־פאַרייניקונג שאַפט אַלץ נייע פאָרמען פון דערנענטערונג צווישן מדינת ישראל און די סאָוויעטישע יידן, זענען ביכער ווי די רעפּאָרטאַזשן פון ח' מרדכי שנער (ב. פעדער) באַזונדער וויכטיק און אַקטועל.

אַזעלכע ביכער — געשריבן מיט אויפריכטיקייט, זאַכלעכקייט און מיט אַ יידיש האַרץ — קומט אַ ספּעציעלער ווונטש, זיי זאָלן געפינען אַ וועג צו דעם יידישן לייענער הן אין מדינת־ישראל, הן אומעטום.

י. ברזלי (בערגער)

פון מחבר

איך בין איצט געפאָרן, צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן, קיין ראַטנפאַרבאַנד, מיט זייער געמישטע געפילן...

איך האָב די בעסטע יאָרן פון מיין לעבן, מיין גאַנצע יוגנט, אָפּגעגעבן פאַרן ראַטנפאַרבאַנד און פאַר די אידייען וועלכע ער דאַרף רעפּרעזענטירן. אָבער איך האָב שטענדיק מיינע ידיעות וועגן „ערשטן סאָציאַליסטישן לאַנד אויף דער וועלט", געשעפּט פון אַנדערע, פון לייענען, פון הערן דער־ציילן און ענלעכע קוועלן.

בין איך איצט געפאָרן מיט דערוואַרטונג, נייגער און — ציטערניש.

איך האָב געוווסט, אַז דאָס, וואָס איך בין צום מערסטן נייגעריק צו זען, וועט מען מיר נישט ווייזן. און דאָס, וואָס איך וועל יאָ זען און הערן, וועט זיין געזען מיט די אויגן און געהערט מיט די אויערן — און דער עיקר: אין די באַדינגונגען — פון אַ טוריסט אויף עטלעכע וואָכן. אָבער איך האָב זיך באַמיט דאָס געזעענע און געהערטע אויפצו־נעמען אָן פאָראורטיילן, אויב אַזאַ זאַך איז מעגלעך פאַר אַ בשר־ודם. און ווי איך האָב געזען און געהערט, ווי איך האָב אַלץ אויפגענומען — אַזוי האָב איך זיך אויך באַמיט איבערצוגעבן.

קודם־כל מיינע צוזאַמענטרעפן מיט יידן, געשפּרעכן מיט זיי, זייערע דערציילונגען, רעאַגירונגען און אָפט — השתפכות הנפש; דאָס זענען געווען די רירנדיקסטע מאָ־

מענטן אין מיין רייזע און זיי האָבן איבערגעלאָזט נישט־פאַרגעסלעכע איינדרוקן. איך האָב יידן געטראָפן מערסטנס ווי יחידים, געפירט מיט זיי געשפּרעכן על־פּי־רוב אין דער אָנוועזנהייט פון מיינע רייזע־חברים, בלויז געציילטע געשפּרעכן האָב איך געהאַט — אונטער פיר אויגן. אָבער צוויי מאָל האָבן מיר אויך געזען יידן, ווי אַ ציבור, — אין צוויי גאָר פאַרשידענע פּלעצער: אויפן קישענעווער וואָקזאַל און אין דער גרויסער מאָסקווער סינאַגאָגע, — אויפן ערשטן פּלאַץ זענען זיי, אומדערוואַרט, געקומען צו אונדז; אויפן צווייטן פּלאַץ זענען מיר געגאַנגען צו זיי, מיר האָבן זיי געזוכט — ערגעץ אַנדערש האָבן מיר דאָך קיין יידן, בציבור, נישט געקאָנט טרעפן...

אין סאָפיאַ - אַהין און צוריקוועגס

57 מענטשן פון ישראל, אָנגעקומענע מיט דער זעלבער שיף פון חיפה קיין פירעוס, אין גריכנלאַנד, האָבן געדאַרפט אָפּפליען פון אַטען קיין סאָפיאַ, אויפן וועג קיין ראַטנפאַרבאַנד. אויפן פלי־פּלאַץ אין אַטען האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער בולגאַרישער אַעראָפּלאַן, וואָס דאַרף אונדז נעמען קיין סאָפיאַ, האָט בלויז 39 פרייע פּלעצער. וואָס וועט זיין?

„מיר וועלן שיקן פון סאָפיאַ אַ ספּעציעלן אַעראָפּלאַן צו נעמען די איבעריקע אַכצן מענטשן", — דערקלערט דער פאָרשטייער פון דער בולגאַרישער פלי־געזעלשאַפט.

„ווען?" — פרעגן מיר. ס'איז געווען אַרום 6 אַזייגער פאַרנאַכט.

„אין משך פון דער נאַכט", — קומט אַן ענטפער.

פאַר די, וועלכע בלייבן, זאָגט ער צו אַ שפּאַציר איבערן ביינאַכטיקן אַטען, עסן און פאַרברענגען אין בעסטן האָטעל. אַכצן פרויען און מענער פון אונדזער גרופּע האָבן פרייוויליק דערקלערט, אַז זיי זענען גרייט צו בלייבן. האָבן מיר טאַקע באַוואונדערט די פּראַכטפולע באַלייכטונג פון אַקראָפּאָליס, וואָס טוישט זיך און מיניעט זיך אין משך פון שעהן; געפאָרן איבער די אוראַלטע און נייע גאַסן און געסלעך פון היסטאָרישן אַטען; פאַרבראַכט אויפן רעסטאָראַן־דאַך פון אַ צוועלף־ צי פופצן־שטאָקיקן האָטעל, ביי טישן מיט כל־טוב. אַ טוער פון דער יידישער קהילה אין דער גריכישער הויפּטשטאָט האָט אונדז, אין אַ פיינעם העברעיש, דער־ציילט וועגן ליכטיקע און פינצטערע ווינקלען אין לעבן פונעם גריכיש־יידישן יישוב. אָבער ווען מיר זענען, נאָך האַלבער נאַכט,

צוריקגעקומען אויפֿן פלי־פלאַץ, איז נאָך קיין אַעראָפּלאַן פֿאַר אונדז נישט געווען. מיר האָבן זיך אַ פּאָר שעה דענערווירט, באַקומען „שאַרפֿן" און ווייניקער „שאַרפֿן" כיבוד אין זאַל „פֿאַר גאָר חשובע אורחים"; ערשט פֿאַרטאָג האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפֿן פלי־פלאַץ אַ גרויסער, בלישטשענדיקער „איליושין"־אַעראָפּלאַן פֿון דער „בולגאַרישער מלוכהשער פלי־געזעלשאַפֿט" און די הויכרעדער האָבן, אין פֿאַרשידענע שפּראַכן, ווי עס פֿירט זיך אויף די אינטערנאַציאָנאַלע פלי־פלעצער, געמאָלדן:

„די אַכצן פּאַסאַזשירן פֿון ישראל ווערן איינגעלאַדן אַרויסצוגיין צום סטאַרט־פּלאַץ אָפּצופֿליען קיין סאָפֿיאַ".

„טאַקע מיר אַליין ?.. אין אַ ,ספּיישל'־אַעראָפּלאַן ?.." — האָבן מיר זיך געוווּנדערט.

טאַקע יאָ. מיר אַליין, אפֿילו אָן אונדזער באַגאַזש, וואָס איז אַוועק מיטן רעגולערן אַעראָפּלאַן. דער אַעראָפּלאַן האָט געהאַט אַ פֿולע מאַנשאַפֿט: אַ קאַפּיטאַן, צוויי פֿליער, אַ סטיואַרדעסין. דער קאַפּיטאַן האָט, אין רוסיש, אונדז איבערגעבעטן פֿאַר דער פֿאַרשפּעטיקונג. אַ פֿליער, וועלכער האָט געדאַרפֿט פֿירן דעם אַעראָפּלאַן, איז פּלוצלינג קראַנק געוואָרן.

די מאַקעדאָנישע בערג, איבער וועלכע מיר זענען געפֿלויגן, האָבן געצוווּנגען דעם אַעראָפּלאַן זיך אויפֿצוהויבן זייער הויך, ביז העכער דריי טויזנט מעטער איבערן ים־פּלאַך. אונטער אונדז האָט זיך געשפּרייט דער גאַנצער פּעלעפּאָנעז, מיטן עגעישן ים פֿון איין זייט, און דעם יאָנישן פֿון דער צווייטער זייט. מיר האָבן אויף דעם געקוקט פֿון אויבן, ווי אויף אַ ריזיקער נאַטירלעכער מאַפּע... דער קאַפּיטאַן האָט אונדז, דורך זיין ווייט־גרייכנדיקער לאָרנעטע, אפֿילו אָנגעוויזן אויפֿן „אָפּצאַס" פֿונעם איטאַליענישן „שטיוול", אויף לינקס, און די טערקישע ברעגעס אויף רעכטס. אונדזערע פֿאָטאָגראַפֿן־אַמאַטאָרן האָבן נאָר געפֿרעגט, צי דער קאַפּיטאַן וועט אויך דערלויבן צו פֿאָטאָגראַפֿירן דעם „אייזערנעם

פאָרהאַנג״, ווען מיר וועלן צוקומען צו דער בולגאַרישער גרענעץ...

„אָט איז ער!..״ — האָט איינער אָנגעוויזן אויף אַ הויכן, מיט אייז־ און שניי־באַדעקטן באַרג־שפּיץ, אויף וועלכן ס׳האָט זיך אינמיטן עפּעס געשוואַרצט, מסתמא אַ תהומיקער שפּאַלט.

דער קאַפּיטאַן און די חנעוודיקע סטיואַרדעסין האָבן שטאַרק געוואָלט וויסן די סיבה פון אונדזער געלעכטער...

✶

אַן אַלטע שטאָט איז סאָפיאַ, איינע פון די עלטסטע אין איי־ראָפּע. די פעסטונג־אַרטיקע קאַטעדראַלע פון 6־טן יאָרהונדערט, האָט אונטער זיך קעלערס און היילן, וווּ עס האָבן זיך אויפגעהאַלטן און געדינט זייערע געטער, די ערשטע רוימישע בויער פון דער שטאָט, וואָס האָט דעמלט געהייסן סערדיקאַ, — נאָך אין צווייטן יאָרהונדערט.

ברייטע גאַסן. פיל פּראַכטפולע גערטנער. בלומען־אַלייען אין אַלע זייטן, אויף אַלע פּלעצער — ווי אַ קולט פאַר בלומען. ווען מיר באַוווּנדערן דאָס, פרייט זיך אונדזער אָרטיקע וועגווייזערין און שטאָלצירט:

„מיר ווייסן ווי צו שעצן און שוינען אונדזער הויפּטשטאָט, וואָס האָט אין איר געשיכטע דורכגעמאַכט אומצאָליקע פאַרוויס־טונגען... די הונען האָבן זי שוין צעשטערט, אין פינפטן יאָרהונ־דערט... די טערקן האָבן זי פאַרברענט אין 14־טן יאָרהונדערט... און אינמיטן און שפּעטער — אַזויפיל אינוואַזאָרן, פון אַלע זייטן: פון צפון און דרום, פון מזרח און מערב...״

אפשר צוליב דעם האָבן די איינוווינער פון סאָפיאַ, ווי פון גאַנץ בולגאַריע, געוווּסט אַזוי צו שעצן און שיצן אונדזערע ברי־דער דאָ, די יידן.

מיר זענען אָנגעקומען קיין סאָפיאַ פרייטיק אינדערפרי. מיר האָבן קוים באַוויזן אָפּצוועסן פרישטיק, און שוין האָט געוואַרט דער אויטאָבוס אונדז צו פירן אויף אַ שפּאַציר איבער דער שטאָט.



ביים דענקמאָל פון „באַפרייער פון בולגאַריע״, צאַר אַלעקסאַנדער, אין סאָפיאַ

נאָכמיטאָג האָבן מיר באַזוכט אַ פאָרשטעלונג פון אַ סאָוויעטישן „צירק אויפן אייז״; ווען מיר זענען אַרויס, טויט־מיד שוין, פון צירק און דער אויטאָבוס האָט געוואַרט, אונדז צו פירן אין רעס־טאָראַן, אָדער אין האָטעל אַריין, איז געווען ווער ס׳זאָל דערמאָנען:

„ס׳איז פרייטיק־צו־נאַכטס... איר האָט פאַרגעסן?..״

און מיר זענען אַוועק אין דער סינאַגאָגע. זי געפינט זיך אין אַ זייטיקער שטילער גאַס, אָבער אין צענטער שטאָט. מיר זענען אָנגעקומען שוין נאָך קבלת־שבת. דער רוב מתפללים האָט זיך שוין געהאַט פונאַנדערגעגאַנגען. אין דער שול איז שוין געווען פינצטער, אָבער פאַרן אַריינגאַנג האָבן מיר נאָך געטראָפן דעם רב, די גבאים און עטלעכע געזעלשאַפטלעכע און קהילה־טוער. זיי האָבן זיך מיט אונדז דערפרייט, אונדז אַריינגעבעטן אין שול. דער שמש האָט געמאַכט ליכטיק, מען האָט זיך אַוועקגעזעצט און פאַרפירט אַ לאַנגן שמועס. דער רב רעדט אַ שיינעם מאָדערנעם העברעיש. צו די איבעריקע יידן האָב איך גערעדט שפּאַניש און זיי צו מיר — אין אונדזער מזרח־„יידיש״, לאַדינאָ, און מען האָט זיך ברידערלעך פאַרשטאַנען.

האָט דער רב רעכט צו שטאָלצירן, וואָס ער זיצט אויפן כסא־הרבנות פון אַלטע באַרימטע גדולים און גדולי־תורה וחכמה, פון וועלכע ער רעכנט אויס:

„ר׳ יצחק ביזשע, דער מחבר פון ,בית נאמן׳, איז ביי אונדז געווען רב נאָך אין 16־טן יאָרהונדערט; נאָך אים — ר׳ יוסף ן׳ עזרא, בעל ,משא מלך׳; שפּעטער — ר׳ משה טאַדזשיר, ד״ר גרינוואַלד, ד״ר מרדכי ערנפּרייז... אונדזער הויפּט־רב, ר׳ מרדכי אַלמאָזנינאָ, איז, פּונקט ווי דער קאַרדינאַל פון סאָפיאַ, געווען אַ מיטגליד, ווי דער פאָרשטייער פון די יידן, אין דער ,נאַציאָנאַלער קאָנסטיטואירנדיקער פאַרזאַמלונג׳, ווען בולגאַריע איז געוואָרן זעלבשטענדיק אין יאָר 1878 און איז אונטערגעשריבן אויף דער ערשטער בולגאַרישער קאָנסטיטוציע״.

דער קהילה־פרנס, וועלכן מען רופט ר׳ דוד, ווייזט אַרויס בקיאות אין דער געשיכטע פון זיין קהילה:

„מיר געהערן צו די עלטסטע יידישע קהילות אויף דער גאָרער וועלט... עס דערציילט אַ מדרש, אַז טויזנט מענטשן פון שבט בנימין זענען געקומען קיין בולגאַריע...״

„ריכטיק...״ — רייסט אים איבער דער רבֿ — „עס דערציילט דאָס דער רד״ק אין פירוש צום ספר ,שופטים׳. זיי זענען אַנטלאָפן אַהער, ווען אַלע איבעריקע שבֿטי ישׂראל האָבן געקעמפט קעגן זיי צוליב דער ,פּילגש בגבעה׳...״

און ר׳ דוד פרנס זעצט פאָר:

„מיר האָבן היסטאָרישע דאָקומענטן וועגן אַ יידישער קהילה אין סאָפיאַ שוין אין 8־טן יאָרהונדערט. די קהילה האָט אויפגענומען פּליטים אין משך פון פיל יאָרהונדערטער, אויפגענומען אַנטלאָפענע יידן פון ביזאַנץ, פון דייטשלאַנד, פון אונגאַרן — פון אומעטום, ווו די שונאי־ישׂראל האָבן געיאָגט אונדזערע ברידער. אונדזערע אורעלטערן האָבן געעפנט זייערע היימען פאַר די גולי־ספרד אין סוף פון 16־טן יאָרהונדערט...״

פרעגט זיך דאָך, ווי פון זיך אַליין:

„אין בולגאַריע זענען קיינמאָל קיין גירושים נישט געווען? קיין יידן־פאַרפאָלגונגען?״

„ניין!״ — ענטפערט מיט שטאָלץ דער רבֿ — „פון בולגאַריע איז קיינמאָל, חלילה, נישט געווען קיין יידן־גירוש; כמעט קיינמאָל נישט, אין לויף פון דער געשיכטע, קיין פאַרפאָלגונגען אויף יידן. ס׳איז איינמאָל געווען אַ בלוט־בלבול, שוין זייער־זייער לאַנג, אין יאָר 1352; מען האָט דריי יידן פאַרמשפּט צום טויט, אָבער די יידישע מלכּה, די פרוי פון צאַר איוואַן אַלעקסאַנדער, האָט זיי געראַטעוועט פון דער תּלייה... דאָס בולגאַרישע פאָלק איז שטענדיק געווען, און איז ווייטער, פריינטלעך צו יידן...״

און דאָס האָט טאַקע געראַטעוועט פיל בולגאַרישע יידן פון

די היטלער־נעגל בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה. עס זענען יאָ אַרויסגעגעבן געוואָרן אַנטי־יידישע פאַראָרדענונגען, ווען בולגאַריע איז געוואָרן אַ פאַרבינדעטע פון נאַצי־דייטשלאַנד.

דערציילט דער קהילה־פּרנס:

„די פאַשיסטישע רעגירונג האָט דורכגעפירט די ווירטשאַפט־לעכע אַנטי־יידישע געזעצן. דאָס גאַנצע בולגאַרישע פּאָלק איז דאַן געווען אונטער אַ פרעמדן יאָך... ווען ס'איז אָבער געקומען די גזירה צו שיקן טויזנטער יידן אין די אויסראָטונג־לאַגערן פון פוילן — האָט דאָס בולגאַרישע פּאָלק דערוואַכט... געווען אויפרופן פון ,פּאָטערלענדישן פראָנט', דעמאָנסטראַציעס, דעלעגאַציעס צו דער רעגירונג — מיר געדענקען דאָס זייער גוט... און די פאַשיס־טישע רעגירונג האָט זיך געמוזט צוריקציען, נישט אַרויסגעגעבן די יידן צו די נאַצישע הענקער..."

„און עס ציט זיך ווייטער די אַלטע פריינטשאַפטלעכע טראַ־דיציע", — גיט צו דער רב מיט ערנסטער זיכערקייט.

די מערהייט בולגאַרישע יידן זענען, נאָך דער מלחמה, עולה געווען קיין ישראל. אין גאַנצן לאַנד זענען געבליבן ביי 7,000 יידן, פון זיי לעבן 4,000 אין דער הויפּטשטאָט. די רעגירונג זאָרגט פאַר זייערע רעליגיעזע באַדערפענישן, האַלט אויס 5 בתי־כנסת, די נויטווענדיקע כלי־קודש. קוקן מיר מיט פאַרוווּנדערונג אויף די צאָלרייכע סידורים, מחזורים, אינעם טראַדיציאָנעלן העברעישן נוסח, צוזאַמען מיט בולגאַרישע און לאַדינאָ־איבערזעצונגען, גע־דרוקטע די לעצטע יאָרן אין די בולגאַרישע מלוכהשע דרוקערייען, אַרויסגעגעבן דורך דער רעגירונג.

„וואָס וווּנדערט איר זיך?" — פאַרשטייט נישט דער רב — „מיר זענען אַ רעליגיעזע עדה, גלייכבאַרעכטיקטע בירגער — ווער זאָל זאָרגן פאַר אונדזערע רעליגיעזע באַדערפענישן אויב נישט אונדזער רעגירונג?..."

*

געזען און געהערט אין ראַטנפאַרבאַנד

צוריקוועגס פון ראַטנפאַרבאַנד זענען מיר ווידער געווען אין סאָפיאַ.

ס׳איז אויך געווען שבת און זענען נאָכאַמאָל געגאַנגען זיך טרעפן מיט יידן אין דער סינאַגאָגע.

מיר האָבן אין די פיר וואָכן, צווישן איין באַזוך אין סאָפיאַ און דעם צווייטן, פיל געזען, אַ סך געלערנט...

„איצט וועלן איר שוין נישט אונדזערע סידורים?..״ — פרעגט דער רב, געבנדיק אונדז איינעם צום אָנדענק.

ווי זאָל מען אים דערקלערן?.. אונדזער פאַרוווּנדערונג איז נאָך געוואַקסן און איז איצט באַגלייט מיט טרויעריקע מחשבות. עס האָבן זיך אַרויפגעצווונגען פאַרגלייכן, צוזאַמען מיט ווייטיקדיקן נאָכדענקען.

אין מאָסקווער בית־כנסת האָבן יידן זיך געבעטן: „אפשר האָט איר אַ סידור?..״, „טוט אַ ייד אַ טובה — לאָזט מיר אייער לוח...״ דער מעכטיקער ראַטנפאַרבאַנד דרוקט נישט קיין סידורים, קיין לוחות פאַר אַ דריטהאַלבן־, צי דריי־מיליאָניקער עדה; און דאָ, אין קליינעם בולגאַריע, ביי אַן עדה פון געציילטע טויזנטער נפשות — טראָגט מען עס אונדז אונטער ווי אַ מתנה...

„לאָזט אייער אַדרעס״, — לאָדט אונדז איין דער רב, — „דער בולגאַרישער מלוכה־פאַרלאַג גרייט אַ יאָרבוך וועגן לעבן פון די יידן אין לאַנד — מיר וועלן עס אייך גערן שיקן״.

„נישט נאָר דאָס...״ — זאָגט טרויעריק איינער פון אונדזערע חברים, ווען מיר באַטראַכטן דעם סידור, פאַרלאָזנדיק די סינאַגאָגע. ער ווייזט, שווייגנדיק, אָן אויפן לאָנדאָנער „טיימס״ פון מיט צוויי טעג פריער. זענען מיר, נאָך פיר וואָכן, ערשט דאָ, אין סאָפיאַ, געוווירע געוואָרן וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט... מיר האָבן זיך געוואָרפן אויף דער מערב־פרעסע, אין אַלע שפּראַכן, וואָס ווערט פריי פאַרקויפט אין אַלע קיאָסקן; דער פאַריזער „מאָנד״, דער ניו יאָרקער „לייף״ און אפילו — דער באָנער „שפיגעל״...

די לעבן־קאָסטן אין בולגאַריע, אין פּראָפּאָרץ צו די פּאַר־דינסטן, זענען פיל נידעריקער ווי אין ראַטנפאַרבאַנד. אַלץ קאָסט ביליקער, דער עיקר — קליידונג. מען איז דאָ טאַקע בעסער גע־קליידט. מען דערקענט בכלל דעם העכערן לעבן־ניוואָ.

אַנטקעגן אונדזער האָטעל — מיטן נאָמען „מאָסקוואַ", — האָבן זיך, ביי עפּעס אַ לאָקאַל, כסדר געזאַמלט מענטשן, מערסטנס יוגנט. פאַרנאַכט איז שווער געווען דורכצוגיין; גרופּעס אויפן טראָטואַר, אפילו אינמיטן ברוק; מען דיסקוטירט, מען אַמפּערט זיך. זענען מיר געוואויר געוואָרן: דאָס איז אַ ביוראָ פון אַ מין „ספּאָרטאָטאָ", ווי עס הייסט ביי אונדז אין ישראל, אַזאַ טרעפונג־שפּיל פון די ספּאָרט־פאַרמעסטונגען, מיט געווינסן, אויף האַזאַרד־סומעס — ווי אין יעדער מערב־הויפּטשטאָט...

מיר זענען געזעסן אין אַ גרויסן, מאָדערן־איינגעאָרדנטן קאַפע־הויז, אויף איינעם פון די רחבותדיקע, מיט בלומען באַצירטע, פּלעצער פון סאָפיאַ. די קעלנערין האָט זיך מיט אונדז פריי אונ־טערגעהאַלטן אין פראַנצויזיש — זי איז אַ סטודענטין און אַרבעט אין די פעריען. מיר האָבן נישט געהאַט גענוג בולגאַריש געלט צו באַצאָלן, האָט זי פריי גענומען באַצאָלט מיט דאָלאַרן (לויטן אָפיציעלן קורס, פאַרשטייט זיך), אָן ספּעציעלע פאָרמולאַרן, אָן שום קבלה.

„פונקט ווי אויף יענער זייט פון ,אייזערנעם פאָרהאַנג׳..." — שמייכלט איינער פון אונדזערע חברים.

אויך דאָס איז זיך נישט פאַרצושטעלן אין אַ מאָסקווער קאַפע־הויז.

„און אפשר זענען מיר שוין ערגעץ צוריק אַדורך יענעם באַרג?.." — פרעגט אַ צווייטער.

ניין, דער גרויסער, הויכער באַרג, מיטן שניי און שוואַרצן תהום אינמיטן, איז נאָך פאַר אונדז...

בלונקען און טרערן...

די טוריסטן־גרופּע, מיט וועלכער איך בין געפֿאָרן קיין ראַטנ־פֿאַרבאַנד, איז אָרגאַניזירט געוואָרן דורכן לאַנד־פֿאַרבאַנד פֿון די דרוקער־אַרבעטער ביי דער הסתדרות. די גרופּע איז באַשטאַנען פֿון 20 פּערזאָן, צווישן זיי אַן אָנגעזעענער טייל דרוקער־אַרבעטער. בראש פֿון דער גרופּע — דער „נאַטשאַלניק", ווי די רוסן האָבן אים גערופֿן — איז געשטאַנען דער סעקרעטאַר פֿון „איגוד הארצי של פועלי דפוס" אין ישראל, דער באַקאַנטער פּראָפֿעסיאָנעלער און געזעלשאַפֿטלעכער טוער, צבי אסף. פֿון סאָפֿיע, דער בולגאַרישער הויפּטשטאָט, זענען צוזאַמען מיט אונדז אַרויסגעפֿאָרן נאָך צוויי גרופּעס ישראל־טוריסטן קיין ראַטנפֿאַרבאַנד — אויף אַנדערע מאַרשרוטן ווי מיר. מיר זענען געפֿאָרן מיטן סאָוויעטישן לוקסוס־צוג „דאַנוביוס עקספּרעס"; איין גרופּע איז אָפּגעשטיגן אין קישע־נעוו, די צווייטע איז געפֿאָרן צוזאַמען מיט אונדז ביז קיעוו.

צוזאַמען מיט מיין גרופּע, אין זעלבן וואַגאָן, איז געפֿאָרן אַ טייל פֿון אַ גרעסערער גרופּע יונגע רוסישע אַרבעטער און טעכ־ניקער פֿון דער סיבירער שטאָט קראַסנאָיאַרסק. זיי זענען צוריק־געפֿאָרן פֿון אורלויב, וועלכן זיי האָבן פֿאַרבראַכט אין בולגאַריע. מיר האָבן מיט זיי שנעל געפֿונען אַ געמיינזאַמע שפּראַך, זיך צע־רעדט, געטוישט אָפּצייכנס, גענומען זינגען צוזאַמען רוסישע און העברעישע לידער; זיי האָבן זיך שנעל אויסגעלערנט „הבאנו שלום עליכם" און „הבה נגילה". געזונטע, לעבנלוסטיקע, שטאָלצע יוגנט־לעכע פֿון עטלעכע־און־צוואַנציק ביז די ערשטע דרייסיקער יאָרן. דאָס זענען נישט געווען קיין „פֿאַרשיקטע" אין סיביר, נאָר, אויסער דעם טייל געבוירענע, אָדער דערצויגענע אין סיביר, עכטע „סי־

ביריאַקעס" — פּרייוויליקע. אַ טייל טאַקע ענטוזיאַסטן, מיטגעררי־סענע פון דער פּראָפּאַגאַנדע: „מיר בויען אַ נײַ סיביר... מיר ענדערן דעם קלימאַט..." — דאָס ווערט דורך אונדזערע רוסישע באַן־שכנים געזאָגט אויפריכטיק, מיט גלויבן און איבערצייגונג. אַ גרויסער טייל, אָבער, איז געפאָרן קיין סיביר צוליב פּשוטע, מאַטעריעלע אויסרעכענונגען. דער לוין איז דאָרט מיט 50—80 פּראָצענט העכער, ווי פאַר דער זעלבער אַרבעט אין צענטראַל־רוסלאַנד; די סאָציאַלע באַדינגונגען — פיל בעסערע: צוויי חדשים אורלויב אין יאָר, מיט מעגלעכקייטן אים צו פאַרברענגען אין די בעסטע פּלעצער אין ראַטנפאַרבאַנד גופא און אין אַנדערע סאָציאַליסטישע לענדער; אַ פּענסיע־עלטער מיט אַ צען יאָר פריער; מעגלעכקייטן פאַר די קינדער צו שטודירן אויסער דער ריי, און אַנדערע פאַרלייכטערונגען. דער עיקר אָבער: מען קאָן, ווען מאַן און ווייב אַרבעטן אין סיביר, אָנזאַמלען אַ ביסל געלט אויף אַ „דאַטשע" אין צענטער, אויף אַן אויטאָ, און דאַן — מיט אַ ז אַ „סיבירער פאַרגאַנגענהייט" — אַריבער אויף אַ גוטן אַרבעט־פּלאַץ אין אַ בעסערן קלימאַט. אַ טייל האָט מיט אויפריכטיקער פאַר־ליבטקייט אין דעם שווערן סיבירער קלימאַט, געמאָלן די דאָרטיקע פרעסט, די האַלב־יאָריקע „נעכט" און אַזוי־לאַנגע „טעג". און ווען מיר זענען געפאָרן דורך די גרינע, בליענדיקע שוואַרץ־ערדיקע פליינען פון אוקראַינע, האָט אַלעמאָל אַ צווייטער פון זיי איבער־געחזרט מיט, דוכט זיך, עכטן, נישט־געמאַכטן גלויבן: „אונדזער סיביר וועט אויך אַזוי גרינען און פרוכטבאַר זיין!.. מיר וועלן צעלאָזן דאָס אייז מיט אַטאָמישער ענערגיע..."

אָבער נישט דאָס בין איך דאָ אויסן...

איינע פון דער גרופּע סיביריאַקעס האָט זיך פּלוצים אַ קלאַפּ געטאָן אין שטערן:

„אָה... איר זענט דאָך יעווריעין... צווישן אונדז איז דאָ איינער אַן אייעריקער... אין אַ צווייטן וואַגאָן".

נישט וואַרטנדיק אויף אַן ענטפער, איז זי אַוועק. אין עטלעכע מינוט אַרום איז זי צוריקגעקומען אין באַגלייטונג פון אַ יונגנמאַן פון אַ יאָר דרייסיק, מיט אַ טיפּיש־יידיש פּנים.

„עטאָ סאַלאָמאָן מייעראָוויטש...״ * — האָט זי אים פאַר אונדז פאָרגעשטעלט, און אָנווייזנדיק אויף צבי אספן — „דאָס איז זייער נאַטשאַלניק...״

דער בחור איז צוגעפאַלן צו אספן, אים אַרומגענומען און זיך מיט אים צעקושט. ער האָט זיך נישט זשענירט, נישט געשעמט און נישט געהיטן פאַר זיינע חברים, ווען ער האָט, אַ טיף־גערירטער, געשטאַמלט אויף יידיש:

„איך הייס שלמה... נישט סאַלאָמאָן... שלמה... יידיש... איך ייד...״ — דאָס איז געווען כמעט זיין גאַנצער ווערטער־אוצר אין יידיש.

די רוסישע יוגנטלעכע האָבן אַלע, ווי אויף אַ געגעבענעם, צי נישט־געגעבענעם צייכן, דיסקרעט זיך אַרויסגעשאַרט פון אונדזער קופּע — פאַרשטאַנען, אַז מען דאַרף אונדז לאָזן אַליין... דער בחור האָט זיך געטוליעט צו אונדז, זיינע אויגן האָבן געשיינט, ווי ביי איינעם, וואָס געפינט פּלוצלינג זיין פאַרלוירענע משפּחה... ער שטאַמט פון אוקראַינע. ער איז באַלד אין אָנהויב מלחמה, ווי אַ קינד, עוואַקואירט געוואָרן קיין סיביר. „דאָרט בין איך שוין אויפגעוואַקסן. סיביר איז מיין היימלאַנד...״ זיינע עלטערן, שוועסטער און ברידער זענען אַלע אומגעבראַכט געוואָרן דורך די נאַציס. ער געדענקט זיי כמעט נישט. פון דער נאָענטער פאַמיליע איז אים געבליבן בלויז איין מומע, וועלכע וווינט אין לענינגראַד; ער פאָרט איצט טאַקע צו איר, ענדיקן זיין אורלויב.

„זי קען גוט יידיש... זי ווייסט אַלץ, וואָס ביי אייך...״ — און ער פאַריכט באַלד — „ביי אונדז... אין יידישן לאַנד, הערט זיך״.

* די נעמען און אַדרעסן פון די אָנגעטראָפענע מענטשן, אָפט אויך די נעמען פון די שטעט, זענען, צוליב פאַרשטענדלעכע טעמים, געענדערט.

אָבער אויך ער ווייסט. ער האָט לאַנג געוואַרט, זיך צו קאָנען אַראָפּרעדן פון האַרצן פאַר אייגענע, פאַר ברידער. ער רעדט שנעל, דערציילט, פרעגט, שפרינגט אַריבער פון איין טעמע צו דער צווייטער. איילט זיך מיט די רייד, ווי מורא־האָבנדיק, אַז די געלעגנהייט וועט זיך אים באַלד ענדיקן... „יידן פון ישראל!.. טאַקע... אַלע... אַך, ווי גוט אייך צו זען... ס׳ערשטע מאָל, אַז איך טרעף אַזעלכע...״ ער היט זיך בכלל נישט, רעדט הויך:

„איך ווייס אַלץ, וואָס אין ישראל הערט זיך און טוט זיך... פון מיין מומען, פון ראַדיאָ אַמאָל, כאָטש ביי אונדז אין סיביר איז שווער צו כאַפּן ישראל... ניין, איך גלויב נישט, וואָס מען שרייבט וועגן אייך ביי אונדז... איך ווייס, אַז ס׳איז נישט ריכטיק... איך ווייס... איך ווייס...״

ער בעט ישראלדיקע אָפּצייכנס, פּאָסט־מאַרקעס, בילדער; ער וויקלט אַלץ דעליקאַט איין, לייגט אין די קעשענעס, ווי אוצרות. „פאַר מיינע קינדער...״ — ער האָט צוויי זין, אין פאָלקס־שול־עלטער. צום סוף האָט ער זיך מיט איינעם פון אונדז געטוישט מיט זיין האַנט־זייגערל — ס׳איז אפילו נישט קיין ישראל־פּראָדוקציע, נאָר אַ שווייצאַרישע, „אָבער ס׳איז געווען אין ישראל...״ אויך זיין חלום איז, צו זיין אין ישראל, כאָטש אויף אַ באַזוך, אויף אורלויב.

מיר האָבן געקוקט אויף דעם בחור, זיך איינגעהערט אין זיינע רייד און געגאַפט: פון וואַנען קומט צו אים, אַ דערצויגענעם צווישן פרעמדע, וועלכער זעט זעלטן אַ ייד, אַלץ אַרום אים איז נישט־יידיש פון קינדווייז־אָן, — פון וואַנען קומט צו אים אַזויפיל צוגעבונדנקייט און ליבע צו זיין יידיש פאָלק, צו זיין ביי, ווייט לאַנד? שלמה האָט אונדז איינגעלאַדן צו זיין מומען אין לענינגראַד, ווען מיר וועלן דאָרט זיין. מיר האָבן געמיינט, אַז ביי איר וועלן מיר באַקומען אַ תשובה אויף אונדזער פראַגע; אַ יידישע פרוי, וואָס רעדט יידיש...

איינעם אַן אָוונט אין לענינגראַד, זענען מיר צוגעפאָרן אויף

טרערן און בלומען אויפן וואָקזאַל פון קישינעוו

דעם אַדרעס, וואָס דער יונגערמאַן האָט אונדז געלאָזן. די טיר האָט פאַר אונדז געעפנט אַן עלטערע גרויע פרוי.

„שלמה?.. יאָ, ער איז דאָ... ווער זענט איר?..״

מיר זענען אַריבער אויף יידיש: „פון ישראל...״

„ער איז אין לענינגראַד... אָבער נישט אין שטוב... כ׳ווייס נישט ווען ער וועט זיין...״

די טיר האָט זיך פאַרהאַקט פאַר אונדזער נאָז.

מיר זענען אַוועק אָן תרעומות צו דער פרוי — מיר האָבן זיך נישט איינמאָל געטראָפן מיט אַזעלכע אויסדרוקן פון פחד, ספּעציעל ביי עלטערע יידן...

✶

„קישענעוו!״ — הערט זיך דער אויסרוף פון דער קאָנדוק־טאָרשע. מיר האָבן שוין לאַנג געוואַרט ביי די פענצטער און טירן פון וואַגאָן. איין גרופּע אונדזערע, אַ צוואַנציק ישראל־בירגער, שטייגט דאָ אויס.

ס׳איז געווען אַ זוניקער וואָכעדיקער פרימאָרגן. אָבער וואָס איז דאָ? ווען דער צוג גליטשט זיך פּאַמעלעך אַריין צום וואָקזאַל, דערזעען מיר אויפן פּעראָן צענדליקער און צענדליקער יום־טובדיק אויסגעפּוצטע מענטשן, פרויען און מענער, מיט גרויסע בוקעטן בלומען אין די הענט. די באַן שטייט שוין, און זיי שטראָמען נאָך אַלץ פונעם וואָקזאַל אַרויס; יונג און אַלט, מיט קינדער ביי די זייטן. די בלומען זענען גרויסע, פאַרשידנקאָלירטע, אין יעדנס הענט; זיי שעמערירן אין דער זון... ווי עפּעס אַ מאַרש, אַ דעמאָנ־סטראַציע. דער שמאָלער פּעראָן ווערט פול־געפּאַקט. צוערשט איז געווען שטיל, ווי אין דערוואַרטונג. ווען די טירן האָבן זיך געעפנט, איז געוואָרן אַ גערודער, אַ געפּילדער. מען האָט גערופן נעמען.

מיט מיר צוזאַמען איז אויסגעשטיגן פון וואַגאָן אַ פרוי פון אונדזער גרופּע. זי האָט נישט באַוויזן אַוועקצושטעלן די פיס אויפן

פעראָן, ווי ס׳איז צו איר צוגעפאַלן און זי אַרומגענומען אַן אַלטע פרוי מיט בלומען אין די הענט:

„מיין צירעלע!..״

„ניין... כ׳בין נישט צירעלע... איר האָט אַ טעות, צירעלע איז מסתמא אין צווייטן וואַגאָן...״

יענע האָט נישט באַוויזן אַוועקצוגיין און פון צווישן דער מאַסע האָט זיך אַרויסגעריסן אַ צווייטע אַלטיטשקע און גלייך אַרויפגע־פאַלן מיט טרערן אויף אונדזער חברטעס האַלדז:

„ריוועלע... מיין קינד...״ — זי איז אויך נישט ריוועלע.

מיר האָבן זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן. די טרערן זענען געפלאָסן פון די אויגן. וויפל צייט, און בלוט, זענען אָפגעפלאָסן, אַז מאַמעס, צי מומעס, דערקענען נישט זייערע קינדער, זייערע אייגענע און נאָענטע...

די קישענעווער גרופע איז אַרומגערינגלט געוואָרן. די בלומען האָבן זיך געהויבן איבער די קעפ, און געוויינען, שלוכצערייען האָבן זיך געטראָגן איבערן גאַנצן פעראָן.

מיר האָבן אַלע מיטגעוויינט.

„וואָס וויינט איר אַלע?״ — ווונדערן זיך די סיביריאַקעס, — „אָט טרעפן זיך אויך אַנדערע מיט אָפּוואַרטנדיקע, מען קושט זיך מיט פרייד, מען לאַכט...״

ווי קאָנען זיי עס דען פאַרשטיין? אַז דאָ זענען מיט נסים אָפגעראַטעוועטע, — איינער אין טראַנסניסטריע, דער צווייטער אין ארץ־ישראל, דער דריטער אין אַן אַנדער עק וועלט. איינער, צוויי פון אַ משפחה. מען האָט זיך קוים צוריקגעפונען. דאַן האָבן לאַנגע יאָרן אייזערנע, צי שקר־מויערן, אָפגעטיילט מיט געוואַלד איינעם פון צווייטן — ביז אַ מאַמע דערקענט נישט איר אייגן קינד... ווי קאָנען זיי, די סיביריאַקעס, דאָס פילן?..

„פרעגט אייער חבר, אונדזער סאַלאָמאָן מייעראָוויטש, ער וועט אייך אפשר דאָס אויסטייטשן...״

אָבער ער וועט עס אויך נישט באַווייזן...

אונדזער נסיון איז נאָך נישט געענדיקט.

די געוויינען שטילן זיך. מען קושט זיך נאָך און עס הערן זיך די ערשטע זאַצן פון באַגריסונג, פון פרייד נאָך צעשיידונג. און — אַנדערע גייען צוריק, ווי אבלים: זיי האָבן אומזיסט געוואַרט, זייערע זענען נישט געקומען. די קעפּ אַראָפּגעלאָזט צו דער ערד, די אויגן רויט פון וויינען און די בלומען פאַלן איינציקווייז אַרויס פון די אַראָפּהענגענדיקע הענט, ווערן צעטראָטן... מיר זענען שוין צוריק אין וואַגאָן, די באַן דאַרף באַלד רירן אין ווייטערדיקן וועג אַריין. רייסט זיך אָפּ פון די לעצטע אַן אַלטער גרייז־גרויער מאַן, דערנענטערט זיך צו אונדזער פענצטער און שטרעקט אויס די בלומען:

„נעמט צו, ליבע מענטשן, נעמט די בלומען... גריסט מיין זון אין רמת־גן...״ — זיין שטימע ברעכט זיך פון טרערן און געררירט־קייט — „ער האָט געדאַרפט קומען... ווער ווייסט צי כ׳וועל נאָך דערלעבן אים זען... שוין אַ פּאָר־און־דרייסיק יאָר אַוועק...״

דער אַלטער קאָן ווייטער נישט רעדן. ער לאָזט די בלומען און דרינגט אַריין צווישן עולם.

זייט־זשע שטאַרק און וויינט נישט!..

אָבער ווי קאָנען עס די סיביריאַקעס פאַרשטיין?.. נאָר שלמה, דער פאַרבלאָנדזשעטער סאַלאָמאָן מייעראָוויטש, וויינט־מיט מיט אונדז...

אין קיעוו -
צווישן פּאַדאָל און דיבנייעווקע

איינער פון אונדזער גרופּע האָט געבראַכט פּאַר אַ ייד אין קיעוו אַ פּעקל פון אַ קרוב אין ישראל. אונדזער אויפהאַלט אין קיעוו איז געווען אַ קורצער און איבערפולט מיט אויספלוגן און באַזוכן, וועלכע ס׳איז דאָך אַ שאָד געווען צו פאַרלירן. גלייך נאָך אונדזער אָנקום קיין קיעוו, — דאָס איז אויך געווען אונדזער ערשטער טאָג אין ראַטנפאַרבאַנד — האָט מיר דער חבר פאָרגע־לייגט אים צו באַגלייטן דעם צווייטן טאָג באַגינען, אָפּצוגעבן דאָס פּעקל.

„מיר וועלן עס מאַכן גאַנץ פרי און באַווייזן צוריקצוקומען אין האָטעל אַריין צום אויספלוג״, — און כדי מיר צוצוגעבן חשק, צוגעוונקען — „דער ייד וווינט אויף פּאַדאָל, שלום־עליכמס אמתער אַמאָליקער יעהופּעץ...״

איך האָב מסכים געווען, מיטן באַדינג, אַז מיר וועלן גיין אַהין צופוס. איך ווייס און זאָג אים:

„ביסט דאָך אַן אויפגעוואָקסענער אין קיעוו, לאָמיר זען צי דו געדענקסט נאָך דעם וועג און דער עיקר — וואָס איז געבליבן, זינט ביסט אַוועק פון דאַנען מיט קנאַפּע פערציק יאָר צוריק...״

מיר זענען אויפגעשטאַנען אַרום פיר אַזייגער באַגינען. ווען מיר זענען אַרויס פון האָטעל האָט קוים גענומען טאָגן. די גאַסן זענען נאָך געווען כמעט ליידיק, בלויז זעלטן איז דורכגעפאָרן אַן אויטאָ. פּאַמעלעך האָט זיך געשטעלט אַ קילער זוניקער אוקראַי־נישער האַרבסט־טאָג.

דער האָטעל „אוקראַינאַ״, ווו מיר האָבן געוווינט, געפינט זיך אין צענטער שטאָט. „פּאָדאָל איז אין צפון,ביים דניעפּער, מ׳עט שוין טרעפן...״ — איז מיין חבר געווען זיכער. מיר זענען אַרויס אויפן קרעשטשאַטיק. אַ ברייטע אַלייע, מיט הויכע נייע הייזער איןביידע זייטן. אַמטן, מיניסטעריומס, אין איין זייט; אַנטקעגן — גרויסע געשעפטן, וווין־הייזער.

„דאָס איז אַלץ ניי״, — דערמאָנט זיך מיין באַגלייטער — „אין מיין צייט איז עס געווען אַ שמאָלע, נאָך ווייניק־באַלויכטענע גאַס״.

מיר דערנענטערן זיך צום דניעפּער. ווען מיר קומען אַרויף אויף דעם „נאַבערעזשנע״־שאָסיי, בלאָזט אַ שטאַרקער ווינט פון טייך, וואָס כוואַליעט זיך און בלויט זיך אין גרויעם באַגינען. מיר גייען פאַרביי דעם לייכטן אַריבערגעוואָרפענעם ספּעציעלן בריק צו דער פּלאַזשע אויפן צווייטן ברעג און דערנענטערן זיך צום טייך־וואָקזאַל. די גאַסן ווערן שמעלער, די טראָטואַרן קרומער, די הייזער — עלטער און אַלץ מער אָפּגעלאָזן.

„אָט באַווייזט זיך קיעוו פון מיין קינדהייט...״ — רעדט ער שטיל, ווי מורא־האָבנדיק מען זאָל אים נישט דערהערן.

מיין חבר האָט געדענקט דעם וועג. ער האָט זיך קיין איינמאָל נישט געדאַרפט אינפאָרמירן, נישט געפרעגט. נאָך אַן אַנדערהאַלבן שעה גיין זענען מיר אָנגעקומען אויפן פּאָדאָל. אַן אַלטער, אָפּגעלאָזענער קוואַרטאַל. געמויערטע, שווערע נידעריקע געביידעס. די ציגלנע ווענט זענען געקאַרבט, ווי די הויט ביי זקנים. שווערע אַלטערטימלעכע הילצערנע און אייזערנע טויערן, וואָס פירן אין הייפן אַריין. אין אַ ווינקל פון יעדן הויף — אַ גרויסער בית־שימוש, פאַר אַלע איינוווינער פונעם הויז, וואָס דערמאָנט דאָס קליינע פּוילישע שטעטל. אַמאָל אויך אַ וואַסער־פּלומפּ אינמיטן הויף — אַ באַווייז, אַז אין די הייזער איז קיין וואַסערלייטונג נאָך נישטאָ.

עס איז נאָך געווען גאָר פרי, ווען מיר זענען אָנגעקומען מיטן

פעקל אויפֿן אָנגעגעבענעם אַדרעס. עס האָט אונדז געעפֿנט אַן אַלטע פֿרוי. מיר האָבן איבערגעבעטן פֿאַרן אויפֿוועקן פֿון שלאָף. דער מאַן איז געלעגן אין בעט, קראַנק, נאָך אַן אָפּעראַציע. די זקנים האָבן גלייך אויפֿגעפּאַקט דאָס פּעקל: מלבושים. דער אַלטער האָט מיט אַ שוואַכער שטימע גערעדט:

„גיט איבער אַ דאַנק... עס וועט טאַקע צונוץ קומען... אָבער, מיר זענען דאָך שוין אַלטע לייט... אויך אים איז דאָרט זיכער נישט אַזוי לייכט... אונדז האָט ער געדאַרפֿט שיקן עפּעס אַנדערש: אַ טלית און תּפֿילין דאַרף איך — מיט דעם וואָלט ער מיך מחיה געווען... פֿון מיין טלית שיטן זיך שטיקער, איר ווילט זען?.. די רצועות פֿון מיינע תּפֿילין זענען צעריסן, צוגעבונדן... און די זאַכן זענען ביי אונדז נישט צו באַקומען...״

מיין חבֿר האָט געהאַט ביי זיך אַן אייגן סידורל און עס אים געגעבן, איך — אַ יידישן לוח. דער זקן האָט זיך אַזש אויפֿגעזעצט אין בעט, כאָטש מען האָט געזען ווי שווער דאָס קומט אים אָן. ער האָט באַקוקט אונדזערע מתּנות פֿון אַלע זייטן, זיי געגלעט מיטן בליק און מיט די הענט, געמישט, געבלעטערט:

„ניי... טאַקע פֿון היי־יאָר...״

באַלד זענען אַריינגעקומען שכנים. ווי פֿון דער לופֿטן איז דער הויף געוואָרן, אַז עס זענען געקומען יידן פֿון ישׂראל. פֿאַרשלאָפֿענע נאָך איז מען אַרויס פֿון די דירות. מיר זענען אַרויס אויפֿן הויף. מען האָט אונדז אַרומגערינגלט; באַשאָטן מיט פֿראַגעס, אָבער אויך געענטפֿערט אויף אונדזערע פֿראַגעס. נישט אַלע גלייך. פֿיל זענען געשטאַנען אַ ביסל פֿון ווייטן, זיך איינגעהערט, אָבער געשוויגן. אַנדערע האָבן גערעדט צוריקגעהאַלטן.

פֿאַדאַל איז אַ ריין־יידישע געגנט, „דעריבער זעט זי אַזוי אויס...״ — האָט מיט פֿאַרביטערונג צוגעוואָרפֿן אַ גאַנץ יונגע פֿרוי. ווען כ׳האָב זי, כלומרשט נישט פֿאַרשטייענדיק, געפֿרעגט: „וואָס מיינט איר מיט דעם?״, האָט זי אַ מאַך געטאָן מיט אַ האַנט און

איז אַוועק. אין אַט־די אַלטע געסלעך וווינען, נישט בלויז אין זעבאַרער, נאָר פּשוט אָנטאַפּבאַרער ענגשאַפט, מינימום צוויי הונ־דערט טויזנט יידן, און מעגלעך, אַז „פיל־פיל מער״, ווי עס גיט צו אַ צווייטער ייד. פאַראַן נאָך אַ יידישע געגנט, אין צווייטן עק קיעוו, אויף דרום, אין סטאַלינקאַ...

„סטאַלינקאַ?..״ — פרעג איך איבער פאַרוווּנדערט — „נאָך געבליבן אַזאַ נאָמען אין קיעוו? און נאָך אויף אַ יידישן קוואַרטאַל, ווי איר זאָגט?״

„יאָ. אַזוי רופט מען נאָך אַלץ אונדזער אַלטע דימייעווקע...״

מיר זענען געגאַנגען איבער שמאָלע אַלטע געסלעך, געפירט דורך אומבאַקאַנטע באַגלייטערס, וועלכע האָבן מיט אונדז גערעדט, אַמאָל בלויז געקוקט אויף אונדז, געדריקט די האַנט און אַוועק. ווען מיר האָבן גענומען גיין צום טראָלייבוס, האָבן מיר אָנגעטראָפן גיין אויפן זעלבן טראָטואַר און אין דער זעלבער ריכטונג, אַ מאַן פון אַ יאָר עטלעכע־און־פערציק, שיין געקליידט, מיט אַ קליין יואַליזקעלע אין האַנט. אונדזערע באַגלייטערס האָבן זיך מיט אים פריינטלעך באַגריסט און אים פאַר אונדז פאָרגעשטעלט:

„אונדזער דאָקטאָר...״

„פון ישראל?..״ — האָט ער אונדז אָפּגעמאָסטן מיט אַ גאַנץ שטייפן בליק. ער האָט גערעדט אַ שוואַכן יידיש, מיט אַ רוסישן אַקצענט. אין אָנהויב האָט ער געפרעגט אויף אונדזער באַשעפטיקונג, פאַרדינסטן, ווי אַזוי מען קאָן זיך דערלויבן אַזאַ רייזע, זייענדיק אַרבעטער. ער איז איינגעשטיגן אין זעלבן טראָלייבוס, וואָס מיר; ער איז געפאָרן צו זיין אַרבעט אין שפּיטאָל אַריין. ווען מיר זענען געבליבן מיט אים אַליין, איז ער פּלוצלינג זייער ערנסט געוואָרן, זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט און דאַן האָט ער, שטיל, כדי די איבעריקע פּאַסאַזשירן, מסתמא, זאָלן נישט הערן, געפרעגט:

„פאַרוואָס באַהאַלט ישראל פאַר דער וועלט דאָס הייל־מיטל קעגן ראַק?..״

אויף אַזאַ פראַגע האָבן מיר זיך נישט געריכט און דערשטוינט אים געענטפערט:

„האַ?!.. וואָס רעדט איר?!..“

„יאָ, יאָ. מיר ווייסן וועגן דעם. איך אַרבעט אין שפּיטאָל אויף דעם געביט. מיר האָבן אַזויפיל קראַנקע אויף ראַק, אַזויפיל טויט־פאַלן און איר באַהאַלט דאָס היילמיטל...“

„אָבער, דאָקטאָר, פאַרשטייט, ווי אומזיניק דאָס איז... אויך ביי אונדז שטאַרבט מען דאָך פון דער קראַנקייט...“

„ווייל מען וויל ביי אייך נישט היילן דאָס פּראָסטע פאָלק...“ — ווערט ער שוין אויפגערעגט און הויבט העכער די שטימע, — „מיר ווייסן אפילו, אַז פאַר אונדזערע פירער, די גאָר הויכע, האָט איר שטענדיק גרייט צוויי בעטלעך אין ירושלים, אויף יעדן דרינגנדיקן פאַל... אונדזערע דאָקטוירים ווייסן עס, אונדזער גאַנצער שפּיטאָל־פּערסאָנאַל רעדט וועגן דעם און מען איז אויפגערעגט קעגן אייך...“

מיר האָבן אים געפּרוווט אויפווייזן, איבערצייגן — עס האָט גאָרנישט געהאָלפן. ער האָט צום סוף בלויז צוגעגעבן:

„איר זענט פּשוטע אַרבעטער און נאַיווע מענטשן — אויך איר ווייסט נישט וועגן דעם, מען באַהאַלט אין ישראל אויס דעם סוד פון אייגענעם פאָלק...“

און ער איז געבליבן ביי זיינס.

✶

דעם צווייטן טאָג האָט מיך דער זעלבער חבר געפירט קיין דימייעווקע — דאָס היינטיקע „סטאַלינקאַ“. ער דערקענט די געגנט, כאָטש זי איז צוביסלעך איבערגעבויט. דער גרויסער פּאַרק, אין צענטער פון דימייעווקע, איז אויפן אָרט פון אַן אַלטן מאַרק מיט יידישע געוועלבלעך און וואַרשטאַטן. אויך די צוויי־דריי הויפּט־געסלעך זענען איבערגעבויט, פאַרברייטערט, מיט נייע הייזער. אָבער גלייך הינטער זיי — קרומע, שמאָלע געסלעך, מיט היל־

צערנע, אָפּט האַלב־איינגעפאַלענע הייזער, מיט פּאַרסאַזשעטע קוימענס אויף די דעכער.

„אַזוי האָבן זיי אויסגעזען מיט פערציק יאָר צוריק, ווען כ׳בין פון דאַנען אַוועק״ — דערציילט מיין חבר — „און זיי זענען דעמלט שוין געווען אַלט, די הייזער, אָן באַקוועמלעכקייטן אפילו פאַר יענער צייט...״

וויפל יידן לעבן דאָ? אומעגלעך צו באַקומען קאָנקרעטע ציפערן. איינער גיט אָן — 50,000; אַ צווייטער פאַרדאָפּלט — 100,000; אַ דריטער גיט גלייך צו דעם זעלבן „פיל־פיל מער...״ אָבער זיכער — אַ קאָמפּאַקטע יידישע געגנט, מיט צענדליקער טויזנטער איינוווינער. דאָ רעדט מען ווייניקער יידיש און דער עיקר — שטילער... די באַפעלקערונג איז אַ געמישטע; הינטער דער הילצערנער וואַנט, אָפּט אפילו אין צווייטן צימער — זייענדיק שותפים צו דער קיך — ווינען אוקראַינער...

מיר האָבן דאָ באַזוכט אַ יידישע פאַמיליע, פון וועלכער דער מאַן און די פרוי אַרבעטן אין אַ גרויסן מאַגאַזין. זיי האָבן צוויי טעכטער — איינע שטודירט, די צווייטע אַרבעט אין אַ טעקסטיל־פאַבריק. פרנסה איז דאָ, ווען דריי מענטשן אַרבעטן אין אַ משפחה. אָבער מען וווינט אין איין צימער. איצט זאַלבעדריט, ווען די שטודירנדיקע טאָכטער קומט אַהיים — שלאָפן אַלע פיר אין דעם איינציקן, גאָרנישט גרויסן צימער...

„מיר זענען אויף דער ליסטע, מיר דאַרפן באַקומען אַ וווינונג, אָבער דערווייל רירט זיך עס נישט...״

די עלטערן, אין די אָנהויב פופציקער יאָרן, רעדן גוט יידיש; די עטלעכע־צוואַנציק־יאָריקע טאָכטער — שוואַכער. זיי זענען פיר שכנים אין דער וווינונג, נאָך צוויי יידישע און איין אוקראַי־נישע משפחה.

„אַנטקעגן דעם, וואָס מיר האָבן איבערגעלעבט, איז אונדז איצט גוט... מען האָט צו עסן... מען נעמט אויף געסט אפילו פון

אויסלאַנד, ווי איר זעט... אָבער, וואָס עס שטייט הינטער דער טיר, וואָס דער מאָרגן וועט ברענגען — ווייסן מיר אַלץ נישט..." — זאָגט אָפּנהאַרציק, מיט אַ קרעכץ, דער מאַן.

„די נישט־זיכערקייט איז נאָך אַלץ פאַרבליבן..." — גיט צו די פרוי, — „און דאָס פאַרסמט דאָס לעבן..."

און ווי זאָל די נישט־זיכערקייט נישט פרעסן די רו ביי אַ ייד?

געדענקען נאָך די עלטערן די יידישע צייטונגען, זשורנאַלן און ביכער, וואָס פלעגן דערשיינען אין קיעוו; די יידישע שולן, אין וועלכע זיי האָבן ביידע קינדווייז געלערנט, — „וועגן דעם חלומען מיר שוין נישט..." — „מיר", די 200, צי 300 טויזנט, און אפשר טאַקע נאָך מער, יידן אין קיעוו. „אויך אַן אָרגאַניזירט יידיש־געזעלשאַפטלעך לעבן איז דאָך אין אונדזער רעזשים אויסגעשלאָסן. אָבער קיין שום יידיש קולטור־לעבן טאָרן מיך אויך נישט האָבן..." אין קיעוו קומט קיינמאָל נישט פאָר קיין יידישער געזאַנג־קאָנצערט, נישט קיין טעאַטער־פאָרשטעלונג פון די וואַנדערנדיקע יידישע קינסטלער און אַרטיסטן־גרופּעס. אין מאָסקווע און אין לענינגראַד — יאָ, אין ווילנע און ריגע אויך, „נאָר ביי אונדז אין קיעוו, אין ‚הייליקן קיעוו', אין דער ‚מוטער פון די רוסישע שטעט', טאָר מען דאָס נישט..."

„אויך איר נויטיקט זיך אין אַ יידיש קולטור־לעבן?" — פרעג איך ביי דער טאָכטער.

„אוודאי!..." — ענטפערט פאַר איר האַסטיק דער פאָטער — „זי איז אַ יידיש קינד, זי ווייסט עס און פילט עס..."

„איך יידיש וויל אויסלעבן..." — רייסט די טאָכטער איבער מיט איר צעבראָכענעם מאַמע־לשון, אָבער דער פאָטער לאָזט איר נישט פאַרזעצן, נאָר רעדט אַליין:

„מיר זענען נישט רעליגיעז. איך און מיין פרוי גייען קיינמאָל נישט אין שול אַריין, אפילו נישט אין יום־כיפור; און אונדזער טאָכטער — יאָ, טאַקע בלויז איינמאָל אין יאָר, שמחת־תורה, אָבער

זי גייט... אַ מאָדע געוואָרן אַזאַ, זינט עטלעכע יאָר, מען טאַנצט איין אָוונט אין יאָר אַרום דער תורה — דאָס איז זייער דערלויבטע יידישקייט, כאָטש זיי ווייסן אָפט נישט, וואָס אַזעלכעס איז די ספר־תורה...״

דערציילט אונדז שפּעטער די טאָקטער, ווי יוגנטלעכע — י י ד י ש ע — וואָס קומען שמחת־תורה אין שול אַריין, רופן: „ראַדי כריסטאַ, דאַיטיע פּאָצעלאָוואַט טאָרו...״ — אין נאָמען פון קריסטוסן, לאָזט זיי קושן די תורה...

✶

דאָס גאַנצע יידישע קיעוו פאַרמאָגט אויך נישט מער ווי איין טעטיקן בית־כנסת. ער געפינט זיך אויף פּאָדאָל, אויף שטשיקאָ־וויצקאַיאַ־גאַס. דערציילט מען וועגן יידן פון סטאַלינקאַ, וועלכע טראָגן זיך איבער אין שול אַריין אויף גאַנץ יום־טוב — זיי וועלן דאָך נישט פאָרן הין־און־צוריק און מחלל־יום־טוב זיין...

אַן אַלטע געביידע, טיף אין אַ גרויסן און פוסטן הויף. שבת איז פול. אינטערעסאַנט, דאָ קאָן מען טרעפן אויך פאַרהעלטניש־מעסיק יונגע מענטשן, אפילו ביי די פערציקער, וועלכע שטייען אין טליתים און דאַוונען געשמאַק, בלעטערנדיק די אַלטע אויס־געריבענע סידורים — פון ניקאָלאַיס צייטן...

אין פאַליש ווערט מען אַרומגערינגלט דורך יידן. ס׳איז קיעוו און — מען מוז באַלד אַרויפקומען אויף דער „טעמע״: באַבי יאַר. איז דען מעגלעך אַנדערש? מישט זיך אַריין אַן עלטערער ייד:

„איר ווילט אַ מצבה אין באַבי יאַר... פאַרוואָס מאַכט איר זיך נישט ווויסנדיק, אַז ס׳איז שוין באַלד נישט געבליבן קיין איין גאַנצע מצבה אין לוקיאַנוווקע?״

אַזוי בין איך געוואויר געוואָרן וועגן אַן אַלטן יידישן בית־עלמין אין קיעוו; כ׳האָב אויסגענוצט אַ פרייע שעה און געבעטן מיך אַהין אָוועקפירן. כ׳בין נאָכאַמאָל אַדורכגעפאָרן באַבי־יאַר, ס׳איז נאָענט, זייער נאָענט...

דעם טויער פונעם בית־עלמין האָבן מיר נישט געדאַרפט זוכן...
מיר זענען אַריין דורך איינעם פון די פיל אויפגעריסענע ערטער
אין שטיינערנעם גדר. אַ ריזיק־גרויס „פעלד״. ווילד־צעוואָקסענע
ביימער און קוסטעס, דערנער און ווילדע גראָזן. און צווישן דעם
אַלעמען — מצבות. יידישע מצבות. פון פּראָסטן שטיין, פון גראַניט,
פון מאַרמאָר. אומגעוואָרפענע, צעבראָכענע, אַרויסגעריסענע פון
די ערטער. בלויז וור־נישט־ווו זענען די קברים נישט צעשטערט,
די מצבות געבליבן גאַנץ און אָפּגעהיטן; אַ טייל — צופעליק;
אַנדערע — שטאַרק און גרויס, אַז די צייט און די וואַנדאַלן־הענט
צוזאַמען האָבן זיי נאָכנישט באַרירט; געציילטע — אָפּגעריייניקטע,
פריש אַרומגעצוימטע אפילו, געהיטן דורך צאַרטע הענט פון די
לעבנגעבליבענע קרובים.

שטיל. מען זעט נישט קיין לעבעדיקן נפש. בלויז פייגל צוויי־
טשערן אויף די צווייגן. נאָר פּלוצלינג האָבן זיך דערהערט טריט.
פון אַ ווייט ווינקל זענען אַרויס, געאָרעמט, צוויי אַלטע פרויען.
מיר האָבן זיך צו זיי דערנענטערט. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט און
מיט פאַרוואונדערונג אונדז באַטראַכט. עס האָט געדויערט אַ לאַנגע
ווײַלע ביז איינע האָט געענטפערט אויף אונדזער באַגריסונג:

„פּרעמדע, האַ ?..״

„פאַרוואָס פּרעמדע, מומעשי ?.. אייגענע !״

„כ׳מיין... פון וואַנען ?״

דערהערט, אַז מיר זענען פון ישראל, האָבן זיך די זקנות מיט
אונדז דערפרייט און צום סוף געזאָגט:

„גייט, קינדערלעך, זייט מתפלל אויפן קבר פון אַ צדיק... אויך
ישראל דאַרף הילף פון אויבערשטן...״

זיי האָבן אונדז אַוועקגעפירט צום „אוהל״ פון מאַקאַראָווער
רבין. אומבאַרירט. הינטער דער מצבה זענען פאַרשטעקט „קוויט־
לעך״. ווען כ׳האָב זיך איינגעבויגן איינס אויפצוהייבן, האָבן מיר
די זקנות נישט געלאָזן: „חלילה... מען טאָר נישט...״

שוין ביים פאַרלאָזן דעם בית־עולם האָבן מיר באַמערקט אַ טונקעלע גאַנצע גראַניט־מצבה, אויף וועלכער עס האָט געצויגן די אויפמערקזאַמקייט אַ גרויסער אויפשריפט אין דייטש. כ'האָב מיט פאַרוואונדערונג געלייענט: „די ליידן פון מיין פאָלק זענען מיין ווייטיק און כ'וועל אויסגעהיילט ווערן פון מיין פיין, ווען די בני־ישראל, פרייע אויף זייער ערד, וועלן ווידער טראָגן זייער תפילה צו גאָט אין הימל". אונטער דעם: „פ. נ. מאַקס מאַנדעלשטאַם, 1839—1912".

אַ פּאָר טעג שפּעטער, אויף אַ שטאָטישן בית־עולם אין מאָסקווע, האַרט הינטערן מויער פון אַ צערקווע, האָבן מיר אָנגעטראָפן אויף אַ קבר מיט צוויי מצבות פון שוואַרצן מאַרמאָר און מיט גאָלד אויסגעקריצטע אותיות אין רוסיש — דער זעלבער נאָמען, ווי אין קיעוו: מאַנדעלשטאַם. אַרום זענען געווען קברים מיט פּראַוואָסלאַוונע צלמים; בלויז דער קבר, אַרומגערינגלט מיט פעסטע אייזערנע שטאַכעטן, האָט נישט געטראָגן קיין שום צייכן — נישט קיין קרייץ און נישט קיין מגן־דוד. בלויז: „מאַנדעלשטאַם: בנימין, 1819—1886. לעאָן, 1819—1889".

איז אַדורך פאַרן דמיון אַ שטורמיש קאַפּיטל יידיש־רוסיש לעבן, וואָס דוכט זיך אויס, אין אַזאַ קורצער היסטאָרישער פּערספּעקטיוו, צו זיין שוין אַזוי נישט־רעאַל, ווי עפּעס פון אַ צווייטער וועלט...

די צווילינג־ברידער בנימין און לעאָן (אריה־יהודה) מאַנדעלשטאַם, זענען געווען פּובליציסטן און שרייבער, געשריבן אין רוסיש און העברעיש. קעמפער פאַר השכלה און גלייכצייטיק פאַרביסענע פּרעדיקער פאַר אַסימילאַציע, שפּראַכלעכער און קולטורעלער — אין רוסיש. זייער ברודער־זון, מאַקס (עמנואל) מאַנדעלשטאַם, אַ באַרימטער אויגן־דאָקטאָר אין קיעוו און פירער פון די אָרטיקע ציוניסטן, האָט פאַרביטערט באַקעמפט זיינע צוויי פעטערס, רופנדיק צו פלעגן די יידישע קולטור און די יידישע

נאַציאָנאַלע שפּראַכן. ער איז געווען פון די ערשטע ענטוזיאַסטישע אָנהענגער פון הערצלען און פון פּאָליטישן ציוניזם. ער איז אָבער מיטגעריסן געוואָרן פון זאַנגווילס טעריטאָריאַליזם און ווען דער זעקסטער ציוניסטישער קאָנגרעס האָט אָפּגעוואָרפן דעם אוגאַנדאַ־פּלאַן, איז ער אַוועק פון דער ציוניסטישער באַוועגונג.

זיין קבר אין קיעוו איז, — פּונקט ווי די קברים פון זיינע פּעטערס אין מאָסקווע, — געבליבן אומבאַרירט, די מצבה גאַנץ. אָבער אויף ווי לאַנג נאָך?.. ביים פאַרלאָזן דעם בית־עלמין, זאָגט כמעט מיט טרערן איינע פון די יידישע זקנות:

„איצט דאַרף דער צדיק רחמים, מער אפשר ווי מיר... מען דערציילט, בסוד, אַז מען גייט ליקווידירן דעם בית־עולם און בויען אין לוקיאַנוווקע אַ פּלי־פּלאַץ...”

„עס קאָן געשען אַ נס...” — רייסט איר איבער די צווייטע — „די צדיקים וועלן נישט דערלאָזן, ווי מיט די הייזער אין באַבי־יאַר...”

*

בעת אונדזער ווײַלן אין קיעוו איז דאָרט פאָרגעקומען אַן אינטערנאַציאָנאַלע אויסשטעלונג פון עופות־צוכט, אין וועלכער עס האָט זיך אויך באַטייליקט ישראל.

דער אויסשטעלונג־פּאַרק איז אַ גרויסער, מיט צענדליקער פּאַווילאָנען פון פאַרשידנאַרטיקן כאַראַקטער, וואָס זענען פערמאַ־נענט אָפן, און שפּיגלען אָפּ די געשיכטע און אַנטוויקלונג פון אוקראַינע, אויף אַלע געביטן פון לעבן און שאַפן. אין דעם טאָג, אָבער, ווען מיר זענען דאָרט געווען, האָבן אַלע באַזוכער גע־שטראָמט צו דעם פּאַווילאָן, אין וועלכן עס איז פאָרגעקומען די עופות־צוכט־אויסשטעלונג. געווען דאָרט אָפּטיילונגען און סטאַנדן פון עטלעכע צענדליק לענדער פון אַלע קאָנטינענטן, פון אַלע מעגלעכע רעזשימען, ספּעציעל גרויסע און ארומנעמענדיקע —

פון די סאָוויעטישע רעפּובליקן. זענען מיר אין אַלע אָפּטיילונגען און סטאַנדן גאַנץ פריי אַריינגעקומען, געקאָנט באַקוקן, באַקומען אויפקלערונגען. בלויז צו איין סטאַנד איז אומעגלעך געווען צוצו־קומען — דעם ישראלדיקן. טויזנטער מענטשן האָבן זיך אַהין געשטופּט, ממש קאָפּ־אויף־קאָפּ. מענטשן זענען געדולדיק געשטאַ־

בילדער פון ירושלים אין קיעוו — פאַרן אַריינגאַנג אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער עופות־צוכט־אויסשטעלונג

נען שעהן אין דער ריי, כדי צו באַקומען פון אונדזערע באַאַמטע אַ פּראָספּעקט און אויפקלערונג־מאַטעריאַלן — אין רוסיש, נאָר מיט בילדער פון ישראלדיקע עופות, אייער און היינער־שטייגן... מען האָט געריסן פון די הענט, געבעטן, דעם מעטאַלענעם אָפּצייכן פון אונדזער אָפּטיילונג, מיטן העברעישן וואָרט „ישראל", אַ גע־ווײנלעכע שפּילקע, אָנצוטאָן אין לאַץ...

מיר זענען נישט צוגעקומען נאָענט, גאָרנישט געזען אין יש־

ראלדיקן סטאַנד — און דאָך געזען און געהערט זייער־זייער פיל...

מיט געמישטע געפילן האָבן מיר געקוקט אויפן דאָזיקן המון, וואָס שטופּט זיך, כדי כאָטש אַ מינוט אָנצוקוקן אַ קליין ישראלדיק, יידיש, ווינקעלע און באַקומען אַ פּאַפּירל, אַ פּשוטע שפּילקע, ווי אַן אָנדענק פון דער יידישער מדינה. האָבן מיר זיך געפרייט, געוועזן שטאָלץ, און גלייכצייטיק זענען אויפגעקומען טרויעריקע געדאַנקען: פאַרוואָס זאָלן יידן דאַרפן וואַרטן אויף אַזעלכע געלעגנהייטן, אַמאָל אין אַ יובל, כדי זיך צו וואַרפן, אַזוי אויסגעהונגערט, אויף אַ ישראלדיק, צי יידיש, ווינקעלע ?..

כ׳האָב געפּרווט זיך אויסמישן אין דעם המון, פרעגן, רעדן. די מערהייט, — און אפשר אַלע הונדערט פּראָצענט — זענען געוועזן יידן; מעגלעך, אַז אויך די יעניקע, וועלכע האָבן אויף דער פראַגע: „פון וואַנען איז אַ ייד ?", געהויבן מיט די פּלייצעס: „ניע פּאָנימאַיו..." — זענען געוועזן יידן. יונגע און אַלטע, מענער און פרויען, פון קיעוו און פון גאַנץ ווייטע שטעט און שטעטלעך.

„וואָס שטופּט איר זיך אַזוי ?.. וואָס איז דאָ דען פאַראַן צו זען ?.." — האָב איך כמעט יעדן געשטעלט די זעלבע פראַגע, וועלנדיק הערן דעם ענטפער.

„וואָס הייסט ?.." — האָט מיר געענטפערט אַ ייד אין די מיטעלע יאָרן — „ס׳איז דאָך ישראל... י ש ר א ל..." — ער האָט אַזוי אונטערגעשטראָכן דאָס וואָרט „ישראל", אַז אַלע פראַגעס זענען געוועזן פאַרענטפערט...

אָט איז אַ פאַמיליע פון פינף פּערזאָן: עלטערן מיט דריי זין, פון 10, 13 און 17 יאָר. זיי קומען פון אַ קליין שטעטל — אַ באַקאַנטער נאָמען פון אַמאָליקן „תחום המושב" — קנאַפּע פיר שעה רייזע מיט דער באַן פון קיעוו. ס׳איז זונטיק און די גאַנצע פאַמיליע איז צוזאַמען געקומען אויף דער אויסשטעלונג. רעדט צו מיר דער פאָטער:

„איר, אין ישראל, קאָנט עס אפשר נישט פאַרשטיין... דאָ קאָן

איך דאָך ווייזן מיינע קינדער, אַז אויך מיר זענען עפּעס... ביי אונדז אין שטעטל איז היינט אפילו קיין בית־כנסת נישטאָ, די קינדער זאָלן ערגעץ קאָנען זען, — יאָ פּרום, צי נישט־גלויביק — אַז יידן זענען יידן..."

ער האָט עפּעס איינגעטענהט מיט די קינדער אין רוסיש, אָנווייזנדיק אויף מיר. רעדן מיט זיי האָב איך, צום באַדויערן, נישט געקאָנט — זייער איינציקע שפּראַך איז רוסיש; איך האָב זיי בלויז געדריקט די הענט, און לאַנג האָבן מיר אין די אויערן געקלונגען די ווערטער פון זייער פאָטער: „...יידן זענען יידן..."

נ״ט א ייִד פֿון בערדיטשעוו אין קיעוו

ווי אין אַלע גרויסע שטעט פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד, קאָן מען אויך אין קיעוו קויפֿן אַ וועגווייזער־ביכל, אַרויסגעגעבן אין פֿאַרשידענע שפּראַכן, פֿאַר אויסלענדישע טוריסטן. בלעטער איך ווידער און ווידער אין דעם לוקסוסדיק־אַרויסגעגעבענעם ביכל און זוך...

זענען דאָרט אויסגערעכנט, און פֿאָטאָגראַפֿירט, צענדליקער און צענדליקער אויפֿשריפֿטן אויף הייזער, ווו עס האָבן געוווינט באַרימטע און פֿאַרדינסטפֿולע מענטשן. אַזוי איז, למשל, דאָס גאַנצע זייטל 58 פֿאַרנומען מיט אַ בילד פֿונעם אויפֿשריפֿט אויפֿן הויז, ווו עס האָט געוווינט, אין יאָר 1706—1707, דער צאַר פּיאָטר דער ערשטער... זוך איך אויך דעם אויפֿשריפֿט אויפֿן הויז, ווו עס האָט געוווינט שלום־עליכם. אומזיסט. ער האָט נישט זוכה געווען דער־מאָנט צו ווערן אינעם דאָזיקן ביכל פֿון „מלוכה־פֿאַרלאַג פֿאַר פּאָ־ליטישער ליטעראַטור פֿון דער אוקראַיִנישער סאָוויעטישער רע־פּובליק". פּונקט אַזוי איז אין דער היסטאָרישער אָפּטיילונג פֿונעם ביכל נישט דערמאָנט די גלאָרייכע הונדערטער־יאָרן־אַלטע גע־שיכטע פֿון יידן אין קיעוו, כאָטש איך בין געווען גרייט זיך צו וועטן, אַז וועגן בייליס־פּראָצעס איז דאָרט זיכער עפּעס געזאָגט...

האָבן מיר אַליין געפֿונען דאָס הויז אויף באָלשאַיאַ וואַסיל־קאָווסקאַיאַ גאַס, ווו עס האָט געוווינט אונדזער געניאַלער שלום־עליכם. דער אויפֿשריפֿט, בלויז אין אוקראַיִניש, פֿאַרשטייט זיך: „אין דאָזיקן הויז האָט געוווינט אין די יאָרן 1937 ביז 1904 דער באַרימטער שרייבער שאָלעם אַלייכעם". אַז דאָס איז אַ י י ד י ש ע ר שרייבער האָט מען נישט געדאַרפֿט צוגעבן? „מען ווייסט דאָך..." —

האָט מען מיר געענטפערט אויף דער דאָזיקער פראַגע. וועלכעס קינד אין קיעוו ווייסט נישט, אַז לעסיאַ אוקראַאינקאַ איז אַן אוק־ראַאינישע שרייבערין? אָבער אויף אַ צענדליק הייזער אין קיעוו

פאַרן אָנדענק־טאָוול אויפן הויז, ווו ס'האָט געוווינט שלום־עליכם אין קיעוו

קאָנט איר לייענען: „דאָ האָט געוווינט די גרויסע אוקראַאיני־שע שרייבערין לעסיאַ אוקראַאינקאַ"...

מיר האָבן פאַרהאַלטן די מענטשן אויפן טראָטואַר פון ביידע זייטן הויז, כדי צו קאָנען זיך פאָטאָגראַפירן ביים אָנדענק־טאָוול פאַר שלום־עליכמען. צווישן די דורכגייער, וואָס האָבן זיך אָפּגע־

שטעלט, איז אויך געווען אַ מיטלוווקסיקער מאַן פון אַ יאָר פופציק, עלעגאַנט געקליידט און מיט אַ פולער טעקע אונטערן אָרעם. ווען מיר האָבן זיך געקליבן אַוועקצוגיין, איז ער אַריין צווישן אונדז און שמייכלענדיק געפרעגט אין אַ ליטווישן יידיש:

„פון וואַנען זענען יידן?"

דערהערט, אַז פון ישראל, איז ער געוואָרן אויפגעלייגט, גע־נומען פרעגן, דערציילן, אָפן, אָן מורא, גלייך מיט פולן צוטרוי.

ער שטאַמט פון נעבן ווילנע, אָבער נאָך וואָגלענישן אין דער מלחמה־צייט, ווען זיין גאַנצע פאַמיליע איז אומגעקומען, איז ער פאַרבליבן אין אוקראַינע. ער וווינט אין בערדיטשעוו.

„רבי לוי יצחק..." — הויבט אָן איינער פון אונדז.

דער ייד רייסט אים האַסטיק איבער:

„די שטאָט פון רבי לוי יצחק עקזיסטירט נישט מער. דאָס יידישע בערדיטשעוו פון אַמאָל איז מער נישטאָ... פאַראַן יידן אין בערדיטשעוו, אָבער ס'איז מער נישט קיין יידישע שטאָט. אין אַלטן בית־מדרש קומט זיך צונויף אַ מנין זקנים — וואָלט מסתמא ר' לוי יצחק געפונען אַ זכות אויף די יעניקע, וועלכע קומען נישט... אויך איך, ווי איר קוקט מיך אָן, כאָטש כ'בין נישט קיין רעליגיעזער ייד, וואָלט אַמאָל אַריינגעפאַלן אין בית־מדרש, אפשר וואָלטן מיך אַביסל אָפּגעפרישט אַלטע תפילות, אַ דף גמרא... אָבער איך טאָר נישט... ס'איז אַ קליינע שטאָט, מען קוקט אַלעמען נאָך, און אַלץ זעט מען..."

ער איז אַ הויכער באַאַמטער אין בערדיטשעוו און קומט אָפּט אַמטלעך קיין קיעוו. עס גייט אים מאַטעריעל זייער גוט. זיין פרוי דאַרף נישט אַרבעטן, נאָר פאַרנעמט זיך מיט דער היים און זייערע דריי קינדער.

„אפילו קולטורעל, אויב איך וועל פאַרקוקן אויף יידישקייט, לעב איך זיך אויס, אין אוקראַיניש און רוסיש, זייער גוט. אָבער... איך האָב אונטערוואַקסנדיקע קינדער — און דאָ איז די גרויסע

זאַרג... ביי מיר אין שטוב רעדט מען יידיש, אויך די קינדער, אָבער בלויז אין שטוב... וואָס וועט פון זיי ווערן, פון מיינע קינדער?.. און דעריבער בין איך מקנא מיין חבר..." — ער רופט אָן אַ נאָמען פון אַן אינזשיניער אין חיפה, — „וועלכער איז מיט זעקס יאָר צוריק אַוועקגעפאָרן קיין ישראל. ער האָט באַקומען אַן אַרויספאָר־דערלויבעניש..."

„און איר? איר האָט אָנגעגעבן אויף אַזאַ דערלויבעניש?"

ער שמייכלט ביטער:

„איך וועל עס קיינמאָל נישט באַקומען, כ'האָב נישט וואָס צו פּרובירן... ווען איר ווייסט מיין פּאָזיציע, וואָלט איר פאַרשטאַנען..."

אין אָוונט האָב איך דעם דאָזיקן ייד צופעליק געטראָפן ביים האָטעל, ווו מיר זענען איינגעשטאַנען. מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקל פון האָטעל־באַר, ביי אַ טישל, און ביי אַ גלעזל וואָדקאַ, לאַנג געשמועסט.

פאַר מיר איז געזעסן אַ מענטש נישט בלויז מיט הויכער ביל־דונג, נאָר אויך מיט אַ הויכער קולטור און גרויסער אינטעליגענץ, וועלכער טראָגט מיט ווייטיק און באַוווּסטזיין דעם שווערן גורל פון אַ ייד אין ראַטנפאַרבאַנד. דאָס געשפּרעך איז געווען, אין גרעסטן טייל, אַ מאָנאָלאָג פון זיין זייט, אַן ענטפער אויף מיינע געשטעלטע און נישט־געשטעלטע פראַגעס.

„אַנטיסעמיטיזם? איך פאַרזענלעך פיל אים טאַקע נישט, מען באַהאַלט אים פאַר מיר, אויב ס'איז מעגלעך זיך אַזוי אויסצודריקן, ווייל איך פאַרנעם אַ פּאָזיציע, ווו מען האָט פאַר מיר מורא... אַלע ווייסן, אַז איך בין אַ ייד, איך באַהאַלט עס נישט — שמייכלט מען צו מיר און מען ווייזט מיר אַרויס ,יידן־פריינטשאַפט'... אָבער, צום באַדויערן, זע איך אים, ער איז דאָ, דער אַנטיסעמיטיזם, און ער וואַקסט... אוודאי האָבן די נאַציס איבערגעלאָזט זוימען פון סם — כאָטש אין אוקראַינע איז עס געווען אַזוי אויך גענוג, און פון לאַנג — אָבער צי טוט מען עפּעס, כדי די זוימען צו פאַרניכטן?

פאַרקערט, מען באַוואָסערט זיי, זיי זאָלן בעסער וואַקסן... צי ווייסט איר, אַז ביי אונדז, אין אוקראַינע, איז כמעט אומעגלעך פאַר אַ יידישן יוגנטלעכן אַנצוקומען אין איינעם פון די אוניווערסיטעטן און אַנדערע הויכשולן? כדי אַנצוקומען אין אַ הויכשול אין ראַטנ־פאַרבאַנד, מוז מען, נאָכן ענדיקן גימנאַזיע און באַקומען מאַטורע, אַדורכגיין אַ שווערן עקזאַמען, וואָס ווערט מיט יעדן יאָר שווערער, ווייל די צאָל קאַנדידאַטן וואַקסט פיל שנעלער ווי די צאָל פּלעצער אין די הויכשולן. מסכים. מען קאָן נישט אַנדערש. אָבער אין אוק־ראַינע — און אין אַ קלענערער מאָס אויך אין אַנדערע טיילן פון ראַטנפאַרבאַנד — העלפט נישט פאַר אַ יידישן גימנאַזיע־אַבסאָל־ווענט אפילו דאָס אויסהאַלטן דעם שווערסטן קאָנקורס־עקזאַמען — אין דער מערהייט פאַלן געפינט מען שוין וועגן ווי אַזוי אים צו פסלען און אויף זיין אָרט אַנצונעמען אַן אוקראַינישן פויערים־זון, וועלכער איז דעם עקזאַמען קוים אַדורך. איר טרעפט דעריבער טויזנטער קינדער פונעם מיליאָניקן יידישן ישוב אין אוקראַינע, וועלכע שטודירן ווייט פון די היימען. און כאָטש דער שטודיום איז אומזיסט, די סטודענטן באַקומען אפילו סטיפּענדיעס אויף אויס־האַלטונג — איז עס ווייניק און די עלטערן מוזן צוהעלפן, ווען אַ קינד איז ווייט פון דער היים; דאָס איז שווער, אָפט אומעגלעך, ביי די קליינע אַרבעטער־לוינען, און דאָס ציט אָפּ מאַסן יידישע יוגנטלעכע פון הויכן שטודיום. און דאָס וויל מען טאָקע...״

איך האָב אים אויף איין אָרט איבערגעריסן:

„אַנטשולדיקט פאַר דער פראַגע: איר זענט אַ מיטגליד אין דער פּאַרטיי?״

ער האָט זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט, אַ זופּ געטאָן פונעם גלעזל, נערוועז אַ קלאַפּ געטאָן מיט די פינגער אין טיש און געענטפערט:

„איר וועט מיר דערלויבן נישט צו ענטפערן אויף דער פראַגע... דאָס איז אַ ריין־פּריוואַטער ענין און האָט גאָרנישט צו טאָן מיט מיינע עכטע איבערצייגונגען און מיט מיין יידישן באַוווסטזיין...״ —

מיר האָבן זיך אַ ווײַלע שווײַגנדיק אָנגעקוקט און דאַן האָט ער פֿאַרגעזעצט — „און דער דאָזיקער ייִדישער באַוווסטזײַן מײַנער ווערט אונטערדריקט און דערנידעריקט סײַ דורך דער פּאַרטיי און סײַ דורך דער מאַכט... בײַ אונדז רעדט מען וועגן פּריוויליקער אַסימילאַציע פֿון די ייִדן און דאָס זאָגן נאָך אונדזערע אָפֿיציעלע ייִדישע פֿירער, משטיינסגעזאָגט. אָבער פֿאַרוואָס מוזן זיך בלויז ייִדן אַסימילירן? בײַ די אויערן, אַזוי צו זאָגן, שטעלט מען אויף נאַציאָנאַלע קולטורן פֿון קלײנטשיקע פֿעלקערשאַפֿטן, וואָס באַשטייען אָפּט פֿון אַ האַלבן און אַ פֿערטל מיליאָן סאָוויעטישע בירגער; מען האָט פֿאַר זיי געשאַפֿן אלף־ביתן, מען גיט אַרויס צײַטונגען און ביכער אין זייערע שפּראַכן. בלויז ייִדן ,ווילן עס נישט און דאַרפֿן עס נישט׳... אָבער וואָס דאַרפֿט איר אַ סך בײַשפּילן? נעמט די דײַטשן אין ראַטנפֿאַרבאַנד!..״ — און דאָ האָט מײַן מיטשמועסער אַ שווערן קרעכץ געטאָן, — „מיר האָדעוועון די דײַטשע קולטור און שפּראַך, און נאָך ווי אַזוי! צי ווייסט איר כאָטש וועגן דעם אין אויסלאַנד?״

מיט אַ יאָר צוויי צוריק האָט דאָס פּרעזידיום פֿון העכסטן סאָוויעט אַרויסגעגעבן אַ ספּעציעל געזעץ „צו פֿאַרזיכערן די נאַציאָנאַלע קולטור־רעכט פֿון די דײַטשן אין ראַטנפֿאַרבאַנד״. און זיי, די דײַטשן אין ראַטנפֿאַרבאַנד, וועלכע זענען אין צאָל אַ העלפֿט פֿון די ייִדן — העכער אַנדערהאַלבן מיליאָן — האָבן איצט אַ טעגלעכע צײַטונג אין דײַטש, „נויעס לעבען״; שולן, ביכער, ראַדיאָ־אוידיציעס, אפֿילו פּעדאַגאָגישע אינסטיטוטן — אַלץ אין זייער שפּראַך. מען צווינגט די קינדער פֿון דײַטשער אָפּשטאַמונג, צו לערנען די דײַטשע שפּראַך, גיין אין די שולן מיט דײַטשער אונטערריכט־שפּראַך, אפֿילו קעגן ווילן פֿון די קינדער און אָפֿטמאָל אויך קעגן ווילן פֿון זייערע עלטערן.

„בײַ מיר אין ביוראָ קומען אָן אַלע, אָן אויסנאַם, סאָוויעטישע צײַטונגען״, — דערציילט מײַן מיטשמועסער — „קוק איך אָפּט

אַריין אין ,נויעס לעבען׳. וועל איך אייך איבערגעבן דעם אינהאַלט פון אַ בריוו, וואָס איז אָנגעקומען אין רעדאַקציע פון אָט דער צייטונג פון אַ דייטש־לערערין. איך קען דעם בריוו כמעט אויף אויסנווייניק, אַזויפיל מאָל האָב איך אים שוין איבערדערציילט... פאַר וועמען מען טאָר זיך, פאַרשטייט איר דאָך, פאַרטרויען... די לערערין האָט געפירט אַ דערגענצונג־לעקציע אין דער דייטשער שפּראַך מיט דייטש־סאָוויעטישע סטודענטן. זי האָט איינעם גע־פרעגט צי ער האָט עלטערן, האָט ער געענטפערט: ,מיין טאַטע, כ׳בין נישט זיכער צי כ׳זאָג דאָס גוט אין דייטש, איז געפאַלן אויפן פראָנט; די מאַמע האָבן אויפגעהאָנגען די דייטשע פאַשיסטן...״ איידער די לערערין האָט באַוויזן עפּעס צו זאָגן, האָט אַ צווייטער בחור אויסגערופן אין רוסיש: ,און מיר מוזן לערנען די שפּראַך פון די מערדער!׳... נאָר די שפּראַך פון די צום מערסטן געמאָר־דעטע איז טריף! אונדזערע קינדער דאַרפן זיך אַסימילירן...״

מיר האָבן זיך שטילשווייגנדיק נאָכאַמאָל אָנגעקלאַפּט מיט די גלעזלעך. ער האָט זיך פאַרטראַכט אַ ווײַלע און פאָרגעזעצט:

„ס׳איז אויף פיל געביטן אַ סך בעסער געוואָרן. די מאַטעריעלע לאַגע האָט זיך געבעסערט. ס׳איז די לעצטע יאָרן לייכטער געוואָרן מיט באַשפּייזונג. ווי טייער עס זענען מלבושים, זענען זיי אומ־פאַרגלייכלעך ביליקער, ווי מיט יאָרן צוריק, און מען קאָן זיי לייכטער באַקומען. דער עיקר: מען פילט זיך פרייער, דער פחד איז קלענער געוואָרן. נישט נאָר מיט אַ פופצן יאָר צוריק, אין סטאַלינס צייטן, נאָר אויך אין כרושטשאָווס, וואָלט איך נישט איינגעשטעלט — און איך בין אַ שטיקל פחדן... — ווייל נישט בלויז מיין פרייהייט שטייט דאָ אין קאָן, נאָר מיינע קינדערס און מיין פרויס גליק און ברויט וואָלט איך אוודאי נישט איינגעשטעלט, זיך אַראָפּצורעדן אַזוי אָפן און פריי פאַר אַ ייד, נאָך דערצו אַ ייד פון דער פרעמד. ס׳איז אַ רעזולטאַט פון דער אַלגעמיינער אַטמאָספער אין לאַנד, וואָס איז לייכטער געוואָרן. נאָר בנוגע

אונדז, יידן, האָט זיך גאָרנישט — איר הערט? גאָרנישט! — געענדערט. און איך וויל נישט — על אפם ועל חמתם פון אונ־דזערע מאַכטהאָבער — ווי עס ווילן נישט הונדערטער טויזנטער אַנדערע יידןביי אונדז, אַז אונדזערע קינדער זאָלן ווערן אויס יידן... אָבער ס׳איז זייער, זייער שווער...״

„קאָן מען טאַקע גאָרנישט טאָן?״ — האָב איך שטיל געפרעגט.

„ניין, מיר דאָ נישט... יעדנפאַלס, נישט אַזעלכע ווי איך — און ר׳ לוי־יצחק פון בערדיטשעוו וועט שוין דערפאַר געפינען פאַר מיר אַ זכות... גיט עס איבער מיין חבר אין חיפה — שרייבן צו אים קאָן איך נאָך נישט און האָב נאָך נישט וואָס... גיט אַלץ איבער, און נישט בלויז אים... נאָר מיין נאָמען, כ׳בעט אייך, פאַרגעסט...״

וועט ר׳ לוי־יצחק אויך געפינען אַ זכות פאַר די, וועלכע קאָנען און דאַרפן יאָ עפעס טאָן און — טוען עס נישט?..

כמיעלניצקי און „באַבי יאַר"

די „אינטוריסט"־באַגלייטערין אין קיעוו האָט זיך בכלל נישט קעגנגעשטעלט אונדזער פאָדערונג צו באַזוכן „באַבי יאַר"; זי האָט שוין, מסתמא, געוווּסט, אַז די דאָזיקע פאָדערונג איז אַן אַנט־שלאָסענע ביי אַלע יידישע טוריסטן, און גלייך נאָכגעגעבן, כאָטש „ס'איז דאָרט נישטאָ וואָס צו זען..." צי גיבן זיי זיך נישט אָפּ קיין חשבון, אַז דער „נישטאָ דאָרט וואָס צו זען", איז די שווערסטע באַשולדיקונג און חרפה פאַר זיי אַליין?

מיר האָבן צוערשט געמאַכט אַ לאַנגן שפּאַציר איבער קיעוו.

אונדזער באַגלייטערין האָט אויך פאַרהאַלטן דעם אויטאָבוס נעבן דענקמאָל פון — באָהדאַן כמיעלניצקי. בעת זי האָט מיט באַגייסטערונג גערעדט וועגן דעם „גרויסן אוקראַינישן פירער און מלוכה־מאַן, וועלכער האָט געפירט אונדזער פאָלק אין זיגרייכן קאַמף קעגן די פרעמדע אינוואַזאָרן...", האָט זי זיך מסתמא געוווּנ־דערט, וואָס מיר האָבן אירע ווערטער אויסגעהערט מיט אַראָפּגע־לאָזטע קעפּ, זיך נישט פאָטאָגראַפירט, ווי ביי אַנדערע דענקמע־לער, און זי האָט געקוקט מאָדנע אויף איינעם פון אונדז, וועלכער איז געבליבן פון הינטן, אָפּגעהיט די ווייטקייט פון ד' אמות און געשעפּטשעט: „שקץ תשקצנו ותעב תתעבנו כי חרם הוא"... ווי קאָן זי פאַרשטיין די מיט פייער אויסגעקריצטע און אין בלוט געווייקטע אַלט־יידישע ציפערן, וואָס האָבן זיך געשטעלט פאַר די אויגן פון יעדן איינעם פון אונדז: ת"ח ות"ט?

די ריזיקע בראָנז־סטאַטוע פון כמיעלניצקין אויפן פאַראויס־שפּרינגענדיקן פערד איז געשטעלט געוואָרן נאָך דורך דער צאַ־

רישער מאַכט, אין 1888. האָט מען געקאָנט מיינען, אַז דער „אָק־טאָבער״־רעזשים וועט באַהדאַן כמיעלניצקיס „רום״ אַביסל פאַר־טונקלען מיט זיינע בלוט־„גבורות״ איבער יידן און פוילישע פויע־רים; איז גאָר געשען פאַרקערט: זיינע „גרויסע פאַרדינסטן פאַרן צוריקפאַרייניקן אוקראַינע מיט רוסלאַנד״, ווערן נאָך שטאַרקער אַרויסגעבראַכט און פאַרהערלעכט.

אָבער פאַר אונדז, קוקנדיק אויף אים, צייכנט, דוכט זיך, זיין גרויסע אויסגעשטרעקטע העטמאַן־בולאַווע די פייער־אותיות — „גזירות ת״ח ות״ט״, און ווייזט נישט „דעם וועג קיין מאָסקווע״, ווי עס רעציטירט אונדזער באַגלייטערין, נאָר צו —

„באַבי יאַר״...

✶

און אָט דערנענטערן מיר זיך צום „גיא ההריגה״. הערן מיר, צום ווייפלטן מאָל שוין — „נישטאָ דאָרט וואָס צו זען״... „די נאַציס האָבן דאָרט דערמאָרדעט פיל קאָמוניסטן, פאַטריאָטן, צווישן זיי אַ סך יידן... שוין פאַראַן אַ פּלאַן פון אַ געהעריקער מצבה וואָס וועט פאַראייביקן דעם אָנדענק פון די קרבנות...״

אָט שטייט שוין דער אויטאָבוס:

„דאָ איז עס...״

מיר שטייען אויף אַן אַספאַלטירטן שאָסיי. פון איין זייט זענען הויכע נייע וווין־געביידעס. פון דער צווייטער זייט — אַ פאַרלאָזט ריזיק פעלד, פול מיט שטיינער, דערנער, פאַרוועלקט גראָז, מיסט: דאָ איז עס?..

„דאָרט, ביים ראַנד פון פעלד, דער לאַנגער גרובן איז דער יאַר... אָבער עס לוינט נישט אַרויפצוגיין אַהין — נישטאָ דאָרט וואָס צו זען...״

איבער אונדז איז געשטאַנען אַ ברענענדיקע מיטאָג־זון, אַ שווערע פאַרע האָט זיך געטראָגן אין דער לופטן. שווייגנדיק האָבן

אין באַבי יאַר

מיר פֿאַרלאָזט דעם אויטאָ און גענומען קלעטערן צווישן שטיינער און דערנער צום „דאָרט", וווּ ס'איז „נישטאָ וואָס צו זען".

שווער סאַפּענדיק, אָפּגעגאָסן מיט שווייס, זענען מיר צוגעקומען, נאָך אַ פּאָר הונדערט מעטער, צום ראַנד פֿון אַ ריזיקן, טיפֿן גרינעם טאָל — דאָ בליט און גרינט, אין קעגנזאַץ צום פֿאַרשרפּעטן אַרומיקן פֿעלד. זענען די ערשטע ווערטער, ווי פֿון אַ מספּיד:

„די ערד איז פֿרוכטבאַר און פֿעט געוואָרן פֿון יידיש בלוט און לייב..."

באַלד ווערט פֿאַרנעפּלט דאָס גרינס, פֿאַרשטעלט דורך טרערן, ווען איינער הויבט אָן:

„אל מלא רחמים..."

די ווערטער קומען אַרויס צעבראָכן, די קעל ברענגט זיי שווער אַרויס:

„...עס האָט זיך אָנגעהויבן אין יום־כּיפּור תש"ב, מיט פֿינף־און־צוואַנציק יאָר צוריק... דעם 29־סטן און 30־סטן סעפּטעמבער 1941 האָט מען אַהער אָן אויפֿהער געטריבן יידן פֿון קיעוו... דאָ, וווּ מיר שטייען,ביים ראַנד, האָבן זיי זיך געמוזט אויסטאָן נאַקעט, איינלייגן און אַוועקלייגן אין אַ זייט די מלבושים און גלייך האָבן די מאַשין־ביקסן אָנגעהויבן די טויט־מלאכה..."

„נישטאָ דאָ וואָס צו זען..." און פֿילן? מיט דייטשער פּינקטלעכקייט מעלדעט אַן אָפֿיציעלער נאַצי־באַריכט: „אין די צוויי טעג זענען דאָ פֿאַרניכטעט געוואָרן 33,771 יידן..." אוישוויץ האָט אַזאַ טאָג־רעקאָרד קיינמאָל נישט געשלאָגן.

„נישטאָ דאָ וואָס צו זען..." און ס'האָט זיך אויך נישט באַוויזן צו אונדז דער מלאך, וואָס זאָל באַפֿעלן: נעם אַראָפּ די שיך פֿון דיינע פֿיס, בן־אדם... יעדער האָט בלויז נאָכגעמורמלט:

„יתגדל ויתקדש שמה רבא..."

וואָס איז שולדיק אונדזער וועגווייזערין? אָבער צוריקקומענדיק

אין אויטאָבוס, ווײַל זיך וואַרפן איר אין פּנים אַרײַן די שרײַענדיקע באַשולדיקונג פון א י ר יעווטושענקאָ:

„איבער באַבי יאַר זענען קיין מצבות נישטאָ...
ווילדגראָז שורשעט אין באַבי יאַר;
מיט בליקן בייזע, ווי שופטים, דראָען די ביימער...
...און אַלץ איז איין שטילער געשריי".

אויך אונדזער געשריי איז — שטיל.

„עס ווערט שוין פּלאַנירט דער פּאַראייביקונג־דענקמאָל, פון צווישן 33 צוגעשטעלטע מאָדעלן" — פאַרזיכערט מען יעדן. אָבער אפילו ב. צ. גאָלדבערג, וועלכער איז דירעקט פאַר אונדז דאָרט געווען, צוזאַמען מיט זיין פרוי, שלום־עליכמס טאָכטער, האָט נישט געקאָנט זען קיין איינעם פון די פּלענער און נישט דעם אויפשריפט, וואָס וועט אויף אים געמאַכט ווערן. עס וועט דאָרט זיכער גערעדט ווערן וועגן אומגעבראַכטע „קאָמוניסטן און אַנדערע פּאַטריאָטן". יידן ?...

דעם זעלבן אָוונט בין איך געזעסן אין אונדזער האָטעל מיטן ייד פון בערדיטשעוו. דאָס איז אַ געבילדעטער מענטש, אַן אמת־פּראָגרעסיווער, וועלכן מען קאָן נישט חושד זיין אין אָבערגלויבן.

„איר זענט געווען אין באַבי יאַר" — איז ער געווען צופרידן — „זיי האָבן אייך געפירט... אוודאי האָט איר גוט געטאָן... אַלץ וואָס מען דערציילט איז אמת... איך בין דאָרט אַליין עטלעכע מאָל דורכגעפאָרן, ווען מען האָט די הייזער געבויט... איך קום דאָך אָפּט קיין קיעוו".

ער האָט מיר דערציילט די שוין פילמאָל געהערטע, אין פאַר־שידענע נוסחאות, געשיכטע: איידער מען האָט גענומען בויען די וווינונג־הייזער אויף דער צווייטער זייט שאָסיי, האָט מען אויפגעבויט עטלעכע הייזער אין דער זייט פון באַבי יאַר, ביים ראַנד און אויפן אַראָפּהענג אין טאָל אַריין. פיל פאַמיליעס האָבן

זיך אַרײַנגעצויגן אין די בײַע הײַזער. אײן נאַכט זענען די הײַזער פֿאַרפֿלײצט געוואָרן פֿון אונטערערדישע וואַסערן. די הײַזער זענען אײַנגעפֿאַלן און באַגראָבן אונטער זיך צענדליקער — „און אפשר הונדערטער, דעם אמת וועט מען קײנמאָל שוין נישט וויסן...״ — מענטשן. מען האָט באַשלאָסן די הײַזער נישט אויפֿצובויען צוריק; די באַשטימטע אײַנוווינער, נישט־יידן, האָבן אַנטשלאָסן דער־קלערט, אַז זיי וועלן דאָרט נישט וווינען, טענהנדיק מיט שרעק: „די דערמאָרדעטע יידן אין באַבי יאַר נעמען נקמה...״

זענען געקומען בולדאָזערס, איבערגעדרייט צוריק דעם באָדן, אַוועקגענומען יעדן צייכן פֿון די געוועזענע געביידעס און מ׳האָט באַשלאָסן אויפֿן גאַנצן שטח פֿלאַנצן אַ פּאַרק און שטעלן אַ מצבה־דענקמאָל. „אָבער ווען? ווי אַזוי?... דערווייל איז עס אַ סוד...״

רעדט דער בערדיטשעווער ייד ווייטער:

„דאָס אַלץ איז אמת, ווירקלעכקייט, כאָטש ז י י לייקענען עס, ווילן פֿאַרווישן די שפּורן. זיי ווילן בעסער דאָס זאָל אָנגיין ווי אַ לעגענדע, קאָן מען עס לײַכטער אָפּלײקענען...״

און אַז ווירקלעכקייט? וועט דאָך די געשיכטע סײַ־ווי־סײַ אַרײַן אין אוצר פֿון אונדזערע פּײַן־ און גבורה־לעגענדעס, איבער־לעבן אַלע הײַזער אַרום, ווי דעם דענקמאָל, וואָס וועט יאָ, צי נישט, געשטעלט ווערן.

„איר האָט דערמאָנט יעווטושענקאָן... מיר, אַלע יידן מסתמא אין ראַטנפֿאַרבאַנד, קענען דאָס ליד אויף אויסנווייניק און זענען אים דאַנקבאַר פֿאַר זײַן ,באַבי־יאַר׳... אויב עס וועט געשטעלט ווערן דער דענקמאָל, וועט יעווטושענקאָס פֿאַרדינסט אין דעם זײַן נישט פֿון די קלענסטע״.

אָבער דערווייל:

„איבער באַבי יאַר זענען קיין מצבות נישטאָ...

...און אַלץ איז איין שטילער געשריי״.

מעג אויך אונדזער געשריי טאָקע זײַן שטיל?!

„ווי אַזוי איך לעב?...״

„ווי אַזוי לעבט דער פשוטער בירגער אין ראַטנפאַרבאַנד?״ — דאָס איז איינע פון די הויפּט־פראַגעס, וואָס ווערט מיר געשטעלט נאָכן צוריקער. אויף דער דאָזיקער פראַגע איז נישט אַזוי לייכט צו ענטפערן, ווען מ׳וויל נישט פוגע זיין אין אמת און ענטפערן אָן פאַראורטיילן.

מיר זענען די פאָר וואָכן, ווי טוריסטן, „געקעכלט״ געוואָרן: געוווינט אין לוקסוס־האָטעלן, געגעסן און געטרונקען פון שענסטן און פון בעסטן, אַרומגעפירט געוואָרן אין אַעראָפּלאַנען, שלאָף־וואַגאָנען (אפילו ווען מיר זענען געפאָרן בייטאָג) אין עקספּרעס־צוגן, לוקסוס־אויטאָבוסן — „אינטוריסט״ האָט אונדז געגעבן און באַדינט פיל בעסער, ווי מען האָט אונדז צוגעזאָגט און ווי מיר האָבן זיך געריכט. אָבער דאָס, פאַרשטייט זיך, איז נישט קיין בילד פונעם טאָג־טעגלעכן לעבן אין ראַטנפאַרבאַנד. מיר זענען אויך געווען ביי קרובים און פריינט, ביי זיי געגעסן איין, אָדער עטלעכע מאָל — האָבן זיי צוגעגרייט און אונדז אויפגענומען „כיד המלך״, ווי מען נעמט אויף אייגענע, וואָס מען האָט נישט געזען צענדליקער יאָרן און ווער ווייסט, ווען מען וועט זיך נאָכאַמאָל זען... קאָן דאָס זיין אַ סימן, אַז אַזוי לעבן זיי און אַזוי עסן זיי טאָג־טעגלעך?.. מיר קאָנען זיך בלויז מאַכן אַ געוויס בילד וועגן לעבן פון סאָוויעטישן בירגער, פאַרגלייכנדיק לוינען מיט פרייזן, צו־געבנדיק איכות און כמות פון סחורות און פּראָדוקטן, וואָס מיר האָבן געקאָנט באַטראַכטן.

אַלע מענטשן, וועלכע איך האָב געטראָפן, אָנהויבנדיק פון

פשוטע אַרבעטער ביז אינזשיניערן און דאָקטוירים, פֿאַרדינען פֿון 80 ביז 120 רובל אַ חודש, אויסער געציילטע אָפּטיילונג־אָנפֿירער אין די גרויסע דרוקערייען, וואָס מיר האָבן באַזוכט, וועלכע פֿאַר־דינען ביז 200 רובל אַ חודש.

די אָפֿיציעלע סאָוויעטישע סטאַטיסטיק גיט איבער: „דער דורכשניט־לוין פֿון אַן אַרבעטער אין ראַטנפֿאַרבאַנד איז געוואַקסן פֿון 90 רובל אַ חודש אין 1964, אויף 95 רובל אין 1965, אַ העכע־רונג פֿון 6% אין איין יאָר". אינעם דורכשניט זענען געמומען אין אַכט אויך די גאָר הויכע לוינען — וואָס ציילן זיך אָפֿט אין טויזנ־טער רובלס חודשלעך — פֿון די פּאַרטיי־ און מדינה־פֿירער, פֿאַר־שידענע גרויסע ספּעציאַליסטן און דערפֿינדער, שרייבער, קינסטלער און הויכע אָפֿיצירן. באַווייזט דאָך דער דורכשניט, אַז עס זענען פֿאַראַן פֿיל נידעריקערע לוינען פֿון 80 רובל — מען פֿאַרדינט אויך נישט מער ווי 70 און אפֿילו 60 רובל אַ חודש. (דרך אגב, אַ רובל איז 3.30 ישׂראל־פֿונט, לויטן אָפֿיציעלן קורס; אַ דאָלאַר — 90 קאָפּיקעס).

און ווי זעען אויס די פּרייזן?

ברויט, מילך, קאַרטאָפֿל, געוויסע פּרוכטן, קאָסטן מיט אַ 20 פּראָצענט ביליקער ווי אין ישׂראל. געוויינלעך רינדער־פֿלייש — 1.70 רובל אַ קילאָ; אַן איי — 9 ביז 11 קאָפּיקעס; אַ קילאָ טאָ־מאַטן — 80 קאָפּיקעס (נישט אין סעזאָן); ציבעלעס — 1.50 רובל אַ קילאָ. צי קאָן מען פֿון איין געהאַלט (אפֿילו פֿון 120 רובל!) שפּייזן אַ פֿאַמיליע, אפֿילו אַ קליינע, פֿון פֿיר פּערזאָן? נעמענדיק שוין אין באַטראַכט, אַז דירה־געלט, עלעקטריע און גאַז קאָסטן אַ קלייניקייט; מעדיצינישע באַדינונג, לערע פֿון יעדן גראַד — אומזיסט, קומט מען, נאָך אַ פּשוטן חשבון, צום אויספֿיר, אַז — נישט. אַרבעט טאָקע אין דער מערהייט פֿאַמיליעס אויך די פֿרוי, וועלכע מען טרעפֿט נישט בלויז ביי אַלע באַדינונג־אַרבעטן, אין פֿאַבריקן, נאָר אויך אויף די בוי־רושטאָוואַניעס, ביים פּלאַסטערן

וועגן — אומעטום, צוגלייך מיט די מענער. קאָן מען, פֿון צוויי לוינען, שפּייזן אַ פֿאַמיליע; אויך צוקומען, באַצאָלנדיק אין חודש־ראַטעס, צו שטוב־מכשירים, וועלכע זענען געווען אומדערגרייכ־באַרע לוקסוסן מיט 10 און אפֿילו מיט 5 יאָר צוריק: עלעקטרישע אייז־קאַסטנס, וואַש־מאַשינען, שטויב־זויגערס, שוין אָפּגערעדט פֿון טעלעוויזאָרן און ראַדיאָ־אַפּאַראַטן, וועלכע קאָסטן ביליק, כאָטש אין אַ נידעריקערער קוואַליטעט, אין פֿאַרגלייך מיט די פּרייזן אין ישׂראל, און אפֿילו אין אַנדערע מערב־לענדער.

ווען עס קומט, אָבער, צו מלבושים — דאַן קאָנען אפֿילו, דוכט זיך, אויך קיין דריי לוינען אין אַ משפּחה נישט העלפֿן...

אַ פּאָר שיך קאָסט 30—35 רובל. און צי איז נאָך פֿאַראַן אַ מער לעבן־נויטווענדיקער מלבוש, ווי שיך, אין אַ קלימאַט פֿון רעגנס, שנייען, פֿרעסט און בלאָטעס, ווי אין רוסלאַנד? אַ מאַנטל, פֿון זייער פּשוטן, גראָבן שטאָף — 70—80 רובל. אַ מענער־אָנצוג פֿון אַ גאַנץ נידעריקער קוואַליטעט — 340 ביז 450 רובל. אַ קליידל פֿון געוויינלעכן געבלומטן סיץ — 45 רובל. אַ פּרויען־קאָמבינעזאָן, וועגן וועלכן אונדזערע רייזע־חברטעס האָבן פֿעסטגעשטעלט, אַז אין תּל־אָביבֿ וועט מען אויף אַזאַ געמיינעם סאָרט בכלל נישט געפֿינען קיין קונים — 22 רובל. אַ גוטער וואָלענער סוועטער — דאָס איז בכלל אַן אוצר ביי אַ פּשוטן אַרבעטער, זיין פּרייז דער־גרייכט ביז 70—90 רובל — אַ חודשלעכער לוין! און גלייכצייטיק האָב איך געזען אויסגעשטעלט אויף דער גאָרקי־גאַס אין מאָסקווע אַ פּרויען־פּוטער (כ'קען זיך נישט אויפֿן סאָרט און קוואַליטעט) פֿאַר 950 רובל (אין רובלס, נישט אין קיין דאָלאַרן־געשעפֿט פֿאַר בלויז אויסלענדער!) — מסתּמא זענען דאָך פֿאַראַן קונים...

די שוי־פֿענצטער פֿון די גרויסע מאַגאַזינען און קלענערע געשעפֿטן, אין די גרויסע שטעט, זענען אויסגעפּוצט מיט אַלע סחורות — שפּייז־אַרטיקלען, פּרוכטן, ירקות, באַקליידונג און אַלץ, וואָס פֿאַרן מענטש איז נויטיק. אָבער ווען איר קומט אַריין אינע־

ווייניק און ווילט עפּעס קויפן — זענען צו אַלע אַרטיקלען פאַראַן גרויסע רייען. פאַר די שפּייז־געשעפטן שטייען שוין פרויען מיט קוישלעך פאַר די טירן אַ סך פריער, ווי מען עפנט זיי, און די שפּייז־געשעפטן זענען אָפן ביז 11—10 אַזייגער ביינאַכט, כדי די אַרבעטנדיקע זאָלן האָבן ווען איינצוקויפן. איז וואָס־זשע זענען די רייען, אויב אַלץ איז דאָ בשפע?.. ענטפערט מען אויף דעם אַביסל זשענירט: „פאַרשטייסט, ס'איז טאַקע אַלץ דאָ, נאָר נישט שטענדיק אין דער צייט, נישט שטענדיק אומעטום... דער צושטעל, דער פונאַנדערטייל קלאַפּט נאָך נישט ווי ס'דאַרף צו זיין..." פאַרשטיי איך, אַז מען באַקומט צו קויפן גראָבע ווויליקעס און קאַלאָשן אין די הייסע זומער־חדשים און באַד־קאָסטיומען — בעת די גרויסע פרעסט... אָבער עסן, שפּייז־אַרטיקלען? דאָס מוז מען דאָך צעטיילן אין דער צייט, עס ווערט דאָך קאַליע — פאַרגרייטן עס אויף חדשים פריער איז דאָך אומעגלעך, בפרט ווען „ס'איז אַלץ דאָ בשפע"...

נאָך אַ דערשיינונג. די טעאַטערס הויבן אָן זייערע פאָרשטעלונגען 7 אַזייגער, גלייך נאָך אָוונט־ברויט. אויף יעדן שטאָק אין טעאַטער זענען פאַראַן בופעטן, אַמאָל אפילו צוויי — אין ביידע עקן קאָרידאָר. גלייך בעתן ערשטן איבערייס, זייגער 8.30 — שאַפן זיך גרויסע רייען ביי די בופעטן; מען עסט און מען טרינקט: געשמאַקע סענדוויטשן מיט פאַרשידענע וווּרשטן און קעזן, ווייַן, פרוכט־זאַפטן, און מען פאַרבייסט מיט אַלערליי קוכנס און טאָרטן. האָב איך עס אָנגענומען פאַר אַ סימן פון שפע — די קאָפּיקע איז לייכט, מען קאָן זיך דערלויבן אַ נאַש צו טאָן... ביז מען האָט מיר אויפגעקלערט: האָסט, נעבעך, אַ טעות. די טעאַטערס באַקומען ספּעציעלע שפּייז־צוטיילונגען; די סענדוויטשן און קוכנס, ווי די געטראַנקען, קאָסטן שפּאָט־ביליק; שלאָגט מען זיך אויס, אויב נישט דעם גאַנצן, איז אַ טייל פון טעאַטער־בילעט, דורך נישט עסן קיין אָוונט־ברויט אין שטוב, נאָר אין ביליקן טעאַטער־בופעט...

איך האָב זיך געטראָפן אין מאָסקווע מיט מײַנעם אַ גימנאַזיע־חבר, אַ קאָמוניסט זינט דעמלט ביז הײַנט; אַ מענטש מיט אַ סך בילדונג, וויסן און קולטור. מיר האָבן גערעדט צווישן זיך אינ־גאַנצן אויפריכטיק און אָפנהאַרציק. אָבער ווי קאָן מען אים איבער־צײַגן, אויב זײַן גאַנצע אינפאָרמאַציע איז באַזירט אויסשליסלעך אויף דער סאָוויעטישער פּרעסע?

ציטירט ער, ראשית, אמתע ציפערן: אין 1952 האָט מען אין ראַטנפאַרבאַנד אויסגעאַרבעט נישט מער ווי 20 טויזנט פרידזשי־דערס — דאָס איז געווען דאָס לעצטע יאָר פון סטאַלין־רעזשים; אין 1958, אין ערשטן יאָר פון כרושטשאָווס 7־יאָר־פּלאַן, האָט מען שוין פּראָדוצירט 350 טויזנט פרידזשידערס; אין 1965 — 1.7 מיליאָן! גרויסט ער זיך מיט זײַן נײַעם עלעקטרישן אײַז־קאַסטן אין קיך און פאַרוואַרפט מיך מיט ענלעכע ציפערן וועגן טעלעווי־זאָרן, אַלערלײַ מאַשינען. גײ און איבערצײַג אים, אַז בײַ מיר, אַ פּשוטן אַרבעטער אין אָרעמען קלײנעם ישראל, איז דער עלעק־טרישער אײַז־קאַסטן שוין אַלט העכער צוועלף יאָר...

„בײַ אײַך איז בעסער?..״ — לאַכט ער גאָר און ער ציטירט פון קאָסיגינס רעדע אויפן לעצטן, 23־סטן פּאַרטיי־קאָנגרעס: „עס איז באַוווּסט, אַז די לעצטע יאָרן האָט דער אַרבעטער־קלאַס אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער באַוויזן, דורך עקשנותדיקן קלאַסן־קאַמף, צו דערגרײכן אַ הויכן אַרבעט־לוין. אָבער אַלע צוגאָבן פאַרלירן אין אַ גרויסער מאָס זײער רעאַלן ווערט צוליב דער נישט־אויפהערלעכער פּרײַזן־העכערונג פון די בויטווענדיקסטע פּראָ־דוקטן, ווּקס פון דירה־געלט, פון די פּרײַזן אויף פאַרשידענע באַדינונגען. אפילו אין די צום מערסטן אַנטוויקלטע לענדער זענען גאַנצע שיכטן פון אַרבעטער־קלאַס פאַרמשפּט אויף אָרעמקייט און נויט, מחמת די קריזיסן אין דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט: אַרבעטלאָזיקייט, ראַסיסטישע פּאָליטיק, דיסקרימינאַציע פון פרוי־ען־אַרבעט און אַזוי ווײַטער״.

„זעסטו, אַז מיר זענען יאָ אינפאָרמירט..."

אַ שאָד, וואָס מיין גימנאַזיע־חבר איז נישט געווען מיט אונדז, בעת איינעם פון די שפּאַצירן אין לענינגראַד. מיר זענען געשטאַנען פאַר איינעם פון די פּראַכטפולע לענינגראַדער דענקמעלער. נעבן אונדז האָט זיך פאַרהאַלטן אַ ייד פון אַ יאָר עטלעכע־פערציק. ווי געוויינלעך — קעגנזייטיקע פראַגעס. וואָס טוט אַ ייד? ער איז אַ מעטאַל־אַרבעטער. ער האָט אַ פרוי מיט דריי קליינע קינדער — די פרוי קאָן דעריבער נישט אַרבעטן.

„וויפל פאַרדינט איר?"

„אַכציק רובל אַ חודש".

„ווי־זשע לעבט איר פון אַזאַ לוין?"

דער ייד האָט זיך סאַרקאַסטיש צעלאַכט:

„איך לעב, איך?.. ווער האָט עס אייך געזאָגט?.." — האָט ער מיט זיינע פינגער פון דער רעכטער האַנט אָנגעוויזן אויף זיך אליין — „איך?.."

ער איז מיט שנעלע טריט אַוועק. פון אַ פאָר מעטער ווייט האָט ער זיך אומגעדרייט. זעענדיק, ווי מיר קוקן אים נאָך, האָט ער נאָכאַמאָל שטום געוויזן מיטן פינגער אויף זיין ברוסטקאַסטן:

„איך?.."

איבער מאָסקווער גאַסן און פּלעצער

מיר האָבן פיל שפּאַצירט איבער די גאַסן און פּלעצער פון מאָסקווע. בייטאָג, אָנהויב אָוונט און שפּעט ביינאַכט; די גאַנצע גרופּע צוזאַמען, צו עטלעכע און איינציקווייז. קיינער האָט אונדז נישט געשטערט, קיינער האָט אונדז נישט נאָכשפּיאָנירט און מיר האָבן זיך געפילט פריי, פּונקט ווי אין יעדער מערבדיקער הויפּט־שטאָט. מיר האָבן זיך איינמאָל געאיילט אין טעאַטער אַריין און, צוזאַמען מיט הונדערטער אַנדערע פאַרבייגייער, דורכגעשניטן אַ פּלאַץ אויפן אָרט, וווּ דאָס איז פאַרבאָטן. דער אָנגעקומענער מיליציאָנער האָט פאַרהאַלטן פּונקט אונדז... איינער פון אונדזערע רוסיש־קענער האָט אים געזאָגט, אַז „מיר זענען נישט קיין היגע". „ניטשעוואָ..." — האָט דער מיליציאָנער געענטפערט — „דער קאָלכאָז וועט פאַר אייך באַצאָלן..." און ער האָט אַרויסגענומען זיין נאָטיץ־ביכל צו שרייבן אַ פּראָטאָקאָל. ערשט ווען ער האָט דערהערט, אַז מיר זענען אויסלענדער, האָט ער מיט אַ שמייכל סאַלוטירט און אַוועק, נישט פארעגנדיק אפילו אויף קיין דאָקומענטן.

מען האָט אונדז עטלעכע מאָל געפירט אין קרעמל אַריין ווייזן זיינע זעווירדיקייטן. איך בין אויך געווען אויף אַ באַלעט־אויפפירונג אינעם נייעם וווּנדערבאַרן קאָנגרעס־זאַל אויפן שטח פון קרעמל און אַרויס פון דאָרט גאַנץ שפּעט ביינאַכט. אונדזער האָטעל איז געווען בלויז עטליכע מינוט גאַנג פון קרעמל; איך האָב דאָס אויסגענוצט און שיינע עטלעכע מאָל אַהין אַריין אַליין, אין דער פרייער צייט, באַקוקט נאָך אַ פּאָר מוזייען, באַזוכט נאָך עטלעכע צערקוועס, וווהין די אָפיציעלע פירערין אונדזערע האָט נישט געהאַט קיין צייט אונדז אַריינצופירן. איך האָב איינמאָל, אַ פּאָר־

מאַטערטער, אַוועקגעזעצט זיך אויף אַ באַנק אינעם אינעווייניקסטן פּאַרק פון קרעמל און געכאַפּט אַ געשמאַקן דרימל... קיינער האָט זיך אויף מיר נישט אומגעקוקט, קיינער האָט מיך נישט באַומרו־איקט; כ׳האָב אפילו מיין פּאַספּאָרט נישט געהאַט ביי זיך. איך האָב זיך צווישן די שווערע אַלטערטימלעכע ווענט פון קרעמל געפילט נישט מער קרעמפּירט און זיך באַוועגט נישט ווייניקער פריי, ווי ווען כ׳האָב שפּאַצירט צווישן די ווענט פון דער וואַטיקאַן־שטאָט, אָדער אין די אַלייען פון ווערסאַיל. און כ׳מוז מודה זיין: דאָס איז געווען פאַר מיר אַן איבעראַשונג...

איך האָב פיל מאָל דורכגעשניטן די הערלעכע סאָבאָרנאַיאַ פּלאָשטשאַד, דעם אינעווייניקסטן הויפּט־פּלאַץ פון קרעמל. זענען נישט בלויז זיינע גרויסע און קליינע סאָבאָרן, מיט די באַגילדעטע קופּאָלן, אינטערעסאַנט; נישט בלויז די אומצאָליקע, הויך־קינסט־לערישע איקאָנעס, צי די אַלטע צאַרישע קברים, זענען מערקוויר־דיק; אויך די מיטלאַלטערלעכע שטיינער אויפן ברוק פון דאָזיקן פּלאַץ, זענען דורכגעזאַפּט מיט געשיכטע און האָבן זייער ספּע־ציפישן חן. אָבער סטאַלינען זענען דווקא די־אָ שטיינער נישט געפעלן. אין אַ שיינעם פרימאָרגן האָט ער באַפוילן צו אַספּאַלטירן דעם גאַנצן היסטאָרישן סאָבאָרן־פּלאַץ. איז טאַקע איינע פון די ערשטע אַרבעטן נאָך דעם באַרימטן 20־סטן קאָנגרעס, אויף וועלכן כרושטשאָוו האָט אַרונטערגעריסן די מאַסקע פונעם „פאָטער פון די פעלקער”, געווען: אַראָפּנעמען די אַספּאַלט־שיכט פון דאָזיקן פּלאַץ און צוריק אַרויסהייבן צו דער ליכטיקער שיין די אוראַלטע ברוק־שטיינער. באַלד איז דעמלט אויך געעפנט געוואָרן דער קרעמל פאַר באַזוכער. טויזנטער מענטשן שניידן דורך טעגלעך דעם דאָזיקן פּלאַץ. קלערט מסתמא נישט איינער: ווי סימבאָליש דאָס איז — דאָ האָט איוואַן גראָזני געטראָטן, פּיאָטר דער גרויסער, אַלע צאַרן, נאָר די פוסטריט פון לעצטן, אפשר בלוטיקסטן סאָט־ראַפּ, זענען אָפּגעווישט...

פיל נייע געביידעס זענען אויפגעשטעלט געוואָרן אין מאָס־קווע. די מעכטיקסטע פון זיי איז דער לאָמאָנאָסאָוו־אוניווערסיטעט, אויף דעם לענין־באַרג. דאָס איז אַ מאַסיוו פון 26 פאַרייניקטע בנינים, מיט דער צענטראַלער געביידע פון 32 שטאָק, אין אַ הויך פון 240 מעטער, אינמיטן. די צאָל צימערן? „ווען מען ברענגט



פאַרן לאָמאָנאָסאָוו־אוניווערסיטעט אין מאָסקווע

אַריין אַ נאָר־וואָס געבוירן קינד אין איין צימער פון אוניווערסי־טעט און מען פירט עס אַריבער יעדן טאָג אין אַ צווייטן צימער, בלויז אויף איין טאָג, וועט עס אַדורכוואַנדערן אַלע צימערן פון אוניווערסיטעט ביזן עלטער פון 63 יאָר..." באַרעכנט־זשע !..

פון דער באַריערע, אַנטקעגן אוניווערסיטעט, אַנטפּלעקט זיך אַ הערלעכע פּאַנאָראַמע פון מאָסקווע. עס הייבן זיך אַרויס אויפן האָריזאָנט נאָך זעקס אין זעלבן סטיל געבויטע געביידעס, ווי דער אוניווערסיטעט. זענען זיי שיין? דאָס אַלטע מאָסקווע באַזיצט פיל־פיל שענערע געביידעס. די האַמעטנע סטאַלין־אַרכיטעקטור

ווירקט נישט מיט עסטעטישער שיינקייט, נאָר וויל זיך אַרויפֿ־צווינגען מיט איר קאָלאָסאַלקייט, מיט פּיראַמידישקייט, אויב מען קאָן אַזוי זאָגן...

פון דאָזיקן לענין־באַרג, וואָס האָט יאָרהונדערטער געהייסן שוואַלבן־באַרג, האָט נאָך איוואַן גראָזני, אין יאָר 1547, געקוקט

די טוריסטן פון ישראל מיטן אַמבאַסאַדאָר כתריאל כ״ץ, אין דער ישראל־אַמבאַסאַדע אין מאָסקווע

אויפן ברענענדיקן מאָסקווע; נאַפּאָלעאָן האָט פון דאַנען, אין יאָר 1812, געשטורעמט די רוסישע הויפּטשטאָט; די רויטע אַרטילעריע האָט פון דאַנען, אין 1917, באַשאָסן דעם צאַרישן גאַרניזאָן אין קרעמל. וועט מען מער פון דאַנען נישט שיסן אויף מאָסקווע?..

קוקט איר אויף דער אימפּאָזאַנטער אוניווערסיטעט־געביידע און מען רעכנט אייך אויס: „אין 12 פאַקולטעטן לערנען 25 טויזנט סטודענטן פון 60 נאַציאָנאַליטעטן, צווישן זיי — פון 17 אויסלענדישע מדינות; 5000 לערנען זיך דאָ דורך קאָרעספּאָנדענץ פון

אַלע עקן וועלט״ — פאַרשטייט איר, אַז עס וועט פון דאַנען שוין אַרויסקומען אַ גאַר אַנדערער כוח, אַ פיל שטאַרקערער און אַ סך ווייטער־גרייכנדיקער, ווי די האַרמאַטן, וואָס זענען דאָ ווען עס איז געשטאַנען...

האָט דעריבער אַן אַמעריקאַנער געלערנטער מורא: „רוסלאַנד וועט אונדז נישט באַזיגן מיט דער צאָל אַטאָמישע באָמבעס, וואָס זי אַרבעט אויס, אויך נישט מיט דער צאָל טראַקטאָרן, נאָר מיט דעם, וואָס זי שטייגט אונדז איבער מיט דער צאָל און פּראָפּאָרץ אינזשיניערן, וואָס זי לאָזט יעדעס יאָר אַרויס פון אירע אוניווער־סיטעטן און טעכנישע הויכשולן...״

✶

אָבער... דעם גרעסטן איינדרוק אפשר אויף די מאָסקווער גאַסן און פּלעצער מאַכט — די ריינקייט. איך האָב אין קיין שום שטאָט אויף דער וועלט — און איך האָב באַזוכט אַ שיין שטיקל וועלט — נישט געזען אַזעלכע ריינע גאַסן, ווי אין די גרויסע שטעט פון ראַטנפאַרבאַנד. קיינער וואַרפט נישט אַוועק אין גאַס קיין אויס־געברענטן ציגאַרעט, נישט קיין אָפּפאַל פון עסן, נישט קיין שטיקל פּאַפּיר. אויף יעדע פּאָר מעטער שטייט אַן עסטעטיש מיסטקעסטל, וווּ יעדער וואַרפט אַריין, וואָס ער האָט אַוועקצוואַרפן. דאָס איז נישט קיין פראַגע פון פּחד, פון רעזשים — דאָס איז אַ רעזולטאַט פון דערציאונג, פון קולטור. פּונקט דאָס זעלבע — די נישט־אַרומגעצוימטע, פּרעכטיק־געפּלעגטע בלומען און געוויקסן אין די אַלייען און פּאַרקן: געהיט און געצערטלט דורך דער באַפעל־קערונג; קיינער צעטרעט נישט, קיינער צעשטערט נישט, קיינער רייסט נישט אויס. אַזוי זענען אין די טראַמווייען און אויטאָבוסן נישטאָ קיין קאָנדוקטאָרן, קיין בילעטן־פאַרקויפער. יעדער פּאַסאַ־זשיר וואַרפט אַריין דאָס געלט אין אַ קעסטל און רייסט פאַר זיך אָפּ אַ בילעט פון אַ הענגענדיקער ראָלקע; דאָס איז נישט קיין אויטאָמאַט — מען קאָן אַריינוואַרפן איין קאָפּיקע און אָפּרייסן

אַ בילעט פאַר צען קאָפּיקעס. וויניק, גיט מען איבער, נאַרן אָפּ. די קאָמוניקאַציע אין שטאָט איז טאַקע זייער ביליק, און עס לוינט נישט צו גנבענען, אָבער דאָך איז עס אַ פראַגע פון דערציאונג און פערזענלעכער ווירדע.

אויף די גאַסן זענען צעשטעלט אַ סך אויטאָמאַטן אויף סאָדע־וואַסער. אין יעדן אויטאָמאַט שטייען, אָפן, צוויי גלעזער. ביי פיל ליגן אויפן דעכל פון אויטאָמאַט פאַרפאַקטע זאַפּאַס־גלעזער, אויפן פאַל ווען איינע ווערט צעבראָכן. און — מען צעגנבעט נישט די גלעזער אין משך פון דער נאַכט, און לאָבוזעס צעברעכן זיי נישט...

✶

פאַראַן אַזויפיל פּלעצער, נייע און אַלטע, אין מאָסקווע, יעדער מיט זיין אייגנאַרט, מיט זיין געשיכטע און ספּעציפישן חן. איינער פון די שענסטע איז זיכער דער סווערדלאָוו־פּלאַץ מיט די טעאַטערס „באָלשאָי" און „מאַלי"; מען גייט פון אים אומבאַמערקט אַריבער, ווי ס'וואָלט געווען איין פּלאַץ, צום רעוואָלוציע־פּלאַץ און פּלאַץ „מאַנעזשנאַיאַ", וואָס גרייכט ביז צו די אויסערלעכע גאָרטנס פון קרעמל. האָט איר אויף זיי אַלץ: פּאַלאַצן פון זעכצנטן יאָרהונדערט, צי פון אַכצנטן, ווי דער „דאָם סאָיוזאָוו", מיטן באַרימטן קאָלאָנעס־זאַל, צי דער נייער פּאַלאַץ פון מיניסטאָרן־ראַט. אומעטום געפּוצטע סקווערן, דענקמעלער. אָבער דאָך שטייגט אַלע איבער — דער רויטער פּלאַץ. שוין יאָרהונדערטער ווי ער הייסט אַזוי, ווייל „ביי דעם רוסישן פאָלק סימבאָליזירט דער רויטער קאָליר — שיינקייט..." זאָל זיין אַזוי, ער איז טאַקע שיין דער פּלאַץ. אָבער דעם נאָמען האָט ער מסתמא באַקומען פון די רויטע קרעמל־מויערן, אָדער פונעם בלוט, וואָס האָט זיך דאָ שטענדיק געגאָסן... די מויער פון קרעמל פאַרנעמט די גאַנצע מזרח־זייט פונעם ריזיקן פּלאַץ, און אויף די איבעריקע דריי זייטן — בלויז דריי איינצלנע בנינים: אויף מערב — דער 252־מעטער לאַנגער בנין פון „גום" („מלוכהשער אוניווערסאַל־מאַגאַזין")‏; אויף דער

צפון־זייט — דער אויך רויטער בנין פון נאַציאָנאַל־היסטאָרישן מוזיי; אויף דרום — דער איינציק־אַרטיקער פּאָקראָווסקי־סאָבאָר, אָדער קאַטעדראַל פון הייליקן באַזיל — איז דאָס טאַקע דאָס שענסטע, וואָס דער רויטער פּלאַץ פאַרמאָגט.

יעדער האָט געלייענט אין ראָמאַנען, דערציילונגען און אין געשיכטע־ביכער וועגן דעם באַזיל־סאָבאָר, וואָס איז אַזוי אַריינ־געפלאָכטן אין דער געשיכטע פון צאַרישן קרעמל און רויטן פּלאַץ; מען האָט אים געזען אויף אַזויפיל בילדער און פילמען, אַז מען דערקענט אים פון ווייטן. אָבער ווען מען דערזעט דעם בנין אין דער ווירקלעכקייט, פון דער נאָענט, שוין גלייך אין דרויסן — איז דער איינדרוק אַן אומפאַרגלייכלעכער. די צענדליקער פאַר־שידנאַרטיקע קופּאָלן, טורעמס, דעכלעך, פענצטער — ווילן, דוכט זיך, איבערשטייגן איינס דאָס צווייטע מיט זייער אייגנאַרט און פּראַכט. איך ווייס נישט צי ס'איז אמת די געשיכטע, אַז איוואַן גראָזני האָט באַפוילן אויסצושטעכן די אויגן די צוויי אַרכיטעקטן, וועלכע האָבן דעם סאָבאָר אויפגעבויט (אין יאָר 1556), „כדי זיי זאָלן נישט זען אויפצובויען נאָך אַן ענלעכן...״ — אָבער אַ צווייט־ענלעכער איז טאַקע נישט אויפגעבויט געוואָרן. דער פראַנצויזי־שער דיכטער און קונסט־קריטיקער טעאָפיל גאָטיע, האָט מיט הונדערט יאָר צוריק פעסטגעשטעלט, אַז „דער באַזיל־סאָבאָר איז דער אָריגינעלסטער מאָנומענט אויף דער וועלט: ער איז נישט ענלעך צו גאָרנישט און איז נישט פאַרבונדן מיט קיין שום סטיל״. האָט זיכער דער פראַנצויזישער דיכטער, שרייבנדיק דאָס, געדענקט, אַז „זיין״ נאַפּאָלעאָן האָט, פאַרנעמענדיק מאָסקווע, פאַרוואַנדלט דעם־אָ סאָבאָר אין אַ פערד־שטאַל...

פאַר דער קאַטעדראַל שטייט דער איינציקער גרויסער דענק־מאָל אויפן רויטן פּלאַץ. דער דענקמאָל איז געשטעלט געוואָרן נאָך מיט 150 יאָר צוריק די פאָלקס־פירער מינין און פּאָזשאַרסקי און זייער פאָלקס־אַרמיי, וועלכע האָבן פאַרטריבן די פּאָליאַקן פון

מאָסקווע אין אָנהויב זיבעצנטן יאָרהונדערט. און באַלד דערנעבן — אַ מין קיילעכדיקע טריבונע, אויפגעבויט פון ווייסן שטיין, שוין צעביסן און צעגריזשעט דורך דער צייט.

דער באַזיל־סאָבאָר אויפן רויטן פּלאַץ אין מאָסקווע

„לאָבנאָיע מעסטאָ...״ — דערקלערט אונדזער וועגווייזערין. פּשוט: אַן אוראַלטער עשאַפאָט. גייט מען אַרויף די פּאָר טרעפּלעך, וויל זיך נישט אָוועקשטעלן די פיס אויף דער האַרטער ערד — אַזויפיל מענטשן־קעפּ זענען דאָ אַראָפּגעפאַלן! דאָ האָט מען געלייענט פאַרן פאָלק די צאַרישע אוקאַזן, פון דאַנען האָט מען דאָס פאָלק גערופן צום קריג און דאָ — געקעפּט...

סטיענקאַ ראַזינס, דעם ערשטן פויערים־אויפשטענדלערס, קאָפּ איז דאָ אָפּגעהאַקט געוואָרן; דאָס זעלבע פּוגאַטשאָוו, דער ער־שטער קאָזאַקן־בונטאַר קעגן צאַרישן אַבסאָלוטיזם, האָט דאָ גע־לייגט זיין קאָפּ אונטער דער האַק. אַזוי האָט דאָ געהאַקט קעפּ איוואַן דער גרויזאַמער און פּיאָטר דער גרויסער. האָט לעניז, אין 1919, באַפוילן איינמיטן „לאָבנאָיע מעסטאָ" אַוועקשטעלן סטיענקאַ ראַזינס אַ דענקמאָל, ווייל „מער וועט זיך דאָ קיין מענטשלעך בלוט נישט גיסן..." איז די סטאַטוע פון דאָזיקן פאָלקס־העלד אין דער סטאַלין־עפּאָכע אַוועקגענומען געוואָרן פון דאַנען און „לאָב־נאָיע מעסטאָ" איז ווידער געבליבן גרויזאַם־דערמאָנענדיק מיט זיין נאַקעטקייט...

בין איך נאָכאַמאָל געקומען אַהער גלייך פון דער טרעטיאַקאָוו־גאַלעריע. כ׳בין אַרויף די פּאָר טרעפּלעך און פּאַר מיינע אויגן איז געשטאַנען דאָס גרויסע אויפשוידערנדיקע ריעפּין־בילד: צום טויט־פאַרמשפּטע געזעגענען זיך מיט זייערע פאַמיליעס, טאַקע דאָ, נעבן „לאָבנאָיע מעסטאָ", ווו דער תליין וואַרט שוין מיט דער האַק אויף זייערע קעפּ...

לעבינס פּלאַץ, דאָ אַנטקעגן, הינטער די רויטע מויערן, האָט גלייך פאַרנומען אַ סאַטראַפּ, וואָס האָט טאַקע נישט באַנוצט דאָס אַלטע „לאָבנאָיע מעסטאָ", נישט געלאָזט זיינע צום טויט־פאַר־משפּטע אפילו זיך געזעגענען מיט זייערע נאָענטע — נאָר געמאַכט עס „מענטשלעכער": אַנטקעגן, אין די פינצטערע קעלערס פון קרעמל, דערשאָסן זיינע קעגנערס ווי הינט...

ציט זיך דאָ די בלוטיקע קייט פון אוראַלטע צייטן, דורך איוואַן גראָזני ביז יאָסיף דזשוגאַשווילי סטאַלין... האָט זיך שוין אָט־די בלוטיקע קייט געענדיקט?..

לענין און סטאַלין

פיר־און־צוואַנציק מאָל אין מעת־לעת טוישט זיך די וואַך ביי די בראָנזענע טירן פון לענין־מאַוזאָליי. ווען דער זייגער אויפן אַלטערטימלעכן קרעמל־טורעם שלאָגט אויס אַ גאַנצע שעה, מאַרשירן אַרויס פון קרעמל־טויער צוויי סאָלדאַטן מיט ביקסן אויף די אַקסלען, געפירט דורך אַן אָפיציר; מיט געמאָסטענע געגדזן־טריט דערנענטערן זיי זיך צום מאַוזאָליי. אין אַ בליץ־שנעלער צערעמאָניע הויבן די צוויי פריערדיקע סאָלדאַטן אַרויף זייערע ביקסן אויף די אַקסלען, כדי אָפּצומאַרשירן, און די צוויי אָנגעקומענע פאַרנעמען זייערע פּלעצער ביי ביידע זייטן טיר — זיי בלייבן שטיין, מיט די ביקסן ביי די פיס, באַוועגלאָז, ווי סטאַטועס. ביינאַכט, ווען אויפן פּלאַץ איז טונקל און די רויטע פינפעקיקע שטערנס אויף די קרעמל־טורעמס בליצן אין די הויכן אַריין, צינדן זיך אָן אויף אייניקע מינוט בלענדנדיקע פּראָזשעקטאָרן און באַלייכטן מיט רויט־ווייסן ליכט דעם טונקעלן מאַרמאָר פון מאַוזאָליי און די שטילע צערעמאָניע. שטענדיק, בייטאָג און ביינאַכט, געפינען זיך מענטשן, ביינאַכט — ווי זיי וואָלטן אַרויס פון אומהיימלעכע שאָטנס אויפן ליידיקן פּלאַץ, כדי צו קוקן מיט אייגעגעהאַלטענעם אָטעם, ווי צוויי מענטשן־סטאַטועס בייטן זיך ביים וואַכן איבער דער רו פונעם „פאָטער פון אָקטאָבער"...

און אין די שעהן, ווען די מאַוזאָליי־טויערן עפענען זיך, שאַפן זיך גלייך לאַנגע רייען, רייען פון טויזנטער, וואָס דערנענטערן זיך פּאַמעלעך, געדולדיק, טרעטן אַריבער די שוועל, גייען אַריין צווישן די הויכע שוואַרץ־גרויע מאַרמאָר־ווענט, לאַנגע קאָרידאָרן

דער מחבר פאַרן אַריינגאַנג אין לענין־מאַוזאָליי אין מאָסקווע

און ברייטע טרעפּ, כדי צוצוקומען, פאַרבייגיין און בלויז אַ קוק טאָן אויפן גלעזערנעם ארון...

אויך איך בין געשטאַנען אין דער ריי. כ׳האָב פּאַמעלעך זיך דערנענטערט. כ׳וויס נישט ווי לאַנג עס האָט געדויערט... עס האָט מיך באַהערשט עפּעס אַ מאָדנע געפיל... באַלד וועל איך זען — לעניגען... דער געדאַנק האָט זיך אַוועקגעטראָגן צוריק צו דער יוגנט, כמעט צו דער קינדהייט, ווען דער נאָמען לעניין האָט באַדייט — אַלץ...

דער געדאַנק האָט געאַרבעט, דאָס האַרץ האָט שטאַרקער גע־קלאַפּט, כאָטש — ס׳האָט זיך געוואָלט וואָס ווייניקער טראַכטן...

אָט איז ער... כ׳האָב אַ ציטער געטאָן: דאָס גאָר?.. עפּעס האָט זיך מיר האַסטיק אינעווייניק אָפּגעריסן...

וואָלט עס געווען אַ פּאַרמאַכטער קבר פון זעלבן שוואַרצן מאַרמאָר און כ׳וואָלט געזען בלויז אַן אויפשריפט מיטן נאָמען, וואָלט איך אַדורך מיט אַ געבויגענעם קאָפּ, אין ערפורכט פאַרן גרויסן מענטש, וואָס ליגט דאָ באַגראָבן. אָבער דאָ? אונטערן גלאָז, באַלויכטן מיט רויטלעכן ליכט, ליגט אַ געשטאַלט פון עפּעס ענ־לעכס צו אַ מענטש, אָבער נישט קיין מענטש, נישט קיין מת... מעגלעך, אַז ס׳איז טאַקע דער באַלזאַמירטער לענין, אָבער מער ענלעך צו אַ וואַקס־פיגור, וואָס דערוועקט נישט קיין כבוד־המת, נאָר פאַרקערט...

✶

הינטער דעם מאַוזאָליי געפינען זיך די „בראַטסקיע מאָגילי״, קברים פון די „פּאַרדינסטפולע פירער פון דער רעוואָלוציע״. די מערסטע — אין דער קרעמל־וואַנט; דאָ באַמערקן מיר אַן אויפ־שריפט, ווו ליטווינאָווס ארון איז פאַרמויערט אין דער וואַנט; נישט ווייט פון אים — קרופּסקאַיאַ, לענינס פרוי. אָבער פאַר דער וואַנט — אַ שורה קברים פון די סאַמע אָנגעזעענסטע סאָוויעטישע פירער: דזשערדזשינסקי, סווערדלאָוו, זשדאַנאָוו, קאַלינין. יעדער

סטאַלינס קבר ביי דער קרעמל־וואַנט

קבר איז באַדעקט מיט אַ שוואַרצער מאַרמאָר־פּלאַטע מיטן געהע־ריקן אויפשריפט, און צוקאָפּנס — אויף אַ פּיעדעסטאַל — אַ ביוסט פון פאַרשטאָרבענעם; אַלע פון דער זעלבער גרויס, געהאַקט אין שוואַרצן מאַרמאָר. ביים סוף פון אָט־דער שורה, איין קבר בלויז מיט אַ פּלאַטע, וואָס טראָגט דעם אויפשריפט: „יאָסיף וויסאַריאָ־נאָוויטש סטאַלין".

„פאַרוואָס האָט דער דאָזיקער קבר נישט קיין ביוסט, ווי אַלע איבעריקע?" — פרעג איך אונדזער „אינטוריסט"־באַגלייטערין.

זי פאַרלירט זיך נישט און ענטפערט גלייך, ווי זייענדיק צוגעגרייט אויף דער פראַגע:

„דער ביוסט איז שוין באַשטעלט... ער וועט אַוועקגעשטעלט ווערן אויפן קבר אין אַ האַלב יאָר אַרום..."

✶

דער לענין־קולט ווערט זאָרגפעליק געפלעגט אין איצטיקן ראַטנפאַרבאַנד. אויף יעדן טריט — פסוקים פון לענינס שריפטן. טויזנטער דענקמעלער זיינע, אין די פאַרשידנסטע פּאָזעס, אין יעדן עלטער. זיין פנים, געמאַכט פון לעבעדיקע בלומען, באַשיינט די פּאַרקן פון די גרויסע שטעט. אין קרעמל און אין „סמאָלני"־אינסטיטוט, ווערן אויפגעהיט זיינע צימערן אין זייער אָריגינעלן צושטאַנד. דער לענין־מוזיי, אינעם געוועזענעם דומאַ־בנין, אויף דער פּלאָשטשאַד רעוואָלוציאי, איז אפשר דער איינציק־אַרטיקער אין דער וועלט, מיט זיין פאַרנעם, געווידמעט אַן איינציקער פּער־זענלעכקייט פון אַזאַ נאָענטער פאַרגאַנגענהייט. אין די צוואַנציק זאַלן איז מסתמא צונויפגעזאַמלט געוואָרן אַ ל ץ, וואָס האָט נאָר געקאָנט געפונען ווערן און האָט אַ שייכות צו לענינען, פון זיין געבורט, ביז דער טויטן־מאַסקע פון זיין פנים און דעם גיפּס־אָפּגוס פון זיינע נאָרוואָס פאַרשטאָרבענע הענט. עס זענען פאַר־טריקנט און אויפגעהיטן געוואָרן די בלומען־קרענץ, וואָס זענען געטראָגן געוואָרן ביי זיין לוויה און זיי שטייען, ווי לעבעדיקע,

אַרום זײַנעם אַ ביוסט. פון די טויזנטער בילדער און סקולפּטורן — פון גרעסערן און קלענערן קינסטלערישן ווערט — האָט מײַן אויפמערקזאַמקייט געצויגן איין ביוסט, אין מיטן פון אַ גרויסן זאַל:

לענין אין רויטן מאַרמאָר.

דערמאָנט זיך מיר דאָס דאָזיקע ווערק אין דער אַטעליע פון אַלטן מייסטער נחום אַראָנסאָן, אויפן מאָנפּאַרנאַס, אין פּאַריז. אין דער טיף פון דער אַטעליע, אויף אַן אַלטער שאַפע, אין דער הויך, זענען געשטאַנען צוויי ביוסטן: רעכטס — לעוו טאָלסטאָי, אין שוואַרצן מאַרמאָר, געמאַכט אין יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ, ביי טאָלסטאָיס לעבן; לינקס — אָט דער לענין. פלעגט דער גרייז־גרויער יידי־שער קינסטלער ליב האָבן צו דערציילן, ספּעציעל פאַר אַ יונגן גאַסט, לענינס אַ חסיד:

„...אין אַ קאַלטן פאַרטאָג איז דאָס געווען, אין אָנהויב פון יאָרהונדערט — זיכער נאָך פאַר דער רעוואָלוציע פון 1905, ווייל נאָך איר וואָלט מיר דער נאָמען לענין שוין געווען באַקאַנט און דאַן איז ער מיר נאָך פרעמד געווען. איך האָב זיך נאַרוואָס געהאַט אויפגעהויבן און גענומען אַרבעטן, מיטן קאַיאָר גלייך, ווי איך פיר זיך שטענדיק... מען האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר. כ׳האָב געעפנט, מיט כעס פאַר שטערן מיר... אָבער דאָס איז געווען מיין פריינט לונאַטשאַרסקי — אויף אים האָב איך נישט געקאָנט זיין אין כעס, מיט אים האָב איך זיך שטענדיק דערפרייט. ער איז געקומען מיט נאָך אַ יונגנמאַן, וועלכער איז געווען אַ נידעריקער, אַ דראָבנער. ער האָט אים פאָרגעשטעלט: ‚לענין׳. און מיר איינגערוימט אין אויער: ‚אַ גרויסער רעוואָלוציאָנער און אויך אַ ליבהאָבער און קענער פון קונסט׳. כ׳ווייס נישט פון וואַנען זיי זענען געקומען אַזוי פרי פאַרטאָג. אָבער לונאַטשאַרסקי האָט געבעטן כ׳זאָל מאַכן פאַר זיי קאַווע אויף צו דערוואַרעמען זיך... איידער די קאַווע איז פאַרטיק געוואָרן, האָב איך אויף שנעל געמאַכט אַ פּאָר קויל־סקיצן פון דעם אומבאַקאַנטן יונגנמאַן. דאָס פּנים איז מיר געפעלן...

מער האָב איך לענינען נישט געזען. ערשט נאָך זיין טויט, אַביסל לויט די סקיצן, וואָס כ׳האָב געהאַט געמאַכט, אַביסל לויט געזעענע בילדער, און דער עיקר — לויט ווי איך האָב מיר לענינען פאָר־געשטעלט אין מיין דמיון — האָב איך געמאַכט אָט־דעם ביוסט...״

וועגן דעם דאָזיקן ביוסט האָט לונאַטשאַרסקי געזאָגט, אַז דאָס איז „די סטאַטוע, וואָס שפּיגלט צום בעסטן אָפּ די פּערזענלעכקייט פון לענינען״. דער אַלטער אַראָנסאָן פלעגט דערציילן — שוין אַ דרייסיק יאָר פאַרביי זינט דעמלט — אַז די סאָוויעטישע רעגירונג וויל אָפּקויפן דעם דאָזיקן ביוסט, „אָבער ס׳איז מיר שווער זיך פון אים צו שיידן...״ ווי אַזוי דאָס ווערק איז געקומען אין לענין־מוזיי, נאָך ביים קינסטלערס לעבן, צי נאָך זיין טויט, ווייס איך נישט.

איך שטעל זיך פאָר, אַז ביז מיט צען יאָר צוריק, ביזן 20־סטן קאָנגרעס, איז דער לענין־מוזיי פול געווען מיט בילדער און סקולפּ־טורן פון „לענינס נאָענטסטן חבר, בעסטן שילער און גרעסטן מיטקעמפער״ — סטאַלין... היינט איז אפילו דאָס באַקאַנטע בילד, ווי ביידע זיצן אויף אַ באַנק אין אַ גאָרטן, בעת לענינס קראַנקייט, אויך נישטאָ. אונדזער וועגווייזערין האָט אין מוזיי בלויז איינמאָל דערמאָנט סטאַלינס נאָמען, ווען זי האָט פאַרגעלייענט דעם טעקסט פון לענינס אָריגינעלער צוואה, וואָס איז דאָ אויסגעשטעלט הינטער גלאָז, וווּ לענין וואָרנט קעגן סטאַלינען...

אַרום לענינען האָט מען שוין געשאַפן לעגענדעס, וואָס ווערן איבערדערציילט און געדרוקט, כדי אויפצוהאַלטן און פאַרשטאַרקן דעם קולט פאַר אים. אַזוי גייט אַרום צווישן יידן אין ראַטנפאַר־באַנד אַ לעגענדע, אַז לענינס באָבע איז געווען אַ יידישע און געשטאַמט פון זשיטאָמיר, פון דער פאַמיליע ברוק — טאַקע אַ באַקאַנטע יידישע משפחה אין אַמאָליקן זשיטאָמיר. און אַ ייד אין קיעוו האָט מיר דערציילט אַ „מעשה נורא״: אַ יידישע וויסנ־שאַפטלערין האָט אָנגעשריבן אַ דאָקטאָר־טעזע וועגן לענינען,

נאָכגעפּאַרשט און אַרויסגעבראַכט זיין יידישן אָפּשטאַם; האָט מען איר פֿאַרבאָטן וועגן דעם צו דערמאָנען אין דער עפֿנטלעכקייט און פֿאַרניכטעט די דאָקומענטן, וואָס זי האָט וועגן דעם צוגעשטעלט... דער ייד האָט די געשיכטע פֿאַרבונדן מיט אַנטיסעמיטיזם — מען וויל נישט, אַז לענינס נאָמען און אָפּשטאַם זאָלן האָבן אַ שייכות מיט יידן...

צווישן די באַשולדיקונגען, וואָס זענען אַרויסגעבראַכט געוואָרן קעגן דעם פֿאַרמשפּטן שרייבער סיניאַווסקי, איז דאָך אויך געווען דאָס, וואָס ער האָט געזאָגט: „מען קאָן נישט פֿאַרוואַנדלען לענינען אין אַ קולט. לויט מיר איז לענין אַ בן־אדם, אַ מענטשלעכע באַשעפֿעניש...”

אָבער סטאַלינען האָט מען אויסגעמעקט — ער עקזיסטירט נישט מער...

אין צפֿון־זייט פֿון רויטן פּלאַץ, נעבן קרעמל, געפֿינט זיך דער עלטסטער רוסישער נאַציאָנאַלער היסטאָרישער מוזיי, געגרינדעט נאָך אין יאָר 1883. ווערט דאָרט געוויזן, דורך אַ זייער באַלערנדיקן אָפּקלייב פֿון היסטאָרישע אָביעקטן, דאָקומענטן, בילדער (דריי מיליאָן אויסגעשטעלטע זאַכן!), די אַנטוויקלונג און געשיכטע פֿון רוסלאַנד, פֿון דער פּרע־היסטאָרישער עפּאָכע ביז אונדזערע טעג. דאָ האָט מען אָפּגערוימט אַ גאַנצן שטאָק, כדי אָפּצושפּיגלען דעם פֿאַרלויף פֿון דער „גרויסער פּאַטערלענדישער מלחמה” — די צווייטע וועלט־מלחמה. זענען דאָ פֿאַראַן געוואַלדיק־אינטערעסאַנטע און אייגנציקאַרטיקע אָביעקטן, היסטאָרישע דאָקומענטן און בילדער, וואָס שפּיגלען אָפּ דעם זיג איבערן נאַציזם. האָב איך אומזיסט, צווישן אַזויפֿיל שווערדן, היטלען, מעדאַלן פֿון סאָוויעטישע מאַרשאַלן, געזוכט די באַרימטע שווערד, וואָס טשערטשיל האָט געבראַכט ווי אַ מתנה סטאַלינען קיין טעהעראַן — זי איז נישטאָ, ווייל ביי איר וואָלט מען דאָך געדאַרפֿט דערמאָנען סטאַלינען... און ער עקזיסטירט נישט אין דער מלחמה...

פאַרשטייט זיך, אַז ער איז נישט געווען „דער געניאַלער סטראַטעג" און „אַרכיטעקט פונעם נצחון". אָבער מיליאָנען סאָוויעטישע בירגער זענען געפאַלן און געזיגט „זאַ סטאַלינאַ אי זאַ ראָדינו"; האָט מען דאָך די לעבנגעבליבענע, דעם יונגן, נייעם דור, געדאַרפט ווייזן, ווער און וואָס ס'איז געווען דער „גאָט"; מען האָט סטאַלינען געדאַרפט אַוועקשטעלן אויפן געהעריקן פלאַץ; אַרויסברענגען זיינע פאַרדינסטן, אויב ער האָט אַזעלכע, אָבער אויך זיינע מערדערייען, טאַקע באַווייזן מיט וויפל דער זיג האָט זיך פאַרשפּעטיקט, וויפל טייכן בלוט מער ער האָט געקאָסט, ווייל ער, סטאַלין, האָט אונטערגעהאַקט די פליגל פון דער רויטער אַרמיי, דורך אויסמאָרדן אירע פירער און די פירער פון דער רעוואָלוציע. אָבער אויסמעקן אים? נישט דערמאָנען זיין נאָמען? עס איז דאָך ווידער פעלשונג פון דער געשיכטע. קומט דעריבער אַרויף דער טרויעריקער געדאַנק, אַז — מען איז נאָך אין מאָסקווע נישט אַנטשלאָסן, ווי אַזוי סטאַלין דאַרף, לויט די נייע הערשער, אויסזען פאַר דער געשיכטע... דאָס באַווייזן דאָך די כסדרדיקע ידיעות און דיסקוסיעס צי „רעהאַביליטירן אים, אָדער נישט..."

איז אונדזער וועגווייזערין מסתמא גערעכט געווען — דער ביוסט פאַר זיין קבר דאַרף זיין אַנגעגרייט...

✶

מען דערציילט, אַז פויערים, פויערטעס דער עיקר, קומען אין מאַוזאָליי, פאַלן אויף די קני פאַרן גלעזערנעם ארון מיט לענינען און צלמען זיך פרום.

דאַרף מען מסתמא אַ געטשקע... טרויעריק, נישט געשמאַק, אָבער אַזוי איז עס...

דערנעבן, ביי דער זייט פון לענינען, איז דריי יאָר געלעגן, אין אַן ענלעכן גלעזערנעם קאַסטן, די מומיע פון סטאַלינען. די דאָזיקע בלוטיקע געטשקע האָט מען אַרויסגעוואָרפן פון מאַוזאָליי,

איר אָפּבילד צעבראָכן אין אַלע ווינקלען, אַראָפּגעשליידערט פון אַלע פּיעדעסטאַלן.

איז לענין געבליבן אַליין צווישן די שוואַרצע מאַרמאָרנע ווענט.

אָבער פאַראַן מענטשן, וואָס האַלטן נישט פון צלמען זיך, פילן נישט קיין נויטווענדיקייט צו פאַלן אויף די קני, נאָר ווילן פאַרבייגיין מיט ערפוּרכט פאַרן קבר פון אַ גרויסער היסטאָרישער פערזענלעכקייט, וואָס האָט געגעבן אַ טרייסל מיט דער וועלט־געשיכטע, — גיט דער קערפּער אין דורכזיכטיקן קאַסטן עפּעס אַ טיפּן ריס ביים האַרץ...

צוגאַסט ביי אַ יידישן קאַנוניסט

ער איז מיינער אַ גימנאַזיע־חבר; מיר האָבן כמעט צוזאַמען אָנגעהויבן אונדזער געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישן וועג, טאַקע אויף דער שול־באַנק. קיינער פון זיינע קרובים און פריינט אין ישראל באַקומט נישט פון אים קיין בריוו און קען נישט זיין אַדרעס; מען ווייסט בלויז, אַז ער לעבט אין מאָסקווע. דורך באַקאַנטע אין מאָסקווע האָט איך באַקומען זיין אַדרעס און, ווי אַן ענטפער אויף מיינס אַ קאַרטל, איז ער גלייך געקומען צו מיר אין האָטעל.

אין 1939 איז ער געווען אַ סטודענט אין וואַרשעווער אוני־ווערסיטעט. גלייך נאָכן מלחמה־אויסברוך איז ער, צוזאַמען מיט זיין צוקונפטיקער פרוי, אויך אַ סטודענטין, געלאָפן אויף מזרח און זיך געראַטעוועט אין ראַטנפאַרבאַנד. ער אַרבעט אַלס מעכאַ־ניקער־ספּעציאַליסט, מיט אַ גרונט־לוין פון 120 רובל אַ חודש, ברענגט אָבער אַהיים, צוזאַמען מיט פּרעמיעס און איבערשעהן, 160 און אַפילו 180 רובל. די פרוי אַרבעט אין ביוראָ פון דער זעל־בער פאַבריק, מיט אַ גרונט־לוין פון 100 רובל, אָבער פאַרדינט אויך אויף פּרעמיעס, און ווען איך בין געווען ביי זיי, איז איר לעצטער לוין (פאַר חודש יולי 1966) געווען „דער גרעסטער אין איר קאַריערע" — 140 רובל.

„מיט אַזעלכע צוויי פענסיעס וועט איר דאָך בקרוב ווערן בורזשויען..." — לאָך איך.

„בורזשויען נישט... אָבער פעלן פעלט אונדז גאָרנישט, בפרט ווען די לוינען וואַקסן כסדר".

זיי האָבן צוויי זין, דער יינגערער אין לעצטן קלאַס גימנאַזיע, דער עלטערער — שוין אַ סטודענט אין אוניווערסיטעט.

גלייך אין האָטעל האָב איך באַקומען די ערשטע „לעקציע״:

„עס גייט אונדז גוט, מיר לעבן גליקלעך, אַדאַנק דער ראַטן־מאַכט און אונדזער פּאַרטיי, וועלכער איך בין געבליבן טריי און בין מיט דעם שטאָלץ... נישט ווי אַ סך אין אויסלאַנד, וועלכע ווייסן נישט וואָס דאָ טוט זיך...״

צומאָרגנס בין איך געווען ביי מיין געוועזענעם שול־חבר אויף מיטאָג.

די פֿאַמיליע וווינט אין אַ שיינער צוויי־צימער־וווינונג, אַליין, אָן שותּפים. ביז מיט צוויי יאָר צוריק האָט מיט זיי געוווינט נאָך אַ פֿאַמיליע. דעמלט האָבן זיי באַקומען אַ צוטיילונג פֿון אַ דריי־צימער־וווינונג אין אַ ניי הויז, אָבער אַביסל ווייטלעך פֿון צענטער מאָסקווע; האָבן זיי באַשלאָסן צו בלייבן אין דער אַלטער דירה, וואָס איז נאָענט צו זייער אַרבעט־פּלאַץ, מער אין צענטער, און דער צווייטער פֿאַמיליע, וואָס האָט מיט זיי געוווינט, איבערגעגעבן די נייע וווינונג.

אַ שיינע וווינונג, כאָטש אין אַן אַלט הויז. צוויי גרויסע צימערן מיט אַ קליינעם האָל, אַ באַלקאָן, אַ נישט־קליינע קיך, אַ באָד־צימער, מיט אַ וואַנע, און באַזונדער אַ קלאָזעט. אַ מאָדערנער עלעקטרישער אייז־קאַסטן, גאַז צו קאָכן און אויך וואַרעם וואַסער. פּשוט, אָבער שיין מעבל. אין קינדער־צימער — אַ קלאַוויר.

אויך אַזוי וווינט אַן אַרבעטער־פֿאַמיליע אין מאָסקווע.

דער מיטאָג איז געווען „כּיד המלך״, אויפֿן שטייגער פֿון אַמאָ־ליקן וואַרשע, — די באַלעבאָסטע האָט נאָך נישט פֿאַרגעסן צוצו־גרייטן, ווי אין אַמאָליקע צייטן — מיט געפֿילטע פֿיש און געה־האַקטע לעבער מיט ציבל, כאָטש ס׳איז געווען אַ פּשוטער וואָכן־טאָג. ווייַן מיט בראָנפֿן האָבן אויך נישט געפֿעלט אויפֿן טיש.

דער שמועס איז געפֿירט געוואָרן בלויז מיט טאַטע־מאַמע — די קינדער קענען נישט קיין אַנדער שפּראַך ווי רוסיש...

„און וואָס וואָלט זייער זיידע געזאָגט? ער האָט דאָך נאָך

געקאָנט לעבן, דיין טאַטע, — ווי אַזוי וואָלט ער גערעדט מיט זיינע אייניקלעך?..״ — האָב איך געפרעגט.

די מוטער האָט גענומען אויפסניי אָנגיסן די גלעזלעך, ווענ־דיק, וואַרשיינלעך, פאַרמיידן אַן ענטפער אויף מיינע פראַגן. אָבער דער פאָטער האָט מיר געקוקט גלייך אין די אויגן און געענטפערט:

„ראשית, לעבט ער נישט, מיין טאַטע... צווייטנס, — ער האָט געלעבט אין אַן אַנדער תקופה און אונטער אַ צווייטן רעזשים...״

„וואָס הייסט ,ער לעבט נישט׳?!.. אַזוי פשוט?״ — האָב איך אים איבערגעריסן. דאָ האָט זיך די פרוי אויפגעהויבן און אַוועק אין קיך. — „מען האָט אים דערמאָרדעט, ווייל ער איז געווען אַ ייד, אַ ייד! ווייסן עס די קינדער? פאַרשטייען זיי דאָס?״

„יאָ... זיי ווייסן... ביי אונדז לערנט מען דער יוגנט אין די שולן, זי זאָל נישט פאַרגעסן די נאַצישע מערדערייען. אָבער דאָס הייסט נישט, אַז איך דאַרף זיי לערנען מיין טאַטנס שפּראַך. ביי אונדז איז די שפּראַכלעכע און די קולטורעלע אַסימילאַציע אַ נאַטירלעכער פּראָצעס...״

„און נאַציאָנאַלע?!״ — האָב איך אים ווידער איבערגעריסן — „מען פאַרשרייבט זיי דאָך אין די פּאַספּאָרטן אַלס יידן!״

„ביי אונדז קאָנען קינדער, ווען זיי ווערן רייף און באַקומען זייערע אייגענע פּאַספּאָרטן, ביי געוויסע באַדינגונגען אפילו אויס־קלייבן זייער נאַציאָנאַליטעט...״

„אָבער ביי דיר זענען דאָך די ,געוויסע באַדינגונגען׳ נישט פאַראַן — סיי דער טאַטע און סיי די מאַמע זענען יידן...״

קיין ענטפער אויף מיין דאָזיקער באַמערקונג האָב איך נישט באַקומען, — די פרוי איז אַריינגעקומען מיט אַ נייעם טעלער און געבעטן — ממש געצוווּנגען — אויפצוהערן רעדן...

ביי אַ גלעזל קאַווע, נאָכן עסן, האָט זיך דער שמועס באַנייט.

ער האָט געמוזט מודה זיין, אַז איך בין, אין אַלגעמיין, בעסער אינפאָרמירט פון אים. עס איז אים שווער געווען זיך פאָרצושטעלן,

אַז מען קאָן אין תל־אביב פריי קויפן אין די קיאָסקן און לייענען אומגעשטערט סיי „ניו־יאָרק טיימס״ און סיי „איזוויעסטיאַ״. ווי זאָל ער עס פאַרשטיין? אַז ביז 1939 האָט אים אין פוילן געדראָט תפיסה פאַר לייענען אַ קאָמוניסטישע צייטונג, און פון דעמלט — פאַרקערט, ער קאָן לייענען בלויז די קאָמוניסטישע פרעסע. דעמאָקראַטישע פרייהייט האָט ער קיינמאָל נישט פאַרזוכט.

„איך לייען אויך אויסלענדישע צייטונגען...״ — פּרוווט ער זיך גלייכן צו מיר.

ווייזט זיך אַרויס, אַז ער לייענט די אויסלענדישע קאָמוניס־טישע צייטונגען: די פוילישע „טריבונאַ לודו״ און די פראַנצוי־זישע „ל׳הומאַניטע״. פאַרוואָס?

„פאַרשטייסט... אונדזער פרעסע איז טרוקן, בלויז אינפאָר־מאַטיוו, בעת די אויסלענדישע גיט מער אָפּהאַנדלונגען, איז מער פאַרשידנאַרטיק, דרוקט מער רעפּאָרטאַזשן...״

אָבער באַלד האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די אויסלענדישע צײַ־טונגען זענען אים נויטיק, כדי צו האָבן אַ ברייטערע און אָביעק־טיווערע אינפאָרמאַציע.

עס איז פונקט געווען אין די טעג, ווען ס׳איז פאָרגעקומען אַ לופט־שלאַכט מיט די סירישע און די ישראל־אַוויאַציע האָט אַראָפּגעשאָסן אַ „מיג״ אין כנרת אַריין. „וואָס ווילט איר פון סיריע?״ — האָט ער געפרעגט.

טעגלעכע ידיעות לייענט ער נאָר אין „איזוויעסטיאַ״, וועלכע האָט, פאַרשטייט זיך, געגעבן בלויז דעם סירישן קאָמוניקאַט. אָבער איך, נישט קענענדיק קיין רוסיש, האָב שוין געהאַט גע־לייענט „טריבונאַ לודו״, וווּ עס זענען איבערגעגעבן געוואָרן, אָן קאָמענטאַרן, די אָפיציעלע קאָמוניקאַטן פוןביידע צדדים, אויך דער ישראלדיקער.

„אַזוי זעט אויס די ,אָביעקטיווקייט׳ פון דער סאָוויעטישער פרעסע?..״

וואָס האָט ער געקאָנט ענטפערן?

נאָך מער: ער איז איבערצייגט, אַז די אַראַבער האָבן געוואָלט מען זאָל צעטיילן יושרדיק, אונטער אַן אונ״אָ־אויפזיכט, די ירדן־וואַסערן, נאָר ישראל האָט נישט אָנגענומען דעם פאָרשלאַג, ווייל זי האָט געוואָלט פאַרכאַפּן פאַר זיך דאָס גאַנצע וואַסער...

„פון וואַנען נעמסטו דאָס, ווען די גאַנצע וועלט ווייסט, אַז ס׳איז פונקט פאַרקערט?״

„אַזוי האָט בפירוש געשריבן אונדזער פרעסע״, — האָט ער געענטפערט, און אויף דעם געביט איז אומעגלעך געווען אים איבערצוצייגן, אַז ס׳איז אַנדערש.

ער לייקנט יעדן מין אַנטיסעמיטיזם אין ראַטנפאַרבאַנד. מעג־לעך, אַז ער פילט אים טאַקע נישט. ער וווינט אין אַ געגנט, וווּ עס וווינען זייער ווייניק יידן. ער קומט נישט מיט קיין יידן אין באַרירונג, לעבט זיך אויס צווישן נישט־יידן, אין זיין פאַבריק, אין דער פאַרטיי. פאַרוואָס־זשע לייענט ער און זאַמלט אַלע נומערן פון „סאָוועטיש היימלאַנד״? אין זיין ביכער־שאַנק געפינען זיך די עטלעכע ביכער, וואָס זענען די לעצטע יאָרן דערשינען אין יידיש אין ראַטנפאַרבאַנד, ווי אַלע איבערזעצונגען פון יידישע שרייבער אין רוסיש, מיט שלום־עליכם בראש. ער פאַרזיכערט, מסתמא אויפריכטיק: „איך וויל, אַז ישראל זאָל עקזיסטירן און זיך אַנטוויקלען, אַזוי וויל אויך אונדזער רעגירונג...״

ערגעץ טיף קלאַפּט אַ יידישער אָדער.

די אינפאָרמאַציעס פון דער סאָוויעטישער פרעסע זענען אַזוי „אויפקלערעריש״, אַז אַט־דער יידישער קאָמוניסט האָט מיך שעהנ־ווייז אויסגעפרעגט, וואָס אַזעלכעס איז פאָרגעקומען אין דער קאָמוניסטישער פאַרטיי אין ישראל. צוליב וואָס איז פאָרגעקומען די שפּאַלטונג? וואָס איז דער אונטערשיד צווישן מק״י און רק״ח?

שפּעטער האָט ער זיך ביי מיר געוואָלט אינפאָרמירן, „וואָס עס קומט באמת פאָר אין כינע״...

די זין האָבן זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט צו אונדזער געשפּרעך. זיי האָבן צוביסלעך פאַרשטאַנען. מיר האָבן גערעדט פּויליש, ווייל די מוטער קען נישט קיין יידיש. אָבער ווי איז זייער שטעלונג? רעדן מיט זיי האָב איך, צום באַדויערן, נישט געקענט. נאָר אָט האָב איך אַרויסגענומען פון קעשענע מיינע שליסעלעך און, גאָרנישט מיינענדיק, געפרעגט די יינגלעך, צי ביי זיי קלייבט מען אויך שליסל־האַלטערס. זיי האָבן נישט געוווּסט וועגן דער דאָזיקער „מאָדע". אָבער זיי האָבן דערביי געזען מיין שליסל־האַלטער מיט אונדזער מדינה־צייכן, די מנורה, אויף איין זייט, און די שבטים־סימנים אויף דער צווייטער זייט. דער עלטערער בחור האָט עס גענומען אין האַנט אַריין און אויף דעם אַזוי געקוקט, אַז כ'האָב מער נישט געדאַרפט פרעגן, נאָר אַראָפּגענומען מיינע שליסעלעך און אים געגעבן דעם שליסל־האַלטער. ער האָט עס, ווי רייצנדיק זיך, פאַרבייגעפירט, מיט אַ זיגער־בליק, פאַר די אויגן פון זיין ברודער. איך האָב אַרויסגענומען פון קעשענע אַ צווייטן שליסל־האַלטער, אין וועלכנס ווייסער מאַסע עס איז געווען איינגעפאַסט די ווייס־בלויע ישראל־פאָן מיטן מגן־דוד. ביידע בחורים, וואָס זענען די גאַנצע צייט געווען אַזוי איינגעהאַלטן און צוריקגעצויגן, האָבן זיך אויפגעריסן פון די פּלעצער, וועלנדיק יעדער פריער דערגרייכן צו מיין האַנט און דאָס באַקומען.

כ'האָב שטום אָנגעקוקט דעם פאָטער, וועלכער האָט עס געפּרוּווט נעמען לייכט:

„נאָך קינדער — עס געפעלט זיי אַ שפּילעכל..."

איך האָב דערנאָך געגעבן די יינגלעך ישראלדיקע פּאָסט־מאַרקעס, — מען האָט זיך איבער זיי שיעור צעהרגעט, כאָטש ביידע זענען נישט קיין פילאַטעליסטן...

ס'איז מיר געוואָרן לייכטער אויפן האַרץ...

ווען איך האָב שפּעטער גערעדט מיטן פאָטער — וועלכער „פאַרשטייט עס נישט" — וועגן די שמחת־תורה־צונויפזאַמלונגען

פון יוגנט ביי דער סינאַגאָגע, האָב איך מיר געקלערט, אַז אויך זיינע זין וועלן דאָס יאָר זיכער זיין צווישן דעם יידישן המון.

✶

מיין גימנאַזיע־חבר האָט פיל גערעדט וועגן דעם, אַז ס׳איז פרייער געוואָרן אין ראַטנפאַרבאַנד. „די טעראָר־ און פחד־צייט פון סטאַלינען איז אַוועק אויף שטענדיק...״ — האָט ער עטלעכע מאָל איבערגעחזרט. אוודאי, מיט צען יאָר צוריק וואָלט ער צו מיר נישט געקומען אין האָטעל אַריין און זיכער מיך נישט איינ־געלאַדן צו זיך אין שטוב אַריין. אָבער... ביים געזעגענען זיך, האָב איך געזאָגט:

„נו, איצט וועט מען פון דיר שוין הערן! דער קאָנטאַקט איז איינגעשטעלט. מ׳וועט זיך איבערשרייבן״.

„ווייסט דאָך...״ — האָט ער געזוכט ווערטער — „איך בין פויל אויף דער פען... אַ בריוו שרייבן איז ביי מיר אַן אָפּקומעניש...״

און זיין פרוי האָט מיר, אין אַ זייט, איינגערוימט אויפן אויער:

„נעם נישט מיט דעם אַדרעס אונדזערן...״

אַ יידיש סטודענטן־פּאָרל

איך בין געשטאַנען אין אַ גרויס ביכער־געשעפט, אויף דער גאָרקי־גאַס אין מאָסקווע, און באַטראַכט, געבלעטערט ביכער, אין דער פראַנצויזישער אָפּטיילונג. איך האָב מער אינסטינקטיוו דער־פילט, ווי געזען, אַז מען קוקט אויף מיר. איך האָב פאַרזיכטיק, נישט־באַמערקבאַר, אַרומגעקוקט זיך, נישט אויפהערנדיק מישן די בלעטער פונעם בוך, וואָס כ׳האָב געהאַלטן אין האַנט. איך האָב באַמערקט, אַז נישט־ווייט פון מיר שטייט אַ יונג פּאָרל, אַ מאַן און פרוי, און זיי באַטראַכטן מיך. זיי האָבן זיך פּאַמעלעך צו מיר דערנענטערט, זייטיק אַ וואָרף געטאָן אַ בליק אויפן בוך, וואָס איך האַלט, און שטיל עפּעס געזאָגט איינער צום צווייטן. ס׳איז ביי מיר קיין ספק נישט געווען, אַז זיי רעדן וועגן מיר. ווי דער אמת איז, — איך בין געוואָרן אומרואיק... דערצו נאָך איז קיינער פון מיינע מיטפּאָרער נעבן מיר נישט געווען... מיין אומרו איז נאָכמער געוואָקסן, ווען דאָס פּאָרל האָט זיך צו מיר פּלוצלינג אינגאַנצן דערנענטערט און דער יונגערמאַן האָט מיך געפרעגט אין פראַנצויזיש מיט אַ מערקבאַרן רוסישן אַקצענט:

„אַנטשולדיקט, מסיע, איר זענט אַ פראַנצויז?״

„ניין, אַ ישראלי...״ — האָב איך געענטפערט, כלומרשט רואיק.

דאָס פּאָרל האָט זיך איבערגעקוקט און דער יונגערמאַן האָט פאַרגעזעצט:

„אַ ייד... מיר האָבן באַלד פאַרשטאַנען... אויך מיר זענען יידן...״ — ער האָט אויסגעשטרעקט צו מיר די האַנט, געזאָגט זיין

נאָמען, — „דאָס איז מיין כלה. זי רעדט אויך פראַנצויזיש" — זי האָט זיך דערנענטערט און מיר געדריקט די האַנט.

כ'האָב, זאָגנדיק מיין נאָמען, זיך געקלערט: „ווייסן זיי עס דען נישט?.." איך האָב אָפּגעוואַרט, גאָרנישט גערעדט, בייערט באַטראַכט זייערע יונגע פּנימער. יידן? יאָ — כאָטש אָן בולטע סעמיטישע שטריכן בייביידע.

זיי האָבן מיך גענומען באַשיטן מיט פראַגן, אָבער אַלץ אומ־שולדיקע, „כשרע"... ווי לאַנג איך בין שוין אין ראַטנפאַרבאַנד, דורך וועלכן וועג געקומען, אין וועלכע שטעט שוין געווען, וואָס געזען; ווי געפעלט מיר דאָס צי יענץ אָרט. און נאָכדעם — וועגן ישראל. כ'האָב לאַקאָניש און „קאַלט", אַזוי צו זאָגן, אויף אַלץ געענטפערט. ווען כ'האָב געזאָגט, אַז איך בין שוין דעם פינפטן טאָג אין מאָסקווע און אויסגערעכנט די ערטער, וואָס כ'האָב שוין באַזוכט, האָט דאָס מיידל זיך אָפּגערופן:

„מיר זענען דאָ בלויז דעם צווייטן טאָג און האָבן נאָך ביז איצט כמעט גאָרנישט געזען..."

„אָבער איר זענט דאָך היגע, יונגע, איר האָט צייט, בעת איך בין דאָ צום ערשטן מאָל און ווער ווייסט צי און ווען כ'וועל נאָכאַמאָל באַזוכן מאָסקווע..."

„אויך מיר זענען צום ערשטן מאָל אין מאָסקווע און ווער ווייסט, ווען מיר וועלן דאָ קאָנען זיין נאָכאַמאָל!" — האָט גע־ענטפערט דאָס מיידל.

איך האָב זיך נאָך אַלץ געהאַלטן רעזערווירט און נישט גע־שטעלט זיי כמעט קיין איין פראַגע, אָבער דאָ האָב איך דאָך שוין געמוזט פרעגן:

„פון וואַנעט זענט איר דען?"

„איצט פון אַקאַדעמאָגאָראָדאָק, אָבער איך שטאַם פון נאָוואָ־סיבירסק און זי — פון אַרכאַנגעלסק".

דאָס אָנרופן נעמען פון דריי שטעט האָט מיך ווייניק באַרו־

איקט, אָבער דער ערשטער אומבאַקאַנטער שטאָט־נאָמען האָט מיך פאַראינטריגירט און כ'האָב געזאָגט:

„נאָוואָסיבירסק און אַרכאַנגעלסק זענען מיר באַקאַנט פון דער געאָגראַפיע, וואָס כ'האָב אַמאָל געלערנט, אָבער אַקאַדעמ...״ — מיין צונג האָט זיך באמת געפּלאָנטערט — „וועגן אַזאַ שטאָט האָב איך קיינמאָל נישט געהערט...״

מיינעביידע אומבאַקאַנטע־באַקאַנטע האָבן זיך צעלאַכט און דער יונגערמאַן האָט מיך פריינטלעך איינגעלאַדן:

„קומט, מיר וועלן זיך אָוועקזעצן אין אַ קאַפע־הויז, וועט איר פון אונדז לערנען אַ נייעם פּרק געאָגראַפיע...״

ס'איז מיר ווידער דורכגעפלויגן אַ געדאַנק, אַז מען וויל מיך דאָ אַריינאַרן אין אַ נעץ. כ'האָב אַ קוק געטאָן אויפן זייגערל:

„איך באַדויער זייער... איך מוז פאָרן אין האָטעל אַריין, מען וואַרט דאָרט אויף מיר...״

דער בחור האָט ממש געבעטן:

„מיר ווילן מיט אייך שמועסן... זאָגט אונדז נישט אָפּ... מיר האָבן נאָך קיינמאָל נישט גערעדט מיט אַ ייד פון אויסלאַנד... צוליב דעם האָבן מיר דאָך אייך פאַרטשעפּעט...״

מיין פאַרדאַכט האָט זיך געגומען ברעכן. מיר זענען אַריין אין אַ קאַפע־הויז. ביי אַ טישל אין אַ ווינקל האָבן מיר באַשטעלט דריי גלעזלעך וואָדקאַ. אין שמועס איז אַוועק אַ שעה נאָך אַ שעה און ס'האָט זיך געוואָלט זיי איבערבעטן פאַר אומזיסטן חשד...

ראשית־כל — דער צוגעזאָגטער „נייער פּרק אין געאָגראַפיע״:

אַקאַדעמאָגאָראָדאָק איז אַ נייע שטאָט אין וויַיטן סיביר. מען האָט זי געגומען בויען ערשט אין יאָר 1959. ווי דער נאָמען דער־ציילט שוין, איז עס אַ שטאָט פון אַקאַדעמיקעס. זי געפינט זיך 3,000 קילאָמעטער ווייט פון מאָסקווע און בלויז 19 קילאָמעטער פון נאָוואָסיבירסק, די הויפּטשטאָט פון סיביר. נאָך זיבן יאָר בויען, איז שוין דאָרט טעטיק אַן אוניווערסיטעט מיט פופצן אינסטיטוטן,

וואָס נעמען אַרום אַלע געביטן פון דער וויסנשאַפט, און מען האַלט נאָך אין איין בויען. אין אַקאַדעמאָגאָראָדאָק וווינען בלויז די דאָרטיקע פּראָפעסאָרן און סטודענטן און, פאַרשטייט זיך, דער נויטיקער באַדינונג־ און אַרבעט־פּערסאָנאַל. סיי די לערער און סיי די שילער באַקומען דאָרט פיל בעסערע וווינונג־ און לעבן־באַדינגונגען, ווי אין אַנדערע סאָוויעטישע אוניווערסיטעטן. עס ווערן דאָרט אָנגענומען סטודענטן פון אַלע עקן סיביר, אָבער בלויז פון סיביר. די דאָזיקע וויסנשאַפט־שטאָט, מיט אירע אויסנאַם־באַדינגונגען, איז אויפגעבויט געוואָרן, כדי צוצובינדן די סיבירער יוגנט צו איר שווער־קלימאַטישן היימלאַנד, צוציען און אויסהאָ־דעווען וויסנשאַפטלעכע קאַדרען, וואָס זענען נויטיק פאַר דער אַנטוויקלונג פון סיביר. אין אַקאַדעמאָגאָראָדאָק לעבן שוין היינט־צו־טאָג פיל טויזנטער סטודענטן און וויסנשאַפטלער, טראָץ דעם, וואָס די טעמפּעראַטור אין ווינטער, וואָס דויערט 8־9 חדשים, דערגייט ביז 28 גראַד אונטער זעראָ!

מיינע נייע באַקאַנטע זענען, פאַרשטייט זיך שוין, סטודענטן פון אַקאַדעמאָגאָראָדאָק. דעם בחורס פאָטער איז אַ הויכער רעגי־רונג־באַאַמטער אין נאָוואָסיבירסק. זיינע עלטער־זיידעס, סיי פון טאַטנס און סיי פון דער מאַמעס צד, זענען געווען „קאַנטאָניסטן״; די זיידעס האָבן שוין געבויט די טראַנס־סיבירער אייזנבאַן און זיך באַזעצט אין דעמלט ניי־אויפגעבויטן נאָוואָסיבירסק. דער פאָטער פונעם מיידל איז אַ דאָקטאָר אין אַרכאַנגעלסק. זיי האָבן זיך באַקענט בעתן שטודיום, זיך פאַרליבט און באַשלאָסן חתונה צו האָבן. איצט פאָרן זיי קיין אַרכאַנגעלסק, צו אירע עלטערן, וועלכע קענען נאָכנישט זייער צוקונפטיקן איידעם. ביידע האָבן ביז איצט, די גאַנצע 23 יאָר פון זייער לעבן, נישט פאַרלאָזט דעם קאַלטן צפון. איצט האָבן זיי באַשלאָסן צו מאַכן דעם לאַנגן וועג דורך מאָסקווע און לענינגראַד, באַקענען ביידע גרעסטע סאָוויע־טישע מעטראָפּאָליעס.

„האָט אונדז נאָך דאָס מזל צוגעשיקט אויפן וועג אַן אמתן ייד...״ — זאָגט מיט אָפענער פרייד דאָס מיידל.

„און איר זענט דען נישט קיין אמתע יידן?״ — רייס איך איר איבער מיט אויפריכטיקער דערשטוינונג.

ביידע האָבן זיך שטום איבערגעקוקט און אַ לענגערע ווײַלע געשוויגן. דער בחור האָט אויפגעהויבן זיין גלעזל, עס אַנגעקלאַפּט אין מײַנעם און אין זײַן כלהס און אַ זופּ־טוענדיק, געזאָגט:

„כ׳ווייס נישט... שווער צו ענטפערן אויף אייער פראַגע, צי מיר זענען אמתע יידן... עס זענען פאַרפּלאָנטערטע, שווערע פּראָבלעמען, וועלכע באַשעפטיקן אונדז זייער פיל און מיר קאָנען זיי נישט לייזן. פאַרשטייט...״ — ער האָט געטאָן אַ לייכטן שלוק פון זיין גלעזל און ווי געזוכט ווערטער — „אין די פּאַספּאָרטן זענען מיר פאַרשריבן ווי יידן. פון דעם, מעגלעך, הויבט זיך עס אָן... ביי מיר איז דאָס געווען אַלץ... אויך ביי מײַנע עלטערן איז עס בלויז דער פּאַספּאָרט, אַזוי מיין איך... איך בין בכלל וועגן דעם געוואויר געוואָרן, ווען כ׳האָב, נישט־ווילנדיק, איינמאָל, זײַענדיק נאָך אַ קינד פון אַ יאָר זעקס, אומגעוואָרפן אויפן גליטש אַ צווייט ייִנגל. ער האָט זיך אויפגעשטעלט, אָפּגערייניקט און אַ געשריי געטאָן צו מיר: ,זשיד!׳... אַלע איבעריקע קינדער האָבן זיך צעלאַכט. איך האָב נישט געוווּסט, וואָס דאָס איז און אים געענטפערט: ,טי זשיד!..׳ דער געלעכטער פון די קינדער איז שטאַרקער געוואָרן. איך בין אַוועק אַהיים מיט אַ געוויין. דעמלט האָט מיר מיין מאַמע געפּרוווט אויפקלערן, אַז איך בין נישט קיין ,זשיד׳, נייערט אַ ,יעווריי׳, אַז דאָס איז ,דאָס זעלבע און דאָך עפּעס אַנדערש...׳ געדענק איך יענעם גליטש מיין גאַנץ לעבן און זינט דעמלט איז נאָך דער פּלאָנטער נישט אויפגעפּלאָנטערט...״

„איך האָב געוווּסט פון שטוב, אַז כ׳בין אַ יידיש־קינד״, — דערציילט זי — „מײַנע עלטערן פלעגן צווישן זיך רעדן יידיש, ווען זיי האָבן געוואָלט, אַז איך, דאָס קינד, זאָל נישט פאַרשטיין...

פון מיין פריער יוגנט געדענק איך מיינעם אַ זיידן, וואָס פלעגט פייערן און נישט אַרבעטן אין געוויסע טעג פון יאָר; „יידישע יום־טובים...״ — האָט מען מיר דערקלערט, אָבער נישט באַוויזן אויפצוקלערן מיט וואָס דאָס איז פאַרבונדן און וואָס פאַר אַ שייכות דאָס האָט צו אונדז...״

צוויי קינדער פון אַסימילירטע יידישע היימען. קיין יידיש קענען זיי נישט, וואָס איז יידישקייט, אין וועלכער פאָרם ס׳זאָל נישט זיין, וויסן זיי נישט — האַלטן זיי זיך „פאַר יידן, אָבער נישט קיין אמתע יידן...״ (זיי האָבן גענוצט דעם פראַנצויזישן אויסדרוק „ורעי זשוויוו״). פון אַנטיסעמיטיזם האָבן זיי אין דער יוגנט, אין זייערע געבוירנשטעט, נישט געליטן, נישט רעכענענדיק דעם פאַל מיטן יינגלס גליטש... מען האָט דאָ און דאָרט געהערט „זשיד״, אָבער נישט זייערע עלטערן און נישט זיי האָבן געליטן פון דיסקרימינאַציע צוליב זייער יידישקייט. זייערע יידישקייט־פּראָבלעמען האָבן זיך אָנגעהויבן אין אוניווערסיטעט, טאַקע אין אַקאַדעמגאָראָדאָק. זיי זענען אַהין אָנגעקומען, מיט אַ פינף יאָר צוריק, צום ערשטן מאָל מיט זעלבשטענדיקע, אייגענע אידענטיטעט־דאָקומענטן, ווי — „יעווריען״...

„מיט וואָס האָט דאָס אייך געשטערט?״ — פרעג איך.

„אָפיציעל טאַקע נישט...״ — ענטפערט דער בחור, — „אָבער... דאָך...״ — און ביידע צעשמייכלען זיך טרויעריק.

מיט פינף יאָר צוריק איז נאָך געווען זייער ווייניק סטודענטן אין אַקאַדעמאָגאָראָדאָק, זייער צאָל איז נאָך אויך היינט נישט איבעריק גרויס, אָבער זיי זענען געווען פון די סאַמע ערשטע. אין די גרויסע, שרעקלעך־קאַלטע סיבירער נעכט מוז מען האָבן געזעלשאַפט, פאַרוויילונג, פאַרברענגען. עס זענען זיך צונויפגעקומען סטודענטן און פראָפעסאָרן פון אַלע עקן ראַטנפאַרבאַנד, נישט בלויז סיביר. עס האָבן זיך אָרגאַניזירט, אָדער געצומען זיך צונויפקומען נישט־אָרגאַניזירטערהייט, נאַציאָנאַלע גרופּעס. מען

רעדט די נאַציאָנאַלע שפּראַכן, נישט בלויז רוסיש; מען ווילט זיך מיט נאַציאָנאַלע טענץ, ביי נאַציאָנאַלער מוזיק און מען באַהאַנדלט נאַציאָנאַלע טעמעס, פֿון געשיכטע, ליטעראַטור, קונסט.

„און אפילו פּאָליטיק — אויף וויפל דאָס איז מעגלעך אין די ראַמען פֿון סאָוויעטישן רעזשים — אַלע האָבן דאָך נאַציאָנאַלע רעפּובליקן, אויטאָנאָמע געגנטן, אייגענע רעגירונגען און זעלבּ־פאַרוואַלטונגען. מען האָט אויפגעשטעלט ביבליאָטעקן אין די פֿאַרשידענע שפּראַכן פֿון אַלע נאַציאָנאַליטעטן, צו לייענען, צו שטודירן זייערע ספּעציפֿישע פּראָבלעמען...״

די יידישע סטודענטן זענען געבליבן אינדרויסן, אויסער יעדער נאַציאָנאַלער ראַם און אָרגאַניזאַציע; זיי האָבן פּשוט געגומען פּילן אַ מאַנגל אין געזעלשאַפט, אין מעגלעכקייטן צו פֿאַרברענגען און פֿאַרווענדן די פֿרייע צייט.

„פֿאַרשטויסענע?..״ — פֿרעג איך (נישט קיין ווערטלעכע איבערזעצונג פֿון פֿראַנצויזישן „עקספּולסע״, וואָס איך האָב באַ־נוצט, אָבער געמיינט האָב איך דאָס).

„נישט געגנוי...״ — ענטפֿערט ער — „אָבער דאָך מער־ווייניק אַזוי...״

דערציילט דאָס מיידל:

„פֿאַראַן ביי אונדז געציילטע בוריאַטן — זיי וווינען פּונקט בשכנות מיט אונדז און מיר קענען זיך גוט — האָבן זיי אַ ביב־ליאָטעק אין בוריאַטיש, פֿאַרנעמען זיך מיט איר, פּלעגן זייער שפּראַך, פֿאָרשן זייער געשיכטע...״ — דאָ ליידיקט זי אויס איר גלעזל, פֿאַרטראַכט זיך אַ ווײַלע און זעצט פֿאָר — „פֿאַרשטויסן, פֿרעגט איר; איך האַלט, אַז יאָ... מען וויל אונדז נישט, מיר זענען ווי פֿרעמדע... און מען האָט אונדז פֿיינט...״

„פֿאַראַן אַ סך יידישע סטודענטן אין אַקאַדעמאָגאָראַדאָק?״ — רייס איך איר איבער.

„מיר קענען נאָענט נאָך פֿיר. פֿאַראַן נאָך אייניקע, לויט די

נעמען, יידן, אָבער מיר האָבן נאָך נישט אָנגעקניפּט מיט זיי קיין ייִדישן קאָנטאַקט. מיר, די זעקס, נעמען זיך צונויף פון צייט צו צייט. ווייסן מיר נישט: פאַרוואָס ווערט נישט געפלעגט אין ראַטנפאַרבאַנד די יידישע קולטור, נישט געלערנט די יידישע שפּראַך, — וואָס מיר וואָלטן אויך מיט באַגייסטערונג געלערנט — ווי דאָס ווערט געטאָן בנוגע אַנדערע, אפילו פיל קלענערע פעל־קער און פעלקערשאַפטן? פאַרוואָס האָבן מיר נישט קיין שום זעלבפאַרוואַלטונג, קיין שום נאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס? מיר האָבן געפּרוווט וועגן דעם פרעגן די פאָרשטייער פון דער אַלסאָ־וויעטישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע, וועלכע פאַרוואַלטעט, דורך איר סעקציע פאַר סיביר, מיט אַקאַדעמאָגאָראָדאָק. מיר האָבן באַקומען אויסמיידנדיקע ענטפערס...״

„ערגער...״ — רייסט איבער דער בחור — „מען האָט אונדז געגעבן דייטלעך אָנצוהערן, אַז מיר זאָלן זיך מיט דעם ווייניקער אינטערעסירן און פאַרנעמען...״

זיי האָבן זיך גענומען דערנענטערן צו יידן אין נאָוואָסיבירסק, זיך אינטערעסירן מיט יידישער געשיכטע, יידישער ליטעראַטור, און דער בחור איז אָפנהאַרציק מודה:

„...כדי צו וויסן — מיט וואָס זענען מיר יידן?.. און צי זענען מיר עס טאַקע אויף אַן אמת?..״

„אמתע יידן זענען מסתמא אין ישראל, מיינען מיר...״ — האָט אַביסל פאַרשעמט געזאָגט דאָס מיידל.

„וואָס ווייסט איר וועגן ישראל?״ — האָב איך געפרעגט.

„בלויז שלעכטס...״ — איז געווען דער אויפריכטיקער ענטפער פון ביידע. און ווי קאָן דען זיין אַנדערש, ווען זייער גאַנצע אינ־פאָרמאַציע שעפּן זיי פון דער סאָוויעטישער פּרעסע און אַנדערע אָפיציעלע אויסגאַבעס פון ראַטנפאַרבאַנד? יידן אין נאָוואָסיבירסק האָבן זיי אויפגעקלערט, אַז מען דאַרף נישט גלויבן אַלץ וואָס עס שרייבן די אָפיציעלע אויסגאַבעס. אָבער קיין אַנדערע, אויסער

אויסנווייניק, נישט־פולע אינפאָרמאַציעס, האָט מען זיי נישט געקאָנט דאָרט געבן; און דאָס זענען טיף־דענקנדיקע, פאָרשנדיקע יוגנטלעכע — זיי זענען דערצויגן געוואָרן צו גלויבן אין ציפערן, דאָקומענטן, אָפיציעלע וויסנשאַפטלעכע אָנגאַבן —ביידע שטודירן עקזאַקטע וויסנשאַפטן. וואָס האָב איך זיי געקאָנט אין געציילטע מינוטן אויפקלערן? אַלץ וועגן יידן, יידישקייט, וועגן ישראל — על רגל אחת? און צי גלויבן זיי, צי קאָנען זיי גלויבן אין מיינע רייד? כ'האָב געפרווט — צוליב דעם האָבן זיי דאָך, נעבעך, געזוכט אַן „אמתן ייד"...

ביים געזעגענען זיך, האָב איך זיי, טיף איבערצייגט, געזאָגט:

„זאָרגט נישט, מיינע טייערע, איר זענט אמתע יידן..."

אָבער זיי ווילן דאָך: זיך אויסלעבן אין סיבירער פרעסט ווי אמתע יידן — און דאָס איז אַזוי שווער, דאָס לאָזט מען זיי נישט...

שבת אין מאָסקווער סינאַגאָגע

אונדזער באַגלייטערין פון „אינטוריסט” האָט שוין געוווסט פּאָרויס, פאַרוואָס שבת אינדערפרי האָט זי נישט וואָס צו קומען צו אונדז אין האָטעל אַריין; אויך דער אויטאָבוס, וואָס האָט אונדז אַרומגעפירט, קאָן דעם פרימאָרגן בלייבן אין גאַראַזש. דאָס מאָל וועלן מיר גיין צופוס און אַליין טרעפן דעם וועג — בעסער געזאָגט, מיט אַן אייגענעם מורה־דרך, איינער פון אונדזער טור־ריסטן־גרופּע, אַ יליד־מאָסקווע, נאָך גאָרנישט קיין אַלטער ישראל־תושב, אינגאַנצן זיבן יאָר (אָבער, דרך אגב, דער גליקלעכסטער און רייכסטער פון אונדז אַלע: זיין טאַטע האָט אים אָפּגעוואַרט אין דער סאָוויעטישער הויפּטשטאָט), — ער וועט אונדז פירן אין שול אַריין.

עס איז געווען אַ פראַכטפול־זוניקער מאָסקווער פרימאָרגן. די רויטע קרעמל־מויערן אַנטקעגן אונדזער האָטעל, האָבן זיך געמיניעט און געטריקנט פון ביינאַכטיקן טוי, אין דער פרימאָרגן־זון. די ערשטע באַרזשעס, מיט מענטשן און משא, האָבן געצויגן איבערן מאָסקוואַ־טייך, וואָס האָט אונדז אָפּגעטיילט פון רויטן פּלאַץ. די אַרכיפּאָוואַ־גאַס, ווו עס געפינט זיך די מאָסקווער סי־נאַגאָגע, איז נישט ווייט — אַ פופצן־צוואַנציק מינוט גאַנג איבער ברייטע גאַסן. מיר האָבן געשוויגן אויפן וועג. איך גלויב, אַז אַלע, פונקט ווי איך, זענען געווען פאַרזונקען אין מחשבות און דער־וואַרטונג. איך האָב אַזויפיל געהערט און געלייענט וועגן דער גרויסער מאָסקווער שול — דאָס איינציקע אָרט, ווו מען טרעפט בצוותא אַ ציבור פון דעם דריי־מיליאָניקן סאָוויעטישן יידנטום,

אַז די פאַרשידנסטע געדאַנקען האָבן געיאָגט איינער דעם צווייטן...

מען דערקענט די שול שוין פון ווייטן. נישט דערפאַר, ווייל זי טיילט זיך אויס פון די אַרומיקע געביידעס, נאָר צוליב די גרופּעס יידן, וואָס שטייען אויף די טרעפּ, אַרום די אַריינגאַנג־קאָלאָנעס, אויפן טראָטואַר נעבן דער שול און אַנטקעגנאיבער.

פאַרן שול־אַריינגאַנג איז שטיל געוואָרן, ווען מיר, אַ צוויי צענדליק מענער און פרויען פון ישראל, מיט אונדזערע ישראל־אָפּצייכנס אין די לאַצן, זענען אָנגעקומען. פוןביידע זייטן האָבן זיך געצויגן הענט, געדריקט אונדזערע און ווי נישט געוואָלט זיי אָפּלאָזן:

„פון ישראל ?.. אַלע ?.. טאַקע ?..״

„שלום עליכם !״

„שלום !.. ברוכים הבאים !..״

שפּעטער האָט אַ ייד הינטער מיר „אַריינגעזאָגט״ אין זיין סידור אַריין: „דרייט זיך נישט אויס צו מיר, נאָר הערט... אָט דער גבאי״ — פּונקט איז פאַרבייגעגאַנגען דער פאַרהעלטנישמע־סיק יונגער, רירעוודיקער, נידעריקער, כסדר זיך־אַרומדרייענדיקער גבאי, מסתם „מטעם״ — „ער האָט אונדז שוין פאַרגעוואָרפן פאַר וואָס מיר האָבן אַזוי וואַרעם באַגריסט די ישראל־געסט ביי דעם אַריינגאַנג...״

ס׳איז געווען שבת־מברכין. מען האָט געבענטשט ראש־חודש אלול, תשכ״ו.

אַ שול, ווי יעדער פון אונדז געדענקט אַ סך אַזעלכע אין שטעט און שטעטלעך אין מזרח־אייראָפּע. דער ארון־קודש מיט דער בימה צוזאַמען, ביי דער מזרח־וואַנט. לאַנגע הילצערנע בענק, מיט טישן־שטענדערס און שאַפקעלעך אויף טליתים און סידורים. אָבער גלייך די ערשטע איבעראַשונג: די שול איז געווען געפּאַקט, ממש נישט געבליבן קיין ליידיקע פּלעצער. מיר האָבן אויסגערעכנט לויט די זיץ־פּלעצער, אַ פולן פּאָליש און זייטיקע צימערן מיט

מענטשן — העכער 500 מתפללים. אויך אויבן, אין עזרת־נשים, האָבן זיך געזען צענדליקער פרויען.

„איז דער ציבור מתפללים אַזוי גרויס צוליבן בענטשן ראש־



דער אַריינגאַנג אין דער גרויסער מאָסקווער סינאַגאָגע

חודש אלול ?" — האָבן מיר געפרעגט. ניין, האָט מען אונדז געענט־פערט, גאַנץ אָפּט קומט אַזאַ גרויסער עולם דאַוונען שבת אינ־דערפרי. ווער זענען די מתפללים ? קיין יינגערע פון פופציק יאָר האָבן מיר נישט באַמערקט צווישן זיי, אויסער דעם בעל־קורא, אַ קאַווקאַזער ייד פון אַ יאָר דרייסיק, מיט אַ שיינער קלינגענדיקער שטימע און מיטן איינציקן שוואַרצן בערדל אין דער שול, — אַ תלמיד פון דער ישיבה, האָט מען אונדז איבערגעגעבן.

דער מאָסקווער רב, הרב לעווין, איז ביים דאַוונען נישט געווען — קראַנק.

איינער פון די מתפללים האָט מיך געפרעגט:

„פאַרוואָס טוט איר נישט אָן קיין טלית און נעמט נישט קיין סידור אין האַנט אַריין ?" האָב איך אים דערקלערט דעם אמת: איך בין נישט געקומען דאַוונען אין מאָסקווע, ווי איך טו עס נישט אינדערהיים. איך בין געקומען זען אַ יידישן ציבור, ווייל ערגעץ אַנדערש אין מאָסקווע קאָן איך אים דאָך נישט טרעפן...

איך האָב זיך אַרומגעדרייט פריי און אומגעשטערט, צווישן די יידן, אין בית־הכנסת גופא און אין פאָליש. קיינער האָט מיר נישט געהייסן אַריינגיין אין דער „לאָזשע", רעכטס ביי דער מזרח־וואַנט, וואָס איז געמאַכט געוואָרן פאַר די ישראל־דיפּלאָמאַטן און אויסלענדישע געסט. איך בין צוגעגאַנגען דאָרט באַגריסן אונדזער אַמבאַסאַדאָר, כתריאל כ"ץ, וועלכער איז געקומען דאַוונען בראש פון זיינע הויפּט־מיטאַרבעטער. עס איז אויך געווען דער פריער־דיקער אַמבאַסאַדאָר, תקוע, וועלכער איז, אַלס גאַסט, ספּעציעל וואַרעם באַגריסט געוואָרן דורך די מתפללים. איינער פון אונדזערע דיפּלאָמאַטן האָט מיט ביטערקייט געזאָגט:

„זאָלסט נישט זאָגן אין לאַנד, אַז מיר זיצן איזאָלירט, מיר געפינען זיך אין אַ ,לאָזשע'..."

אַנדערש איז געווען מיט די פרויען פון אונדזער גרופּע. גלייך ווי זיי זענען אַרויפגעקומען אין עזרת־נשים, האָט זיי אַ גבאיטע,

אַ מיטליאָריקע פרוי, נישט געלאָזט זיך זעצן צווישן די אָרטיקע פרויען, נאָר געהייסן אַריינגיין אין אַ ספּעציעלער „לאָזשע“, ביים סוף פון דער ווייבער־שול. זיי זענען געזעסן צונויפגעדריקט, ווייל ס'איז נישט געווען גענוג פּלאַץ פאַר אַלע. אָבער די גבאיטע האָט זיי נישט דערלויבט אַריבערגיין אין אַ צווייטער ליידיקער לאָזשע; ווען זיי האָבן דאָך געפּרוווט אַרויסגיין פון דער „לאָזשע“, האָט די גבאיטע ברוטאַל געשריגן: „דאָ מוזט איר זיך אויפירן, ווי מען דאַרף זיך ביי אונדז אויפירן!..“

איך האָב זיך אַרומגעדרייט צווישן די יידן, אויפגעכאַפּט גע־שפּרעכן, געהערט, געפרעגט. די גרויסע מערהייט מתפללים זענען פּענסיאָנערן, פון איבער זעכציק יאָר. עס האָט געפרייט צו טרעפן יידן פון איבער אַכציק און אפילו ניינציק־יאָריקע. „אָבער די יוגנט?..“ — אויף דעם ענטפערט אַ טרויעריקער בליק און: „זי קומט איין מאָל אין יאָר — שמחת־תורה, און באַווייזט, אַז זי איז געבליבן אַן אונדזעריקע, אַ יידישע...“

רייסט איבער אַ ייד אונדזער געשפּרעך אין פּאַליש:

„די יוגנט? זי איז ווי ס'איז באַזאָרגט. מען זאָרגט וועגן איר און זי זאָרגט וועגן זיך אַליין... צו אונדז, אַלטע, איז אַ בראָך. זאָגט בעסער, איר זענט אַ תל־אביבער? איר קענט די גאַס...?“

„זיכער. ס'איז נישט ווייט פון מיין וווינונג“.

„געדענקט, כ'בעט אייך, חזרט זיך איין דעם אַדרעס און נאָמען. איך שרייב נישט אום שבת און וויל נישט, איר זאָלט מחלל־שבת זיין צוליב מיר... אין הויז נומער 20 אויף דער דאָזיקער גאַס אין תל־אביב, וווינט מיין שוועסטערן־טאָכטער. גריסט איר פון איר פעטער שמחה, און גיט איר איבער דאָס, וואָס איך קאָן נישט שרייבן, ווייל אויב כ'וועל עס שרייבן, וועט דער בריוו נישט אָנ־קומען... אירע פּעקלעך, וואָס זי שיקט מיר, דערהאַלטן מיך ביים לעבן. אפילו, ווען איר זענט בלויז אַ וואָך אין מאָסקווע, ווייסט איר דאָך שוין, אַז מיט די 31 רובל פּענסיע אַ חודש, קאָן מען

בשום אופן נישט לעבן. חזרט זיך איין דעם אַדרעס, איך בעט אייך!״

דער דאָזיקער ייד האָט גערעדט הויך, אָן פחד, אַלע אַרום האָבן געהערט. אָבער נישט אַלע אַזוי. אַ צווייטער האָט זיך דער־נענטערט צו מיין זייט, נישט געקוקט אויף מיר און שטיל געשעפּ־טשעט: „שטרעקט אויס אונטן די האַנט, מען זאָל נישט באַמערקן און נעמט צו דעם אָנגעשריבענעם אַדרעס... ס'איז מיינע אַ טאָכ־טער, אויך אין תל־אביב. גריסט און גיט איבער דאָס זעלבע...״

אַ דריטער איז צוגעקומען און שטיל געפרעגט: „איר האָט נאָך אַן אָפּצייכן מיטן מגן־דוד?״ ער האָט געקוקט, ווי גלעטנדיק מיטן אויג דעם ווייס־בלויעם ישראל־עמבלעם אין מיין לאַץ.

„ניין, דאָס איז דער לעצטער. אָבער איך גיב אים אייך...״ — און כ'האָב זיך געכאַפּט צו דער לאַץ.

„רירט נישט...״ — האָט ער מיך אָפּגעהאַלטן — „נעמט אַראָפּ מען זאָל נישט זען... איך וועל שוין צוקומען און עס נעמען ביי אייך שפּעטער...״

אויך דער ייד דערהאַלט פון צייט־צו־צייט פּעקלעך מלבושים פון ישראל, פון אַ קוזין אין חיפה.

„גריסט אים מיט זיין משפּחה, איך בעט אייך. זאָגט, אַז די פּעקלעך קומען אונדז צונוץ. אפילו זייער צונוץ, ביי דעם יקרות אויף קליידער. אָבער די פּעקלעך פון אייך זענען דאָך זייער טייער. מיר ווייסן, אַז אונדזער מאַכט נעמט אַ גרויסן צאָל. טאָמער איז זיי שווער, אפשר שפּאָרן זיי זיך, חלילה, דאָס אָפּ פון זיך, פון זייערע קינדער, זאָלן זיי נישט שיקן. מען גיט זיך דאָך ווי ס'איז אַן עצה — די טאָכטער פון יעקאַטערינאָסלאַוו העלפט צו אַביסל; כ'האָב אַ ייִנגערן ברודער אין לענינגראַד, וועלכער ארבעט נאָך, און — כל ישראל חברים...״

✶

„אַ סידור האָט איר?..״ — אָט־די פראַגע האָבן די יידן אַריינ־

געשעפטשעט אין אויער, געזאָגט הויך און אַמאָל אָנגעוויזן בלויז מיט אַ ווונק, מיט דער האַנט. מיר האָבן קיין סידורים נישט מיט־געבראַכט. די פון אונדז, וועלכע האָבן געדאַוונט, האָבן געבעטן סידורים ביים גבאי. ווער ס'האָט געבעטן האָט באַקומען אַ סידור און אַ טלית.

136 מי שברך להקיסר יר"ה
אדונינו הקיסר ניקולי אלעקסנדראוויטש עם אשתו הקיסרית הכבודה אלכסנדרא פעאדאראוונא, ואמו הקיסרית הכבודה מאריא פעאדאראוונא ואת יורש העצר הנשא געארגי אלעקסנדראוויטש ואת כל בית מלכנו הרם ירום הודם.
מלך מלכי המלכים ברחמיו יחייהו וישמרהו ומכל צרה ויגון ונזק יצילהו וידבר עמים תחת רגליו ויפיל שונאיו לפניו ובכל אשר יפנה יצליח: מלך מלכי המלכים ברחמיו יתן בלבו ובלב כל יועציו ושריו רחמנות לעשות טובה עמנו ועם כל ישראל. בימיו ובימינו תושע יהודה וישראל ישכון לבטח ובא לציון גואל. וכן יהי רצון ונאמר אמן:
כשמברכין החודש עונין לומר זה:
יהי רצון מלפניך יי אלהינו ואלהי אבותינו שתחדש עלינו את החדש הזה לטובה ולברכה. ותתן לנו חיים ארוכים חיים של שלום חיים של טובה חיים של

אַ טייל פונעם בלעטל פון מאָסקווער סידור מיטן „מי שברך" פאַרן צאַר

איינער פון אונדז האָט אין אַזאַ סידור, צו זיין דערשטוינונג, דערזען אַ „מי שברך להקיסר יר"ה", מיט ברכות פאַר „אדונינו הקיסר ניקולי אלעקסנדראָוויטש עם אשתו הקיסרית הכבודה..." און פאַר זיין מוטער און דעם יורש העצר „ואת כל בית מלכנו הרם ירום הודם"...

יאָ, די יידן אין מאָסקווע דאַווענען נאָך אין סידורים פון פאַר דער רעוואָלוציע; פאַרגעלטע, צעריסענע, אָבער אונטערגעקלעפּ־טע, פאַריכטע, — די גרויסע אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט זיי נאָך קיין נייע סידורים נישט געגעבן און נישט דערמעגלעכט צו דרוקן...

ווער ווייסט וויפל מסירות־נפש די דאָזיקע יידן האָבן געדאַרפט אַרויסווייזן, צו האַלטן און אויסצובאַהאַלטן די סידורים מיטן דאָזיקן „מי שברך״ — אין צייטן, ווען מ׳האָט זיי געקאָנט צוליב דעם באַשולדיקן אין קאָנטר־רעוואָלוציע...

ווען אונדז די מתפללים פון דער מאָסקווער סינאַגאָגע מוזן מוחל זיין, וואָס מיר האָבן אַרומגערינגלט אונדזער חבר, אים פאַרשטעלט און אַרויסגעריסן דאָס דאָזיקע בלעטל פונעם סידור, מיטגענומען עס ווי אַ טרויעריקן אָנדענק. ווער ווייסט — עס קאָן אַמאָל קומען אַ י. ל. פרץ, וואָס וועט דאָס בלעטל פאַרוואַנדלען אין אַ „פערטע מתנה״...

✶

איינגעוויקלט אין אַ גרויסן טלית, האָט זיך ביי אַ שטענדער געשאָקלט אַ ייד מיט אַ פיין־באַשניטן ווייס, שפּיציק בערדל. איך בין עטלעכע מאָל פאַרבייגעגאַנגען און געקוקט אויף זיין שיין־געפלעגט זקניש־געקנייטשט פּנים. בעתן לייענען האָט ער מיך פאַרהאַלטן מיט גוטמוטיקן בייזער:

„איר דאַוונט נישט, זע איך, מוזן מיר דאַוונען פאַר אייך... יאָ, מיר זענען מתפלל פאַר אייך... נישט פאַר אייך פערזענלעך, פאַר דער מדינה...״

ער איז אַ פענסיאָנירטער אַפּטייקער. זיין פענסיע איז אַ פאַר־העלטנישמעסיק הויכע און ער האַלט זיין עלטער פאַר „פולשטענ־דיק און געזונגנדיק פאַרזיכערט דורך דער ,סאָוועטסקע וולאַסט׳...״ ער איז אין דער יוגנט געווען אַ ציוניסטישער טוער.

„איר פאַרשטייט, דאָ וועט פון אונדז גאָרנישט בלייבן, מען ראָט אונדז אויס, איז אונדזער טרייסט דער ,הנשאר בציון והנותר בירושלים׳, פאַר וועלכע דער נביא האָט געזאָרגט...״

מיר זענען אַרויס פון דער סינאַגאָגע פאַרן סוף פון די תפילות. צוזאַמען מיט אונדז איז אַרויס, מיט שנעלע טריט, אַ ייד פון אַ יאָר עטלעכע־פופציק.

„נישט שיין" — רופט ער צו אונדז — „ישראל־יידן זאָלן פאַרלאָזן די שול אינמיטן דאַוונען..."

„און איר מעגט ?"

„איך..." — שמייכלט ער ביטער — „כ'מוז לויפן צו דער אַרבעט... מ'וועט דאָך מיך נישט באַפרייען שבת צו גיין דאַוונען... כ'האָב קוים אַריינגעכאַפּט ראש־חודש־בענטשן..."

דער זעלבער ייד מיינט:

„וואָלט מען זיך געקאָנט באַפרייען שבת פון דער אַרבעט, וואָלט איר געזען אין שול אַ סך יונגע פּנימער, אויך יינגערע פאַר מיר, און נישט בלויז זקנים..."

קאָן מען, פאַרשטייט זיך, נישט וויסן „וואָס וואָלט געווען, ווען..." די יוגנט ווערט דערצויגן אין אַן אַנטי־רעליגיעזן גייסט.

מיר זענען, להבדיל, געווען אויך בעת אַ גאָטעסדינסט אין אַ פּראַוואָסלאַוונער צערקווע. מיר האָבן געפּועלט ביי אונדזער אָפיציעלער באַגלייטערין, טענהנדיק צו איר: „פירסט אונדז בלויז אין מוזיי־צערקוועס — מיר ווילן זען אַ טעטיקע צערקווע..." זי האָט אונדז אַוועקגעפירט. זענען דאָרט אויך געווען בלויז אַלטע מענער און פרויען, מיט גערינצלטע פּנימער. אפילו דעם ארון מיט אַ מת, וואָס איז פּונקט געווען אין דער צערקווע, האָט קיין איין יונגער מענטש נישט באַגלייט...

✶

צוריקגייענדיק איבער די רוישנדיקע בייטאָגיקע גאַסן פון מאָסקווע, האָבן אונדז געקלונגען אין די אויערן די ווערטער פון דעם אַלטן אַפּטייקער: „די טרייסט איז דער הנשאר בציון והנותר בירושלים..."

און די דריי מיליאָן יידן אין ראַטנפאַרבאַנד?

האָבן מיר זיך אויף אונדזער רייזע איבערצייגט, אַז זיי זענען נאָך ווייט־ווייט נישט פאַרלאָרן — אוודאי נישט די זקנים, אָבער אויך נישט די יוגנט.

אין דער רעדאַקציע
„סאָוועטיש היימלאַנד"

דאָס באַזוכן די רעדאַקציע „סאָוועטיש היימלאַנד" איז פאַר אונדז געווען אַ זעלבפאַרשטענדלעכקייט. ראשית, איז עס דאָך דער איינציקער אָפיציעלער יידישער אַדרעס אין מאָסקווע — און אין גאַנץ ראַטנפאַרבאַנד — וועלכער באַזיצט דערביי אויפן הויז, אין גאַס, ביים אַריינגאַנג, אַ שילד אין יידיש, דעם איינציקן יידישן שילד אין גאַנצן ראַטנלאַנד; דער צווייטער אַדרעס, וווּ די מערהייט יידישע טוריסטן קומט, דער בית־הכנסת, איז דאָך גאָר ווייניק אָפיציעל... שנית, איז אונדזער גרופּע באַשטאַנען פון אַ סך דרוקער־אַרבעטער, צווישן זיי אַלטע יידיש־זעצער, האָבן מיר דאָך זיכער אַ שייכות מיט אַ יידישער רעדאַקציע.

אָבער...

אין צענטראַל־קאָמיטעט פון די סאָוויעטישע פּראָפאַריינען האָט אונדז אויפגענומען דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון פּראָפעסיאָנעלן פאַריין פון די קולטור־אַרבעטער, וואָס האָט העכער אַנדערהאַלבן מיליאָן מיטגלידער און עס זענען אין אים אָנגעשלאָסן סיי שרייבער און קינסטלער, סיי דרוקער־אַרבעטער — טאַראַסאָוו. ער איז איינער פון די אָנגעזעענע פירער פון דער סאָוויעטישער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג בכלל און ער האָט געהאַט צייט מיט אונדז צו פאַרברענגען אייניקע שעה אין אַ פריינטלעכן און אויספירלעכן שמועס. אָבער אין „סאָוועטיש היימלאַנד" האָבן מיר נישט געהאַט דעם כבוד אויפגענומען צו ווערן דורכן שעף־רעדאַקטאָר, אהרון ווערגעליס, נישט דורכן רעדאַקציע־סעקרעטאַר און אפילו נישט

דורך איינעם פון די אָפיציעלע מיטגלידער פון דער רעדאַקציע־קאָלעגיע — אַלע זענען „געוועזן פאַרנומען”... עס האָט אונדז אויפגענומען אַ פּשוטער מיטאַרבעטער פונעם זשורנאַל, מויני שולמאַן, וועלכער האָט גלייך „געוווסט”, אַז מיר זענען „דאָך געקומען פרעגן און הערן וועגן דער לאַגע פון די סאָוויעטישע יידן...” פאַרשטייט זיך, אַז דאָס האָט אונדז אינטערעסירט — אָבער מיר האָבן גוט געוווסט, אַז נישט דאָ קאָנען מיר געוויר ווערן וועגן דער אמתער לאַגע פון די סאָוויעטישע יידן.

האָט דער פירער פון אונדזער גרופּע, צבי אסף, אונטערגע־שטראָכן, אַז מיר זענען, ווי דרוקער־אַרבעטער, געקומען אויך הערן וועגן יידישן געדרוקטן וואָרט אין ראַטנפאַרבאַנד, וועגן שרייבער און דרוקער־אַרבעטער.

מיר האָבן צוערשט אויסגעהערט מויני שולמאַנס אַ „קאַזיאָנע” רעדע וועגן דער „נאַטירלעכער און נישט־געצוווּנגענער אַסימי־לאַציע” פון די יידן אין ראַטנפאַרבאַנד; אַז די אַמאָליקע יידישע שולן „האָט מען געשלאָסן, ווייל די יידן האָבן אויפגעהערט שיקן אין זיי זייערע קינדער...” אַז „אויך אין די פאַרייניקטע שטאַטן, אַרגענטינע און פראַנקרייך קומט פאָר אַ שנעלע שפּראַך־אַסימי־לאַציע פון די דאָרטיקע יידן... אויך אין ישראל, האַלט איך, קומט פאָר אַן אַסימילאַציע פון יידיש אין העברעיש אַריין...”

„אָבער אין די אַלע אויסגערעכנטע לענדער דערשיינען דאָך, אויסער זשורנאַלן, יידישע טאָג־צייטונגען, צענדליקער ביכער אין יידיש, פאַראַן פאַרשידענע פאָרמען פון שולן אין יידיש. און וואָס ווערט געטאָן אויף דעם געביט פאַרן האַלבן מיליאָן יידן — כאָטש פאַר זיי אַליין — וואָס האָבן אין דער פאָלקס־ציילונג אין ראַטנ־פאַרבאַנד אָנגעגעבן יידיש ווי זייער אומגאַנג־שפּראַך?”

„פאַר זיי טאָקע גיבן מיר אַרויס ‚סאָוועטיש היימלאַנד’, ביכער אין יידיש...”

און דאָס איז, לויט אים, גענוג.

שולמאַן האָט אין זיין רעדע אויך אָנגעגעבן אינטערעסאַנטע ציפערן: „סאָוועטיש היימלאַנד" ווערט געדרוקט אין 25 טויזנט עקזעמפּלאַרן. אַ 1500 עקזעמפּלאַרן ווערן יעדן חודש פאַרקויפט אין ישראל; אַן ענלעכע צאָל אין די פאַראייניקטע שטאַטן; אַ ביסל אַ קלענערע צאָל — אין קאַנאַדע, און נאָך אַ 1500 עקזעמפּלאַרן — צוזאַמען אין פראַנקרייך, פּוילן און אַנדערע לענדער. אין ראַטנ־פאַרבאַנד אַליין זענען פאַראַן אַן 18 טויזנט שטענדיקע לייענער פון „סאָוועטיש היימלאַנד". „אַ שיינער טיראַזש" — גרויסט ער זיך — „אין פאַרגלייך מיט אַלע אַנדערע אויסגאַבעס אין יידיש אויף גאָר דער וועלט".

די זעצערס פונעם יידישן חודש־זשורנאַל זענען: איין אַלטער יידישער לינאָטיפּיסט, וועלכער איז בנס געבליבן לעבן פון די אַמאָליקע „עוסקים במלאכת הקודש", און צוויי נישט־יידישע מייד־לעך, וועלכע ער האָט אויסגעלערנט דעם אלף־בית און זיי זעצן יידיש, נישט פאַרשטייענדיק די שפּראַך, און „זעצן ריין, כמעט אָן פעלערן".

שולמאַן האָט ווייטער געזאָגט:

„אונדזער זשורנאַל האָט זיך אין די פינף יאָר פון זיין עקזיס־טענץ שטאַרק אַנטוויקלט, סיי אינהאַלטלעך און סיי טעכניש, און ער ווערט, ווי איר זעט, דורך זיין פאַרשפּרייטונג, אַ בריק צווישן די יידן אין ראַטנפאַרבאַנד און די יידן אויף דער גאָרער וועלט..."

אויף דער פראַגע פון איינעם פון אונדזערע חברים, פאַרוואָס זיי קלערן נישט וועגן אַ יידישער טאָג־צייטונג, אויב זיי האָבן אַזאַ גרויסע צאָל יידיש־לייענער, איז געקומען דער ענטפער: אַ טאָג־צייטונג איז אַ קאָמפּליצירטער ענין. פאַר אַ טאָג־צייטונג וועלן אויך נישט זיין אַזויפיל לייענער, ווייל אַ צייטונג אין יידיש „וועט קיינמאָל נישט קאָנען קאָנקורירן מיט די גרויסע רוסישע טאָג־צייטונגען, צו וועלכע דער לייענער מוז אָנקומען"; אויסער דעם וואָלטן געוועזן אויך רעדאַקציאָנעלע שוועריקייטן: זיי „האָבן

אַ סך, און טאַלאַנטפולע, שרייבער, אויך גוטע זשורנאַליסטן, נאָר אַזעלכע, וואָס ,קאָנען מאַכן' אַ צייטונג, איז פאַראַן ווייניק..." אָבער, — האָט ער צוגעגעבן — „פאַראַן דאָך אַ צווישן־זאַך, צווישן אַ חודש־זשורנאַל און אַ טאָג־צייטונג" — אַ וואָכן־צייטונג, וואַר־שיינלעך, — און „וועגן דעם קלערן מיר יאָ".

איז דאָס אַ פריידיקע אָנדייטונג!

די רעדאַקציע האָט נישט קיין שום זאָרג מיט דרוקן און פאַר־שפּרייטן דעם זשורנאַל; דאָס טוען די מלוכהשע אינסטיטוציעס און דרוקערייען, וואָס דרוקן און פאַרשפּרייטן אַלע סאָוויעטישע אויסגאַבעס.

איך האָב אין מיין וואָרט, אַלס אַ שטענדיקער לייענער פון „סאָוועטיש היימלאַנד", גערעדט וועגן זיין הויכן ניוואָ, ספּעציעל פון ליטעראַרישן טייל, זאָגנדיק, אַז מיט דער פּובליציסטישער קאָן איך זייער אָפט נישט מסכים זיין. כ'האָב זיך אָפּגעשטעלט אויף צוויי פון די דורך זיי אַרויסגעגעבענע יידישע ביכער, דעם ראָמאַן „ערב" און דער לידער־זאַמלונג „נייע האָריזאָנטן", וואָס זענען, לויט מיין מיינונג, אַ וויכטיקער בייטראָג צו דער יידישער ליטעראַטור אין די לעצטע יאָרן. און „ווי אַ לייענער האַלט איך פאַר מיין רעכט, צו פרעגן אַ פּאָר פראַגעס און אויסדריקן אייניקע ווונטשן".

אין דעם לעצטן נומער „סאָוועטיש היימלאַנד", וואָס כ'האָב געהאַט געלייענט (נומער 6, 1966), איז געווען אַ גרויסער נעקראָ־לאָג נאָך נחמן מייזיל. איז דאָרט געווען אויסגערעכנט זיין לאַנגער פּרוכטבאַרער ליטעראַרישער וועג, פון קיעוו, דורך וואַרשע, ביז ניו־יאָרק; אָבער נישט דערמאָנט, אַז ער האָט די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן געוווינט אין ישראל, דאָ געאַרבעט, אַרויסגעגעבן ביכער, דאָ געשטאָרבן און געקומען צו קבורה.

מיט אַ נומער צי צוויי פריער איז געווען, אים צו לענגערע יאָרן, אַ נאָטיץ וועגן 60־יאָריקן געבוירנטאָג פון ישעיהו שפּיגל.

ווידער דאָס זעלבע: ער האָט געשריבן אין פוילן, וועגן לאָדזשער געטאָ, באַקומען ליטעראַרישע פרייזן אין ניו־יאָרק, — אָבער נישט דערמאָנט, אַז ער לעבט און שאַפט שוין זינט לאַנגע יאָרן אין ישראל.

פונקט דאָס זעלבע איז געווען אין אַ נאָטיץ צום 85־סטן געבוירנטאָג פון שלום אַש, אין „סאָוועטיש היימלאַנד" בערך מיט אַ יאָר פריער: נישט אָנגעגעבן, אַז זיינע לעצטע יאָרן האָט ער געלעבט אין ישראל, דאָ געשאַפן זיינע לעצטע ווערק, און זיין לעצטע היים, אין בת־ים, איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מוזיי וועגן דעם גרויסן יידישן שרייבער.

„דאָס זענען צופאַלן..." — איז געקומען אַן ענטפער — „איר פאַרשטייט, ביים שרייבן די נאָטיצן האָבן מיר נישט די נויטיקע מאַטעריאַלן..."

וואָס האָב איך אים געקאָנט ענטפערן? ער איז דאָך אַ גרע־סערער מאַרקסיסט און ראַציאָנאַליסט פון מיר, נאָר אין אַזעלכע דריי צופאַלן איז אויך מיר שווער צו גלויבן...

ער האָט גערעדט וועגן אַ „בריק צווישן די סאָוויעטישע יידן און די יידן פון אַנדערע לענדער" (ער האָט אפילו באַנוצט דאָס וואָרט „תפוצות"...) דורך „סאָוועטיש היימלאַנד". מסכים, האָב איך געענטפערט, אָבער אַ בריק דאַרף זיין מיט אַ צוויי־זייטיקער ריכטונג. איך האָב, למשל, געלייענט אין „סאָוועטיש היימלאַנד" די האַרציקע, עכט־יידישע באַשרייבונגען פון די (געוועזענע) יידישע שטעטלעך אין ראַטנפאַרבאַנד. וואָלט איך געוואָלט, אַז דער סאָוויעטיש־יידישער לייענער זאָל, אינעם זעלבן זשורנאַל, געפינען באַשרייבונגען פון אונדזערע שטעטלעך און יישובים.

„מיר האָבן אין ישראל" — האָב איך געזאָגט — „אַ גרויסע און קינסטלעריש־אָנגעזעענע גרופּע יידיש־שרייבער. איר וועט דאָך מודה זיין, אַז נישט..." (איך האָב אָנגערופן אַ נאָמען פון אַ קאָמוניסטישן יידיש־שרייבער פון ישראל, וועלכער ווערט געדרוקט

אין „סאָוועטיש היימלאַנד״) „רעפּרעזענטירט די יידיש־פּראָזע אין ישראל, פּונקט ווי נישט... רעפּרעזענטירט די פּאָעזיע אויף יידיש אין ישראל. מילא, פאַראַן אין ישראל יידיש־שרייבער, וועלכע זענען פּאָליטיש אַנגאַזשירט, אַזוי צו זאָגן, און איר קאָנט זיי נישט דרוקן. איך קאָן עס פאַרשטיין. אָבער פאַראַן אַזעלכע נישט־אַנגאַזשירטע, גרויסע דיכטער אין יידיש, ווי י. פּאַפּיערניקאָוו, יעקב פרידמאַן; אָדער אַזאַ יאָ־אַנגאַזשירטער, אָבער לטובת דעם ראַטנ־פאַרבאַנד, ווי אריה שמרי; צי אַזעלכע פּראָזאַיקער, ווי טאַקע ישעיהו שפּיגל, אָדער אברהם קאַרפּינאָוויטש. פאַרוואָס לאַדט איר זיי נישט איין מיטצואַרבעטן אין ,סאָוועטיש היימלאַנד׳?״

דער ענטפער איז געווען: „מיר האָבן זיך געווענדט, און שוין נישט איין מאָל, צו ש״י עגנון, צו שלאָנסקין, צו נתן אַלטערמאַן, און מיר האָבן פון זיי גאָרנישט באַקומען צוגעשיקט, בלויז פון שלאָנסקין — אַן אָנווייזונג, וועלכע לידער זיינע מיר קאָנען איבערזעצן פון זיינע ביכער...״

איז, פאַרשטייט זיך, שווער צו דיסקוטירן, ווען מען ענטפערט „אויף קלאָץ — בוידעם״...*

איך האָב אויסגעדריקט אַזאַ ווונטש:

„איך בין נישט רעליגיעז, און מיין ווונטש, גלויב איך, האָט גאָרנישט צו טאָן מיט רעליגיע. אַזוי ווי מיר האַלטן איצט ביי ראש־השנה, וואָלט איך זיך געווונטשן לייענען אין ,סאָוועטיש היימלאַנד׳ אַ ווונטש פאַר די לייענער צום יידישן ניי־יאָר. איך וואָלט זיך אויף דעם נישט אָפּגעשטעלט, ווען אין אייער זשורנאַל וואָלט בכלל נישט געווען קיין ווונטשן פאַר די לייענער; אָבער צום ערשטן יאַנואַר גיט איר יאָ אַ ניי־יאָר־ווונטש — וועלן אייערע

* ס׳איז מיר אָנגענעם אונטערצושטרייכן, אַז ווען די דאָזיקע שורות ווערן געדרוקט, עטלעכע חדשים נאָכן דאָזיקן באַזוך, האָט דער יידישער שרייבער־ און זשורנאַליסטן־פאַריין אין ישראל שוין יאָ באַקומען אַן איינלאַדונג פאַר זיינע מיטגלידער, זיי זאָלן מיטאַרבעטן אין „סאָוועטיש היימלאַנד״.

לייענער, אין ישראל זיכער, אָבער איך גלויב, אַז אויך אין ראַטנ־פּאַרבאַנד גופא, אויפנעמען זייער גינסטיק און עס באַטראַכטן ווי אַ צונויפבונד מיטן יידישן כלל, ווען איר וועט ווינטשן אַ יידיש־לעכן ‚לשנה טובה׳... דאָס וועט זיכער אויך צוהעלפן צו שטאַרקן ‚די בריק׳, וועגן וועלכער איר האָט גערעדט...״

„אַ ווונטש אויף ראש־השנה וואָלט געווען אַ רעליגיעזע מאַני־פעסטאַציע און מיר זענען אַנטשידן אַנטי־רעליגיעז...״

„אָבער אַ ווונטש צום 1־טן יאַנואַר האָט נישט צו טאָן, ווי יעדער ווונטש, מיט עפּעס איראַציאָנעלס?..״ — פּרוּוו איך אים ענטפערן.

אָבער שולמאַן הערט נישט. ער נעמט האַלטן אַ גאַנצע לעקציע וועגן דער שעדלעכקייט פון רעליגיע און וועגן דעם רעליגיעזן אָפּשטאַם פון די יידישע יום־טובים, פון ראש־השנה... „די סאָוויע־טישע יידן זענען נישט רעליגיעז... איר זענט דאָך מסתמא געווען אין מאָסקווער שול — ווער קומט דאָרט דאַווענען? דער אַלטער דור. די יידישע יוגנט אין ראַטנפאַרבאַנד איז ווייט פון רעליגיע און קעגן איר...״ ער כאַפּט זיך, אַז עפּעס שטימט דאָ נישט און גיט צו: „יאָ, מיר ווייסן — שמחת־תורה קאָנט איר טרעפן אויך מאַסן יוגנטלעכע אין שול, אַזוי דערציילט מען... אָבער דאָס האָט גאָרנישט צו טאָן מיט רעליגיע, נישט קיין רעליגיעזע געפילן ברענגען זיי אַהין...״

מסכים! דער יוגנט פאַרבינדן מיטן יידישן כלל נישט בלויז רעליגיעזע, נאָר אויך גאָר אַנדערע, נאַציאָנאַלע געפילן און מען לאָזט איר, דער יוגנט, אַנדערש נישט אויסדריקן די דאָזיקע געפילן, ווי כאָטש איינמאָל אין יאָר, דעמאָנסטראַטיוו, אין בית־כנסת. וועגן דעם איז דאָ וואָס צו רעדן — די „גוטווילליקע אַסימי־לאַציע״ איז נאָך, הייסט עס, נישט קיין פולשטענדיקע... אָבער מוֹיני שולמאַן זעצט פאָר זיין „לעקציע״ וועגן (קעגן) רעליגיע, ביז עס ווערט שפּעט און מיר קאָנען מער צום וואָרט נישט קומען.

אָבער, צי איז דען דאָ, אויף קיראָוו־גאַס 17, אין מאָסקווע, דער ריכטיקער פּלאַץ צו דיסקוטירן וועגן דעם גאַנצן פּלאָנטער פון פּראָבלעמען ביי און וועגן דעם סאָוויעטישן יידנטום? אונדזער מיטשמועסער, מיטן גאַנצן כבוד פאַר אים, קאָן זיכער די ענטפערס נישט געבן...

ווינטשן מיר, טאַקע צום נייעם יידישן יאָר, ווי אין אַלע טעג פון אַ גאַנץ יאָר — אַ גוט יאָר פאַר „סאָוועטיש היימלאַנד", דער זשורנאַל זאָל ווייטער זיך אַנטוויקלען, און דער עיקר — די יידיש־וואַרעמע טענער, וועלכע פילן זיך אַלץ אָפטער אינעם זשורנאַל. זאָלן וואַקסן און שטאַרקער ווערן און מיר זאָלן זוכה זיין, עס זאָל טאַקע געשאַפן ווערן אַ בריק, אַן אָפענע, דורכגאַנגבאַרע און פרייע, איןביידע זייטן אַריין, צווישן דעם סאָוויעטישן יידנטום און די יידן בכל תפוצות ישראל.

אַ יידישער שרייבער דערציילט...

אַ באַקאַנטער יידישער שרייבער פון די תפוצות האָט מיר פאַר מיין פאָרן קיין ראַטנפאַרבאַנד געשיקט דעם אַדרעס פון אַ דאָרטיקן עלטערן אָנגעזעענעם יידישן שרייבער און געבעטן:
„גריס אים פון מיר און כאַפּ מיט אים אַ שמועס... פרעג אים... זאָג, אַז ס׳איז פאַר מיר, וועט ער דיר אויפריכטיק ענטפערן...״ האָב איך זיך אָן אָוונט „אַוועקגעגנבעט״ פון מיין גרופּע און אַוועק אויפן אָנגעגעבענעם אַדרעס, נישט מעלדנדיק פריער, אַז איך קום.

ער האָט מיר אַליין געעפנט די טיר. כ׳האָב אים דערקענט; צי לויט געזעענע בילדער, נאָך גאָר אַמאָל, אָדער אפשר טאַקע אינטואיציע, ווי ער האָט געהאַלטן. כ׳האָב אים, יעדנפאַלס, מיטן „גוטן אָוונט״, אָנגערופן ביים נאָמען. ער האָט דערקענט, אַז איך בין אַן אויסלענדער און האָט מיך אַ ווײַלע פאַרשנדיק באַטראַכט. ער האָט זיך נישט גערירט פון שוועל:

„ווער זענט איר און ווער האָט אייך צו מיר געשיקט?..״

„ווער איך בין, איז דאָך נישט וויכטיק; נאָר געשיקט האָט מיך...״ — האָב איך אָנגערופן דעם נאָמען פונעם יידישן שרייבער.

ערשט דאַן האָט ער מיך אַריינגעבעטן אין שטוב.

און גלייך נאָכן אַוועקזעצן זיך, ווידער די פראַגע:

„איז ווער־זשע זענט איר?..״

איז ער געווען דער איינציקער מענטש, וועמען איך האָב בעת מיין רייזע דערציילט, אַז איך האָב אַ שייכות מיט דער פען. און מיר איז געווען אָנגענעם צו הערן, אַז ער געדענקט מיינעם אַ פּסעוודאָנים נאָך פון מיט דריי צענדליק יאָר צוריק און אפילו

מיינעם אַן אַרטיקל, וואָס איז דעמלט איבערגעדרוקט געוואָרן אין אַ סאָוויעטיש־יידישער צייטונג.

כ׳בין צוגעטראָטן: „לאָמיר הערן פון אייך...״

ער האָט מיך צוערשט ערנסט און מיט טרויעריקע אויגן אָנגעקוקט; אויפגעשטעלט זיך, אַז איך האָב געמיינט — איך דאַרף שוין אַוועקגיין; ווידער זיך געזעצט... איך האָב געשוויגן, זיך נישט גערירט פון אָרט און צום סוף זיך אָפּגערופן:

„...אָבער איר פאַרשטייט דאָך, אַז כ׳וועל נישט פאַרעפנטלעכן, נישט שרייבן...״

„איך פאַרשטיי... גייט דען בלויז אין פאַרשטיין?.. אָבער נישט אַלץ דאַרף דאָך זיין ,פאַר אים׳, ווי עס שרייבט אונדזער פריינט... פאַרקערט, מען דאַרף יאָ שרייבן, דערציילן... עס האַנדלט זיך אין: וואָס דערציילן און ווי אַזוי...״

האָב איך שעהן געהערט, אפילו פאַרצייכנט אויפן אָרט. ער האָט ביסלעכוויז אָנגעהויבן „אויפריכטיק ענטפערן״ און דערציילן און פאַר מיר האָבן זיך ווידער אַנטפּלעקט — גיהנומדיקע בילדער. אָבער אַ גרויסער טייל פון זיי מוז בלייבן טיף פאַרבאָרגן ביי מיר אין האַרץ און כ׳וועל, דערווייל, אַליין טראָגן דעם ווייטיק...

„...ניין, איר קאָנט עס נישט פאַרשטיין... דאָס קאָן מען פילן בלויז אַליין איבערלעבנדיק עס... יאָרן, יאָ יאָרן — זיין גרייט נאַכט נאָך נאַכט... דריי־הונדערט־פינף־און־זעכציק נעכט אין יאָר, זיין גרייט מען זאָל אָנקלאַפּן, מיטנעמען אויף נישט צוריקצוקומען... הונדערטער און הונדערטער שלאָפלאָזע קאָשמאַרנע נעכט, אין די מלבושים, דאָס וואַליזקעלע גרייט אויף מיטצונעמען... און דער בלוטיקער גורל האָט מיך אויסגעמיטן... כ׳ווייס נישט פאַרוואָס, ווי אַזוי — כ׳בין אין יענעם ,פּראָצעס׳ נישט אַריינגעצויגן געוואָרן.

„...איר האָט דאָרט נישט געוווסט, וואָס ס׳איז געשען? און מיר דאָ? אין דער לופט זענען געווען אָפּגעריסענע קלאַנגען... מען האָט מורא געהאַט צו פרעגן... נישט געווען אויך ביי וועמען

צו פרעגן... פּראָצעסן, דערשיסונגען... ביז מיר זענען אַלץ געוויר געוואָרן האָט אויך געדויערט יאָרן — נאָר גרייט געווען, געגלויבט האָבן מיר שוין אין אַלץ, אַז אַלץ איז מעגלעך..."

„און היינט?" — וואַרף איך צו אַ פראַגע.

„היינט? דער קאָשמאַר איז טאַקע אַוועק. מען קאָן זיך אויס־טאָן, לייגן אין בעט אַריין און איבערשלאָפן רויִק די נאַכט... מוז איך צוגעבן: דערווייל... ביי מיר — אפשר איז די זיקנה אין דעם שולדיק — איז געבליבן דער אומרו, די נישט־זיכערקייט, וואָס פרעסט אין האַרצן..." — און נאָך אַן אָפּרו — „דער אַנטיסעמיטיזם דערווייל וואַקסט. איר פרעגט צי דאָס ליד, וואָס מען האָט אייך איבערגעגעבן, איז עכט? זיכער. יאָ, ער האָט עס טאַקע געשריבן! ע ר, דער אַלטער באַלשעוויק, דער מיט דער ברוסט מעדאַלן פון דער פּאַטערלענדישער מלחמה פאַר זיין גבורה, פאַר זיין העלדיש־קייט אויפן שלאַכטפעלד. אויך איך קען עס אויף אויסנווייניק, ווי עס קענען דאָס אַזויפיל יידן..."

און ער רעציטירט אין רוסיש, איבערזעצנדיק מיר שורה נאָך שורה:

„,די יידן זייען נישט און שניידן נישט,
זיי זענען נאָר סוחרים — אין זייערע קלייטן.
די יידן — זיי זענען די גרעסטע גנבים,
די יידן זענען בלויז רשעים.
יידן ווילן נישט זיין קיין סאָלדאַטן;
איוואַן קעמפט אין די אָקאָפּעס,
אַבראַשע — גייט האַנדלען אין זיין קלייט'.
די רייד הער איך זינט מיין קינדהייט,
און באַלד בין איך שוין אַ זקן.
אָבער ווו איך קער זיך, הער איך:
,די יידן זענען דאָס, די יידן — יענץ'.
כ'האָב זיך קיינמאָל נישט פאַרנומען מיט מסחר,

כ׳בין קיינמאָל נישט געווען קיין גנב,
איך טראָג בלויז טיף אין מיין האַרץ
דעם קען־צייכן פון מיין פאָלק;
כ׳בין נישט געפאַלן אויפן שלאַכטפעלד, —
כדי איך זאָל ווערן אַלט און גרוי
און הערן אָן אויפהער דעם פאַלשן קלאַנג:
,קיין ייד איז נישט געפאַלן אין קריג,
אַלע זענען צוריקגעקומען געזונט און שטאַרק׳...״

און מיין גאַסטגעבער זאָגט:
„אָן אמתע ענדערונג וועט זיין, ווען מ׳וועט אַזאַ ליד דערלויבן צו דרוקן, — אָבער צו דעם איז נאָך ווייט...״

„וואַלערי טאַרסיס דערציילט״ — האָב איך געזאָגט — „וועגן אַ שטאַרקן אַנטיסעמיטיזם צווישן די סאָוויעטישע שרייבער. צי טרייבט ער נישט איבער?״

„איך ווייס נישט וואָס ער האָט אַלץ דערציילט און צי ער טרייבט איבער. דער עיקר — עס איז דאָ אַנטיסעמיטיזם אויך אין די קרייזן פון די ,אינזשיניערן פון גייסט׳, און דאָ איז ער נאָך מער געפערלעך. איך קען גוט טאַרסיסן. ער האָט נישט געדאַרפט פאַר־לאָזן דעם ראַטנפאַרבאַנד, נאָר פירן דאָ דעם קאַמף. ס׳איז טאַקע שווער, אָבער ער האָט געהאַט מעגלעכקייטן געוויסע זאַכן דאָ אויפצוטאָן, דאָ אויפן אָרט. מען האָט אים, טראָץ אַלעמען, כאָטש צוביסלעך געהערט און זיך מיט אים, אין אַ געוויסער מאָס, דאָך גערעכנט. אָבער נישט ער איז דער עיקר... מען טענהט, אַז די יידן פאַרנעמען צופיל פלאַץ אין דער סאָוויעטישער ליטעראַטור. מען הערט עס אָפט, איך קום דאָך אין אַלגעמיינעם שרייבער־פאַריין, מען גיט עס אָנצוהערן, האַלב־אָפן, מיט רמזים. אָט זעט...״

ער נעמט אַרויס די „מיטגלידער־ליסטע פון דעם סאָוויעטישן שרייבער־פאַרבאַנד״. אַ גרויס בוך. אויסער פאַרשידענע אויפקלע־

רונגען, סטאַטוטן, אַדרעסן — אַ ליסטע פֿון העכער צען טויזנט נעמען — פֿון שרײַבער אין גאַנצן לאַנד. די שרײַבער זענען אײַנגעטיילט לויט נאַציאָנאַלע און עטנישע שפּראַכן־גרופּעס. 40 גיבן אָן ווי זייער שאָפֿונג־שפּראַך — ייִדיש, 9 — ייִדיש ווי די ערשטע שפּראַך און רוסיש די צווייטע, 4 — גיבן אָן רוסיש ווי זייער ערשטע שאָפֿונג־שפּראַך און ייִדיש ווי די צווייטע; 2 שרײַבן ליטוויש און ייִדיש, 2 — מאָלדאַוויש און ייִדיש; אײנער שרײַבט אין „בוכאַרישן ייִדיש".

„די דאָזיקע, בײַ זעכציק אין צאָל, שרײַבער" — זאָגט ווײַטער מײַן מיטשמועסער — „זענען אָפֿענע ייִדן. בין איך אַמאָל געזעסן און אַרויסגעזוכט אין דער ליסטע די ייִדן פֿון צווישן די, וועלכע שרײַבן אין אַנדערע שפּראַכן, דער עיקר אין רוסיש. כ'האָב זײ געזוכט לויט די פֿאַמיליע־נעמען, פּריוואַטע, פֿאָטערס נאָמען — איך האָב מער ווי עפּעס העכער 400 נישט אָנגעציילט. לאָמיר זאָגן, אַז נאָך אַ פּופֿציק, מער גלויב איך נישט, האָבן אַזוי פֿאַררוסישט, אָדער פֿאַרליטווישט, זייערע און זייערע טאַטעס נעמען, אַז מען דערקענט נישט זייער ייִדישן אָפּשטאַם. האָט איר צונויפֿגעזאַמלט, אַרום און אַרום, אַ 500 ייִדישע שרײַבער אין דער גאַנצער סאָוועטישער ליטעראַטור און פּרעסע. אויף אַ צען טויזנט — בײַ 5 פּראָצענט. איז מה רעש? אָבער נישט זייער צאָל איז דער עיקר, נישט אין דעם גייט עס! איך האָב אַליין געהערט אַ פֿאַראַנטוואָרטלעכן טוער אין שרײַבער־פֿאַרבאַנד — כאָטש אַליין, ווי דער אמת איז, אַ גאַנץ קנאַפּער שרײַבער — האָט זיך אויסגעדריקט וועגן איליאַ ערענבורג: ‚אַ רוסישער שרײַבער?.. המ... ער שרײַבט אין דער רוסישער שפּראַך — ס'איז אַן אונטערשיד...' וועגן ערענבורגן! — איר פֿאַרשטייט?"

„ווייסט דאָס ערענבורג?.." — איז מיר אינטערעסאַנט געוועןצו וויסן.

„וואָס פֿאַר אַ פֿראַגע!" — לאַכט ער — „ער ווייסט עס און

פילט עס, און מען גיט עס אים צו פילן!..״

איך האָב אים דערציילט וועגן אונדזער באַזוך אין „סאָוועטיש היימלאַנד״.

„ס׳איז אַ וויכטיקע פּאָזיציע און גאָר וויכטיקע דערשיינונג פאַרן סאָוויעטישן יידנטום״ — האַלט ער — „אָבער נאָר מיטן באַדינג, אַז דאָס זאָל זיין אַן אַ נ ה ו י ב! דער זשורנאַל אַ ל י י ן איז ווייניק...״ — דערביי האָט ער גרויסע אויסזעצונגען און גאָר קריטישע באַמערקונגען וועגן דעם זשורנאַל, זיין אינהאַלט, און זיינע רעדאַקטאָרן — „אָבער נישט אין אַלעמען זענען ז י י, די רעדאַקטאָרן, שולדיק... זיי וואָלטן דאָך געקענט געוויסע זאַכן ענדערן און טאָן אַנדערש...״

ער מיינט, אַז „סאָוועטיש היימלאַנד״ ווערט אין „אַ גאָר גרויסער מאָס אַרויסגעגעבן פאַר אייך, יידן אין אויסלאַנד״. מען באַמיט זיך גאָרנישט, אַז דער זשורנאַל זאָל שטאַרק פאַרשפּרייט ווערן צווישן די יידן אין ראַטנפאַרבאַנד גופא.

„זיי האָבן אונדז אָנגעגעבן וועגן אַ טיראַזש פון 25 טויזנט עקזעמפּלאַרן״, — האָב איך באַמערקט.

„קאָן זיין. איך קאָן אייך וועגן דעם קיין שום גענויעס נישט זאָגן...״ — אָבער ער האָט געצויגן מיין אויפמערקזאַמקייט, אַז אין יעדן בוך, אין יעדן זשורנאַל, וואָס דערשיינט אין ראַטנפאַרבאַנד, ווערט אין סוף, ביי דער דאַטע, אַדרעסן, פאָרמאַט א.ד.גל., אויך אָנגעגעבן דער טיראַזש. בלויז אין „סאָוועטיש היימלאַנד״ — נישט. פאַרוואָס?

„פאַר אַ ייד אין ראַטנפאַרבאַנד, ווי איך, איז, פאַרשטייט זיך, ,סאָוועטיש היימלאַנד׳ אַ לעבנוויכטיקייט. אָבער פאַרוואָס זאָל איך נישט קאָנען לייענען אויך די ,גאָלדענע קייט׳, ,די צוקונפט׳, ,צי מאזניים׳, אָדער כאָטש די ,יידישע קולטור׳ פון די אַמעריקאַנער קאָמוניסטן? צי ווייסט איר, אַז די ,פאָלקסשטימע׳ און די ,יידישע שריפטן׳ פון סאָציאַליסטישן פאָלקס־פּוילן, קאָן איך לייענען, און

בכלל נישט שטענדיק, בלויז אין אַ ביבליאָטעק, ווייל אַבאָנירן זיי קאָן מען נישט אין ראַטנפּאַרבאַנד? אָט זעט איר דאָך: איר באַקומט ביי אונדז אין די קיאָסקן די קאָמוניסטישע צייטונגען פון אַלע עקן וועלט, אָבער דעם ישראלדיקן ,קול העם' — נישט; איך קאָן אין אים אַריינקוקן בלויז אין די לייען־זאַלן פון די גרויסע עפנטלעכע ביבליאָטעקן — אַט־אַזוי זענען מיר, און אונדזער אַלט קוואַדראַטנער אות, ,גלייכבאַרעכטיקט' אין ראַטנפּאַרבאַנד..."

און קעגן דעם, האַלט ער, טאָרן יידן אויף דער וועלט נישט מיד ווערן צו פּראָטעסטירן. „עס קאָן העלפן..."

אינמיטן גיט ער אַ שווערן קרעכץ: „און מיין ביבליאָטעק..."

זיצט אַנטקעגן מיר אַן אַלטער יידישער שרייבער. זיין קאָפּ איז גרוי געוואָרן, די פּלייצע איינגעהויקערט, געבויגן צענדליקער יאָרן איבערן יידישן וואָרט, צערטלענדיק עס און שלייפנדיק, און ער האָט זיך דערוואָרבן אַ פאַרדינט אָרט אין אונדזער יידישער ליטעראַטור — זענען אין זיין אָרעם שטיבל פאַראַן בלויז געציילטע יידישע ביכער.

„מיט נסים געראַטעוועטע, פּונקט ווי איך אַליין..."

די איבעריקע ביכער האָט ער אַליין פאַרניכטעט, זענען פאַר־לוירן געגאַנגען אין „יענע יאָרן".

וואָלט מען דאָך געקאָנט פאַרפּאַקן אַ קאַסטן יידישע ביכער, אפילו ביי אונדז אין תל־אביב, און אַוועקשיקן צו אַן אַלטן פאַר־דינסטפולן יידישן שרייבער... עס וואָלטן זיינע טרויעריקע אויגן אויפגעלויכטן און דאָס געקנייטשטע פּנים אויפגעשיינט...

אוודאי וואָלט מען געקאָנט! קאָן מען עס דאָך נישט...

איז זיך פאַרצושטעלן אויך אָט־די טראַגעדיע פון אַ יידישן שרייבער?

ער פרעגט זיך אויס אויף באַקאַנטע און ווייניקער־באַקאַנטע יידישע שרייבער, אויף אַלטע און יונגע; אויך אויף די, וועלכע לעבן אין ישראל.

„אַזוי?.. זיי גיבן אַלע אַרויס ביכער?.. אַזויפיל נייע ביכער!.. און מען שרייבט ווייטער און מען דרוקט!..״ — פרייט ער זיך — „לא אלמן ישראל...״

✶

ווען ער באַגלייט מיך אַרויס צום אויטאָבוס, איז שוין שפּעט ביינאַכט.ביים געזעגענען זיך, זאָגט ער:

„שרייבט אים, מיין פריינט, אַז ער זאָל מיר נאָכאַמאָל אַרויס־שיקן זיין לעצטן בוך. איך וויל דאָך עס אַזוי לייענען... אפשר וועט עס דאָך דערגיין... אפשר וועט מען עס דורכלאָזן, ס׳וועט דורכגיין... עס מוז דאָך סוף־כל־סוף אַדורכגיין...״ — ער פאַר־טראַכט זיך איבערן געזאָגטן און שטרייכט אונטער — „עס מוז דאָך אַדורך!...״

הלוואַי.

דער פּריץ און די יידישע אַרענדאַרן...

נישט אומזיסט האָט שלום־עליכם געטראָפן אויף די באַנען אַזויפיל פּאַרשוינען זיינע. די מרחקים אין רוסלאַנד זענען אַזעלכע ריזיקע, אַז אויך היינט, מיטן שנעלצוג, פאָרט מען פון איין גרויסער שטאָט אין דער צווייטער מינימום צען־צוועלף שעה. נישט שטענדיק קאָן מען שלאָפן, נישט אָן אויפהער קאָן מען שווייגנדיק קוקן דורכן פענצטער אויפן פאַרבייפליענדיקן פּייזאַזש, ווי פאַרשידנאַרטיק און פּראַכטפול ער זאָל נישט זיין. ווייל מען רעדן, זוכט מען אַ מיטשמועסער אפילו — און אפשר דווקא — צווישן אומבאַקאַנטע, צופעליק־אָנגעטראָפענע, מיטפאָרער, וואָס מאָרגן וועט מען זיי מער נישט קענען און קיינמאָל מסתמא מער נישט זען. און אפשר איז עס אויך אַ סימן פון דער דאָך געענדערטער אַטמאָספער אין ראַטנפאַרבאַנד — מען זוכט באַקאַנטשאַפט, מען רעדט פרייער מיט אומבאַקאַנטע.

פיל אינטערעסאַנטע באַגעגענישן און באַקאַנטשאַפטן בעת מיין רייזע אין ראַטנפאַרבאַנד, זענען פאָרגעקומען אין צוגן.

אויך די דאָזיקע, אַזוי־אינטערעסאַנטע באַגעגעניש, איז פאָרגעקומען אין באַן.

ווען מיר זענען אַריינגעקומען אין קופּע, איז ער שוין געזעסן, פאַרקוקט דורכן פענצטער אויפן פעראָן. אַ שיינער מאַן פון אַ יאָר פערציק, זייער עלעגאַנט געקליידט. מיר האָבן צווישן זיך אַ שעפּטשע געטאָן: „ווי אַ פילם־אַרטיסט...״

ער האָט דער ערשטער, בעטנדיק דערלויבעניש צו רויכערן, פאַרגעלייגט אַ פּאַפּיראָס און זיך פאָרגעשטעלט. דער נאָמען — אַ טיפּיש־רוסישער, ווי דאָס פּנים זיינס.

„פון ישראל! יידן?" — האָט ער צופרידן־פאַרוואונדערט אויס־גערופן, דערהערנדיק ווער מיר זענען, — „האָב איך דאָך מיט אייך אַ שטיקל שייכות... מיין מאַמע איז אַ יידישע".

ער איז טאַקע אַן אַרטיסט, נישט אין פילם, נאָר אויף דער טעאַטער־בינע. אַ „פאַרדינסטפולער קינסטלער" פון איינער פון די גרויסע סאָוויעטישע רעפובליקן; אויך אַ רעזשיסער אינעם נאַציאָנאַלן טעאַטער אין דער הויפטשטאָט פון דער דאָזיקער רעפובליק.

זיין פאָטער איז אַ רוס. די מוטער — א יידישע טאָכטער, וואָס שטאַמט פון קראָקע.

„איך ווייס", — האָט ער שפּעטער אַביסל געזאָגט, — „לויט די נירענבערגער געזעצן בין איך אויך נישט קיין אַריער און ווען איך וואָלט, בעת דער מלחמה, אַריינגעפאַלן אין נאַצישע הענט, וואָלטן זיי מיך פאַרשפאַרט אין געטאָ און מסתמא פאַרגאַזט אין אוישוויץ. אָבער לויט די סאָוויעטישע געזעצן און אין דער סאָ־וויעטישערווירקלעכקייט, האָט מיין מאַמעס יידישער אָפּשטאַם מיר קיינמאָל נישט געשטערט אין גאָרנישט, נישט אין מיין שטו־דיום, נישט אין מיין קינסטלערישער קאַריערע און נישט אין דער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט".

איך דערקלער אים, אַז לויטן יידישן דין איז ער, צוליב דער יידישער מוטער — א ייד.

„וואָס?.." — לאַכט ער — „איך הער דאָס צום ערשטן מאָל. איך מוז דאָס דערציילן מיין מאַמען, זי ווייסט עס זיכער אויך נישט; זי קען אפילו נישט די יידישע שפּראַך. איך פיל נישט קיין שום פאַרבינדונג מיט יידן. איך האַלט מיך פאַר אַן עכט קינד פון ,אָקטאָבער'. מיינע עלטערן זענען פריי פון יעדן רעליגיעזן געפיל, טרייע קאָמוניסטן, נאָך אָנטיילנעמער אין דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. מיין טאַטע האָט מיך קיינמאָל נישט געפירט אין קירכע און נישט די מאַמע אין סינאַגאָגע... כ'האָב צו קיין שום

גאָט קיינמאָל נישט מתפלל געווען און נישט געפילט קיין באַדער־פעניש אין דעם, גלויבט מיר..."

„אייער מוטער שטאַמט אויך פון אַ פ אָ ל ק, פון אַ נאַציע, און נישט בלויז פון אַ רעליגיעזער געמיינשאַפט..."

„גלויבט מיר, איך האָב עס קיינמאָל נישט באַמערקט און נישט אַרויסגעפילט ביי מיין מוטער, פון קינדערווייז אָן ביזן היינטיקן טאָג, ווען זי איז שוין זייער אַלט און איך — איך בין אַוודאי אַ פולער און פולבאַרעכטיקטער זון פון מיין לאַנד..."

מיר האָבן נאָך לאַנג געשמועסט מיט אים וועגן פאַרשידענע פּראָבלעמען, אויסגעהערט פון אים אינטערעסאַנטע דערציילונגען און באַמערקונגען. פּלוצלינג האָט ער זיך אָפּגערופן:

„קיין ייד בין איך טאַקע נישט, נאָר אַ גוטן יידישן וויץ, וואָס איך האָב לעצטנס געהערט, בין איך גרייט אייך איבערצודערציילן. נאָר צום ערשטן הערט אויס די אומשטענדן, ביי וועלכע איך האָב אים געהערט..."

ער האָט זיך זיכער נישט אָפּגעגעבן קיין רעכענונג, אַז אָט־די „אומשטענדן" פונעם אַנעקדאָט, זענען פאַר אונדז געווען די אינ־טערעסאַנטסטע פון אַלע זיינע דערציילונגען און — אויך דער גורם פאַר די דאָזיקע שורות...

אין איינער פון די שטעט פון זיין רעפּובליק וווינט אַ יידישער בינע־קינסטלער (ער האָט אָנגעגעבן זיין נאָמען), איינער פון די איבערגעבליבענע פון מיכאָעלסעס חדר. האָט דער דאָזיקער יידי־שער קינסטלער צונויפגעשטעלט אין זיין שטאָט אַ קליינע יידישע טעאַטער־טרופּע, און נאָך אַ ריי געלונגענע פאָרשטעלונגען, האָט ער לעצטנס אויפגעפירט שלום־עליכמס צוויי איינאַקטערס. די פאָרשטעלונג האָט געהאַט אַ געוואַלדיקן דערפאָלג ביי יידן און ביי נישט־יידן, אין דער שטאָט, ווו דער אַרטיסט וווינט. דערמו־טיקט פונעם דערפאָלג, האָט די טרופּע באַשלאָסן אַרויסצופאָרן מיט דער פאָרשטעלונג איבער די גרעסערע שטעט פון ראַטנפאַרבאַנד,

וווּ עס געפינען זיך גרויסע יידישע קיבוצים. אויף דעם מוז מען האָבן אַ ספּעציעלע דערלויבעניש פון מאָסקווע, פון קולטור־ און קונסט־מיניסטעריום. עס פירט זיך, אַז אין אַזאַ פאַל ווערט באַשטימט אַן אָפּיציעלע קאָמיסיע פון זאַכקענער, וועלכע זעט די פאָרשטעלונג און באַשטימט צי זי איז ראוי געוויזן צו ווערן איבער דער מדינה. אין דעם פאַל איז באַשטימט געוואָרן אַ קאָמיסיע פון דריי טעאַטער־מענטשן פון דער רעפּובליק־הויפּטשטאָט, צווישן זיי אונדזער מיטשמועסער און אַ יידישער אַרטיסט, וועלכער פאַרשטייט יידיש; זיי איז צוגעגעבן געוואָרן אַ פאָרזיצער פון מאָסקווע, אַ באַקאַנטער פּאָליטישער קולטור־טוער. אַלע פיר זענען אַראָפּגעפאָרן אין דער געגעבענער שטאָט זען די יידישע פאָרשטעלונג. דערציילט אונדזער באַן־באַקאַנטער:

„דאָס איז געווען אַ פאָרשטעלונג פון אַ גאָר הויכן קינסטלערישן ניוואָ. סיי די רעזשי, סיי די אינטערפּרעטאַציע פון די שפּילער זענען געווען אויסערגעוויינלעכע. איך פערזענלעך האָב פון דער דאָזיקער פּראָווינץ־בינע דערפילט שלום־עליכמען אין זיין אייגנאַרטיקן אָריגינעלן שפּראַך־לבוש, כאָטש איך פאַרשטיי נישט די יידישע שפּראַך. איך מיט מיינע צוויי חברים האָבן אויפריכטיק און התלהבותדיק אַפּלאָדירט די פאָרשטעלונג. בלויז דער פאָרזיצער, וועלכער איז געזעסן נעבן אונדז, איז געבליבן קאָלט... ‚האָט ער געפונען אַ פּאָליטישן פסול?‘ — האָב איך אין זיך געטראַכט, — ‚אָבער ווי איז דאָס מעגלעך?‘ — האָב איך זיך אַליין געענטפערט — ‚די זעלבע איינאַקטערס זענען דאָך נישט איינמאָל שוין אויפגעפירט געוואָרן אין רוסיש...‘ אויף אונדזער זיצונג, נאָך דער פאָרשטעלונג, האָט דאָס ערשטע וואָרט גענומען דער פאָרזיצער. ער האָט, צו אונדזער שטוינונג, די פאָרשטעלונג אַרונטערגעריסן, סיי די רעזשי, סיי די שפּיל פון די אַרטיסטן, סיי ‚דאָס נישט־ריכטיקע אינטערפּרעטירן שלום־עליכמען...‘ מיר האָבן געפּרוווט מיט אים דיסקוטירן, אויפווייזן — עס האָט נישט געהאָלפן, ער

האָט אונדז ,איבערצייגט׳, אַז מען טאָר נישט דערלויבן צו ווייזן די דאָזיקע פאָרשטעלונג אויסער די גרענעצן פון דער דאָזיקער פּראָווינץ־שטאָט... פאַר מיין אַוועקפאָרן אַהיים, האָב איך געהאַלטן פאַר מיין חוב אַריינצוגיין צום יידישן קאָלעגע ; איך האָב אים דערציילט דעם גאַנצן אמת, אים איבערגעגעבן מיין שטעלונג און דערביי געפרעגט, צי ער קען פון פריער דעם מאָסקווער קאָמיסיע־פאָרזיצער און צי יענער האָט נישט עפּעס קעגן אים פּערזענלעך, ווייל ער האָט אַזוי נישט־ריכטיק אָפּגעשאַצט די דאָזיקע פּרעכ־טיקע פאָרשטעלונג...״

דער יידישער רעזשיסער־אַרטיסט האָט ביטער געלאַכט און דערציילט דעם באַקאַנטן אַלטן יידישן אַנעקדאָט :

אַ פּריץ איז געקומען צורייטן פאַרסאַפּעט צו זיין ערשטן יידי־שן אַרענדאַר אין קרעטשמע אַריין. „וואָס האָסטו צו עסן ?״ — האָט דער פּריץ אויסגערופן. דער קרעטשמער האָט אויסגערעכנט אַלע פליישן און פישן, וואָס ער האָט געהאַט. „און לעבערלעך פון קוראָפּאַטוועס האָסטו ?״ — האָט דער פּריץ בייז געפרעגט. דער ייד האָט עס, פאַרשטייט זיך, נישט געהאַט. „ניין ?!״ — האָט דער פּריץ זיך צעשריגן — „ווי וואַגסטו ?!..״ און ער האָט באַפוילן זיינע דינער אַוועקצולייגן דעם ייד, אַראָפּציען אים די הויזן און אַריינצוּיילן צוואַנציק שמיץ. ווען דער פּריץ איז אויף צו מאָרגנס געקומען צום צווייטן אַרענדאַר, האָט אים שוין דער ערשטער געהאַט באַפוילן, אַז ער זאָל אָנגרייטן לעבערלעך פון קוראָפּאַט־וועס. אָבער דער פּריץ האָט ביי אים פאַרלאַנגט גריישל פון האָזן ; דער אַרענדאַר האָט עס, פאַרשטייט זיך, נישט געהאַט און אויך באַקומען די שמיץ אויפן גאַלן לייב. ווען דער פּריץ איז געקומען צו זיין דריטן אַרענדאַר, איז שוין דער ייד געשטאַנען אין דער קרעטשמע גרייט, געוואָרט מיט אַראָפּגעלאָזטע הויזן. „וואָס באַ־דייט דאָס ?״ — האָט געפרעגט דער פּריץ. „דו מיינסט דאָך נאָר מיין הינטן...״ — האָט געענטפערט דער ייד.

דעם נמשל איז שוין, פֿאַרשטייט זיך, געווען איבעריק צו דערציילן...

„וואָס־זשע באַדייט דאָס?" — האָב איך געפֿרעגט אונדזער מיטשמועסער, — „נישט אַנטיסעמיטיזם?"

ער האָט אַ לאַנגע ווײַלע נאָכגעטראַכט, דאַן פֿאַמעלעך און שטיל גערעדט, מער אַראָפּגערעדט זיך פֿון האַרצן, זוכנדיק די פּאַסנדיקע ווערטער, ווי ענטפֿערנדיק אויף דער פֿראַגע:

„אַנטיסעמיטיזם?.. כ'ווייס נישט... איך וויל איר זאָלט מיך ריכטיק פֿאַרשטיין. איך האָב זיך קיינמאָל נישט אָנגעטראָפֿן פּערזענלעך דירעקט מיט אַנטיסעמיטיזם, ווי איך קאָן אים באַנעמען, לויט דער ליטעראַטור און געשיכטע, וואָס כ'האָב געלייענט. טאַקע, באמת... אַנטיסעמיטיזם, זאָגט איר?.. איך זע אָבער נישט פֿאַר וואָס, כ'זע נישט די סיבות... עס איז אפשר בלויז דיסקרימינאַציע קעגן דער יידישער שפּראַך..." — ער האָט זיך ווידער אַ ווײַלע פֿאַרטראַכט און פֿאַרגעזעצט — „כ'הויב אָן קלערן, אַז זיי האָבן דאָרט אין מאָסקווע עפּעס אַ פּאָליטישן מיין דערביי... אָבער — אַנטיסעמיטיזם?.."

„רופֿט איר עס ווי איר ווילט..." — האָב איך געענטפֿערט — „נאָר איר ווייסט וואָס? דערציילט עס אייער מוטער — עס וואָלט מיר זייער אינטערעסאַנט געווען צו הערן, ווי זי וועט דערויף רעאַגירן..."

אַ ייִדישע נאָמע

מיר האָבן זייער פיל געזונגען אין ראַטנפאַרבאַנד. אומעטום: אין אויטאָבוס, פאָרנדיק איבער די גאַסן; אין די האָטעלן, אפילו אין די אַעראָפּלאַנען; אָבער צום מערסטן — אין די באַנען. מיר האָבן געזונגען העברעישע און ייִדישע לידער — אַלץ, וואָס אַלע צוזאַמען האָבן נאָר געקענט. מיר האָבן נישט אין זינען געהאַט צו מאַכן דערמיט פּראָפּאַגאַנדע, כאָטש מען האָט אונדז לייכט געקאָנט אין דעם חושד זיין. פּשוט: מען איז אַ חודש אויסגעטאָן פון דאגות און זאָרגן, מען פאָרט אַרום ביי גוטע באַדינגונגען און באַדינונגען; טראָגט אַלע אויספלוגן און באַזוכן זענען געבליבן פרייע שעהן, ווען אַלע צוואַנציק מענטשן האָבן זיך צונויפגענומען צוזאַמען — וואָס זאָל מען טאָן? עס זינגט זיך אַליין... בפרט בעתן פאָרן, דער עיקר טאָקע בעת די לאַנגע רייזעס אין די באַנען: עס ווערט פאַרמיאוסט כסדר צו קוקן דורך די פענצטער — שטופּט מען זיך צונויף אין איין קופּע און, — אַ זמרל...

האָט, פאַרשטענדלעך, אונדזער זינגענדיקע גרופּע אומעטום געצויגן אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט. אין די באַנען איז מען פון ווייטע וואַגאָנען געקומען צו אונדזער צעזונגענער קופּע. קודם־כל, פאַרשטייט זיך, ייִדן — דער ניגון האָט צוגעצויגן פון ווי־ווייט... אָבער אויך נישט־ייִדן. מען איז צוגעקומען, זיך אָפּגע־שטעלט, געפרעגט, פאַרבונדן שמועסן, געשלאָסן באַקאַנטשאַפטן — אַלץ דורך אונדזערע לידער. און טאַקע אָפט — גענומען מיטזינגען.

ווען מיר האָבן איינמאָל אַזוי געזונגען אין באַן, איז אין קאָ־רידאָר, פאַרביי אונדזער אָפענער קופּע, עטלעכע מאָל דורכגע־גאַנגען אַ פרוי, פירנדיק ביי דער האַנט אַ קינד, אַ ייִנגעלע פון

אַ יאָר זעקס־זיבן. אַ שיינע, שלאַנקע פרוי, כאָטש שוין ווייט נישט קיין יונגע. זי האָט אויסגעזען פון אַ יאָר קנאַפּע פופציק. בלאָנדע האָר, דורכגעוואָרפן שוין מיט גרויע; אַ פּנים פון אַן „אַריערין״, נאָר די אויגן אירע זענען געווען שוואַרצע, גרויסע, מיט אַ בליק, וואָס האָט זיך עפּעס נישט געפּאַרט מיטן שמייכלענדיקן פּנים און בלאָנדן קאָפּ... זי איז דורכגעגאַנגען איינמאָל, נאָכאַמאָל, אַ דריט מאָל — געזעצט צום קינד, אָבער זייטיק, האָבן מיר באַמערקט, האָט זי געוואָרפן בליקן צו אונדזער קופּע; פאַר אונדזער טיר — פאַרשמעלערט די טריט. איינער פון אונדזער גרופּע, וועלכער קען אַ פּאָר ווערטער רוסיש, איז אַרויס אין קאָרידאָר און — זייענדיק פאַראינטריגירט מיט דער מאַמען, אָדער באַבען — פאַרטשעפּעט דאָס קינד... דאָס יינגעלע האָט געלאַכט, נישט פאַרשטייענדיק אַלץ, וואָס אונדזער חבר האָט געזאָגט. די פרוי האָט זיך אויך צעשמייכלט און געזאָגט אין פּשוטן מאַמע־לשון:

„מיין אייניקל פאַרשטייט נישט, צום באַדויערן, אייער יידישן רוסיש...״

באַלד איז זי געזעסן צווישן אונדז און מיר האָבן אויסגעהערט נאָך איינע, אַזאַ „פּשוטע״, יידיש־טראַגישע מעשה.

זי איז אַ טאָכטער פון האַרעפּאַשנע יידישע עלטערן אין כאַר־קאָוו. אין יאָר 1936 האָט זי געענדיקט איר שטודיום ווי אַ דיפּלאָ־מירטע קראַנקנשוועסטער און געגומען גלייך אַרבעטן אין אַ כאַרקאָווער שפּיטאָל. ביי דער ארבעט האָט זי זיך באַקענט מיט אַ פּראַקטיצירנדיקן יונגן יידישן מעדיצין־דאָקטער און זיי האָבן חתונה געהאַט. ביידע האָבן מיט גרויס דערפאָלג געאַרבעט ביי זייערע באַרופן און האָבן זיך שיין איינגעאָרדנט, טאַקע אין כאַר־קאָוו. ווען די נאַצישע אַרמיי האָט פאַרנומען די שטאָט, בעת דער דייטש־סאָוויעטישער מלחמה, האָבן זיי שוין געהאַט אַ קינד, אַ זונעלע, פון אַ יאָר פיר. דערציילט זי:

„גלייך אין ערשטן טאָג, ווי זיי האָבן פאַרנומען כאַרקאָוו, האָט

זיך צו אונדז אין ווינונג אַריינגעריסן אַ באַנדע באַוואָפנטע באַנ־דיטן, דייטשן און אוקראַינער. מיין מאַן, ווי אַ דאָקטער, איז, ווייזט אויס, געווען אויף זייער ערשטער רשימה. זיי האָבן אים גלייך גענומען מערדערלעך שלאָגן... איך האָב זיך צוריקגעצויגן אין קיך אַריין, דריקנדיק צו זיך דאָס קינד. ווען עטלעכע מערדער זענען אַריין אין קיך, האָט זיי, זעט אויס, מיין אויסזען צעחושט... איינער פון די אוקראַינער האָט מיך געפרעגט: ,דו וואָס טוסט ביי דעם יידישן חזיר?..׳ כ׳פאַרשטיי נישט ביז היינט, ווי ס׳האָט זיך ביי מיר דעמלט גענומען אַזאַ שנעלע אָריענטאַציע, אָבער איך האָב, מסתמא גאַנץ רואיק, געענטפערט: ,איך בין אַ קראַנקנ־שוועסטער... אָט איז מיין לעגיטימאַציע... כ׳בין געקומען אַמטלעך צום דאָקטער... מיט מיין קינד...׳ זיי האָבן מיר גאָרנישט געפרעגט, נישט געקוקט אויף מיין דאָקומענט... עפּעס אַ נס... ס׳איז געווען דער ערשטער טאָג, די באַנדיטן זענען נאָך אַליין געווען צעמישט, ווייזט אויס... איינער פון די אוקראַינער האָט אַ געשריי געטאָן: ,זאָלסט זיך שוין אָפּטראָגן פון דאַנען!..׳ איז האָב געכאַפּט דאָס קינד אויף די הענט און אַרויס פון שטוב...״

ווען זי איז געלאָפן איבער די טרעפּ, האָט זי געהערט אַ שאָס אין דער ווינונג. איר ערשטע, אינסטינקטיווע, רעאַקציע איז געווען — צוריק אַרויף, צום מאַן...

„אָבער עפּעס אַן אומגלויבלעכער כוח האָט מיך צוריקגע־האַלטן... נישט געלאָזט אַרויף צוריק איבער די טרעפּ...״

שנעל, אין אויגנבליק — און אין שרעק, אין אַנגסט — האָט זי זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון, אַז העלפן דעם מאַן קאָן זי נישט, זי שטעלט בלויז איין אויך איר אייגן לעבן...

„...און דער עיקר — דעם קינדס לעבן... איין געדאַנק האָט מיך באַהערשט: ראַטעווען אונדזער זונעלע!.. און איך בין, מיטן קינד אויף די הענט, אַנטלאָפן...״

איצט האָבן זיך פאַר איר אָנגעהויבן עטלעכע יאָר פון שווי־

דערלעכע איבערלעבונגען — אַ לעבן פון אַ געיאָגטן הונט. ווו געטאָגט, דאָרט נישט גענעכטיקט. אין בונקערס, טיילווייז ביי באַקאַנטע קריסטן; אין פעלדער, אין וועלדער; אָפט הונגעריק און באָרוועס; אָבער שטענדיק מיטן קינד אויף די הענט, אָדער פירנדיק עס ביים הענטל. און זי האָט איבערגעלעבט די נאַצישע אָקופּאַציע, די גאַנצע מלחמה; באַוויזן זיך צו ראַטעווען פון אַלע סכנות, צוזאַמען מיטן קינד. נישט בלויז איר מאַן, נייערט איר גאַנצע משפחה איז אומגעקומען — די עלטערן, שוועסטער־ברי־דער. זי איז צוריקגעקומען קיין כּאַרקאָוו עלנט און איינזאַם.

„מיין איינציקע טרייסט איז געווען מיין זונעלע, וואָס איז, צו מיין פרייד און גליק, געוואָקסן און זיך אַנטוויקלט שיין און געזונט...”

זי האָט זיך אינגאַנצן געווידמעט דער דערציאונג פון איר זון, נישט קלערנדיק וועגן זיך און וועגן אייגענעם לעבן. דער זון האָט אַרויסגעוויזן גרויסע פעיקייטן און האָט גאָר יונג געענדיקט אַ פּאָליטעכניקום, ווי אַ וועג־אינזשיניער. דאַן איז ער מאָביליזירט געוואָרן אין דער אַרמיי; ער האָט זיך אויך דאָ אויסגעצייכנט מיט זיינע פעיקייטן און שנעל געשיקט געוואָרן אין אַ מיליטע־רישער אַקאַדעמיע.

איר טאָן באַקומט אַ טרויעריקן אָפּקלאַנג:

„דאָ, אין דער מיליטערישער הויכשול, האָבן זיך אָנגעהויבן זיינע צרות... ער האט שטענדיק געוווסט, פון קינדווייז אָן, אַז ער איז אַ ייד. כ'האָב פאַר אים נישט בלויז באַהאַלטן זיין אָפּשטאַם, נאָר גלייך, ווי אַ גאָר יונג קינד, אין די שוואַרצע אָקו־פּאַציע־יאָרן, געפּרוווט, לויט מיינע מעגלעכקייטן און פאַרשטאַנד, אויפקלערן אים — פאַרוואָס יידן ליידן, פאַרוואָס מיר ווערן אַזוי פאַרפאָלגט... אין דער מיטלשול און אין אוניווערסיטעט אין כּאַר־קאָוו איז ער געווען צוזאַמען מיט נאָך יידן — האָבן זיי דעם אַנטיסעמיטיזם ווייניקער געפילט, אָדער נישט געלאָזט זיך, אַז

מען זאָל אים געבן זיי צו פילן... אָבער אין זיין קלאַס אין דער מיליטערישער אַקאַדעמיע, איז ער געווען אַן איינציקער ייד, איין ייד צווישן אוקראַאינער און אייניקע רוסן..."

און פעיקייטן האָט דער יידישער קאַדעט אַרויסגעוויזן גרעסערע, ווי זיינע נישט־יידישע חברים. האָבן אים די „חברים" גענומען פאַרפאַלגן, גראָבן קעגן אים. אָבער ער האָט מיט עקשנות, שטאָלץ און פאַרביסן, געקעמפט פאַר זיין פּאָזיציע און געענדיקט די אַקאַדעמיע מיט אַ הויכער אויסצייכענונג. ער איז פאַרבליבן אין דער רעגולערער אַרמיי ווי אַן אָפיציר.

„ער אַוואַנסירט כסדר אין זיין ראַנג", — דערציילט מיט נישט־באַהאַלטענער גאווה די מוטער.

ער האָט חתונה געהאַט מיט אַ טאָכטער פון אַ באַקאַנטן יידישן אַדוואָקאַט אין אַ צווייטער גרויסער אוקראַאינישער שטאָט. דאָס קינד, וואָס זי פירט דאָ, איז שוין דעם זונס, איר אייניקל, און זי פאָרט איצט מיט דעם צו אירע מחותנים, דער שנורס עלטערן.

די פרוי האָט פאַר אונדז אָפנהאַרציק אַלץ דערציילט, גערעדט און מען האָט ביי איר — אַזאַ אָפטע דערשיינונג ביי אונדזערע סאָוויעטיש־יידישע פרישע באַקאַנטע — דערקענט די צופרידנקייט פון קאָנען זיך פריי אַראָפּרעדן פון האַרצן, פאַר אייגענע. איינער פון אונדז האָט איר, אויך אָפנהאַרציק, געשטעלט אַ פראַגע:

„פאַרוואָס האָט איר, אַזאַ שיינע פרוי, נישט אויפגעבויט צוריק אייער אייגן פאַמיליע־לעבן?"

„אַזאַ שיינע פרוי... משטיינסגעזאָגט... אַ זקנה..." — שמייכלט זי קאָקעטיש, אָבער ווערט באַלד ערנסט און ענטפערט, נישט פאַרטראַכטנדיק זיך — „אין אָנהויב האָב איך געמוזט דערציען מיין זון און נישט קלערן וועגן זיך. שפּעטער, איצט... איז שוין צו־שפּעט, שווער צו קריגן אַ צוגעפּאַסטן מאַן, אַ ייד..."

אין פאַרבינדונג מיט איר ענטפער, צי נישט, פרעגט ווידער אונדזער חבר:

„קיין ישראל וואָלט איר געפאָרן? דיפּלאָמירטע קראַנקנ־שוועסטערס ווערן ביי אונדז שטאַרק געזוכט...״

דאָ פאַרטראַכט זי זיך אַ ווײַלע און זאָגט:

„ווי זאָל איך עס אייך דערקלערן?.. מיר זענען אַלע, אַלע יידן מיין איך, שטאָלץ און יעדער אויף זיין אופן, אין אַ געוויסער מאָס, צוגעבונדן צום ווייטן יידישן לאַנד... אָבער ווען איך זאָל אפילו האָבן כוח איבערצולאָזן מיין איינציקן זון, מיין אייניקל; כוח, צי העזה, כ׳ווייס נישט וואָס מען דאַרף דערצו מער, פון זיי זיך צו דערווייטערן, וואָלט איך עס אויך נישט געקאָנט טאָן...״ — דאָ האָט זי זיך, צום ערשטן מאָל, מיט עפּעס אַ נישט־זיכערקייט אין די אויגן, אַרומגעקוקט, אַראָפּגעלאָזט די שטימע און פאָרגע־זעצט זייער שטיל — „איך וואָלט מיט דעם צעבראָכן מיין זונס קאַריערע... נישט בלויז אָוועקפאָרן. עס וועט אייך אפשר שווער זיין צו פאַרשטיין — איך טאָר אפילו נישט שרייבן קיין ישראל... דאָס קאָן ברענגען שאָדן מיין זון... באַציאונגען מיט אויסלאַנד, נאָך מיט אַזאַ לאַנד ווי ישראל, איז פאַר אַ פאַמיליע פון אַ מילי־טער־מאַן נישט געוווּנטשן און אפילו געפערלעך... פון מיין גאַנצער נאָענטער פאַמיליע איז מיר געבליבן איין קוזין, אין תל־אביב...״ — זי רופט אָן דעם נאָמען פון אַ באַקאַנטן ישראלדיקן אַדוואָקאַט — „אָבער, צום באַדויערן, קאָן איך מיט אים נישט קאָרעספּאָנדירן... גריסט אים פון מיר... דערציילט אים...״

שפּעטער, ווי וועלנדיק זיין אינגאַנצן אויפריכטיק, זאָגט זי:

„איך רעד וועגן קאַריערע... עס גייט אונדז מאַטעריעל אויך זייער און זייער גוט. איך פאַרדין, ווי אַ קראַנקנשוועסטער, 120 רובל אַ חודש. פאַר איין מענטש, אַליין, איז עס פולשטענדיק גענוג״.

אָבער דער זון, דער אָפיציר, פאַרדינט 400 (פיר הונדערט!) רובל אַ חודש, אויסער אַ מיליטערישן אויטאָ, וואָס ער האָט צו זיין כסדרדיקער פּערזענלעכער דיספּאָזיציע, אַ גרויסער דינסט־

דירה, און ער האַלט אין שטייגן — אין ראַנג און אין לוין... אויך די שנור אַרבעט, אין אַ מיליטערישן ביוראָ, מיט אַ לוין פון 150 רובל אַ חודש. מיט אַזעלכע פאַרדינסטן געהערט מען צו די גאַר־הויכע שיכטן אין ראַטנפאַרבאַנד. און זי חזרט אָפּט איבער:

„ער איז גליקלעך, מיין זון... ברענגט דאָס דאָך פרייד און גליק דער מאַמען...״

אויך זי קלאָגט זיך אויף אַנטיסעמיטיזם אין אוקראַינע.

„וואָס דאַרפט איר מער? אויך מיין זון פילט עס, אפילו ער, דער הויכער אָפיציר, באַקלאָגט זיך אויף דעם פאַר דער מאַמען... פאַרשטייט זיך, ווען ער טראָגט דעם מיליטערישן מונדיר, וועט קיינער נישט וואָגן אים מיט עפּעס צו באַליידיקן... אָבער געקליידט ציוויל, האָט ער שוין געהאַט אַ סקאַנדאַל אין אַ קאַפע־הויז — אַן אוקראַאינער האָט אים אָנגערופן ,גאַלובאַיאַ קראָוו׳ און ער האָט אויף דעם רעאַגירט, ווי עס פּאַסט פאַר אַן אָפיציר...״

אַן „איידעלע״ באַצייכענונג פאַר יידן, ווען מ׳וויל נישט זאָגן „זשיד״ — „גאַלובאַיאַ קראָוו״, „בלוי בלוט״...

צום סוף האָבן מיר ווידער גענומען זינגען, — מען מוז זיך דאָך צעשטרייען... פון אונדזער קופּע האָט זיך צעטראָגן:

„...מקפץ על ההרים,
מדלג על הגבעות...״

„איר זינגט בלויז אַזעלכע נייע לידער...״ — רופט זיך אָן אונדזער גאַסט אין קופּע — „אויך מיינע טאַטע־מאַמע פלעגן זינגען יידישע און העברעישע לידער, אָבער אַנדערע...״

קלערט מען איר אויף, ווי אַלט ס׳איז שוין דאָס ליד און מיר בעטן, זי זאָל זינגען פאַר אונדז אַ ליד, פון די וואָס אירע עלטערן פלעגן זינגען.

„איך געדענק נישט, כ׳האָב אַלץ פאַרגעסן... שוין אַזויפיל יאָרן אַוועק...״

זי געזעגנט זיך, נעמט דאָס קינד און פאַרלאָזט אונדזער

וואַגאָן. אַ פּאָר מינוט שפּעטער קומט זי צוריק און זאָגט מיט אַ שמייכל:

„איך האָב זיך דערמאָנט אַ יידיש ליד, וואָס מיין מאַמע פלעגט מיר זינגען, ווען איך בין געווען אַ קליין מיידעלע...״ — און אין חלל פון אונדזער קופּע האָבן זיך צעטראָגן מיט אַ צאַרטער ווייכער שטימע און אַלטן פאָלקס־מאָטיוו, די שורות פון אליקום צונזער:

„אויפן שטול זיצט אַ קייזער,
אַ שלעכטער איז ער און אַ בייזער;
וואָס ער וויל — מוז מען טאָן,
וואָס ער זאָגט — איז אַ זאַקאָן...״

זי האָט אויפגעהויבן דאָס אייניקל, צוגעדריקט עס צו זיך. זי האָט אָוועקגעדרייט פון אונדז דעם קאָפּ, אָבער מיר האָבן געזען, ווי אירע שוואַרצע אויגן האָבן געפינקלט מיט אַ פייכטקייט... זי האָט מיט שנעלע טריט זיך דערווייטערט.

איצט האָט איינע פון אונדזערע חברטעס שטיל גענומען ברומען:

„אַ יידישע מאַמע...״

נאָר שטיל איז געווען אין קופּע — דאָס מאָל האָט זיך נישט געזונגען...

„מען האָט אונדז פּיינט..."

איינער פון אונדזער גרופּע האָט געהאַט אַ גרוס מיט אַ קליין פּעקעלע צו אַ ייד אין מאָסקווע, פון זיינעם אַ קוזין, אַ באַקאַנטן געזעלשאַפטלעכן טוער אין ישראל. נאָך אַ טעלעפאָנישער פאַר־שטענדיקונג, זענען מיר איין אָוונט ביידע אַוועק אָפּגעבן דעם גרוס. דאָס איז געווען אויף אַ שטילער זייטיקער גאַס, אָבער נישט ווייט פון צענטער מאָסקווע. אַלטע, נישט־מאָדערנע הייזער.

עס האָט אונדז אָפּגעוואַרט אַ הויכער גרויער מאַן, וואָס זעט אויס פיל ייִנגער פון זיינע יאָרן און נאָך פול מיט כוחות ביי זיינע קנאַפּע אַכציק יאָר. ער איז אַן אַרכיטעקט אויף פּענסיע. אַ שטוב מיט זייער אַלט, אָבער גוט־אויפגעהאַלטן מעבל. אויף די ווענט — בילדער פון שרייבער, ייִדישע און רוסישע; אויסגעמישט: פּושקין און ביאַליק, פּרץ און טאָלסטאָי, לערמאָנטאָוו און לייוויק. און אין שענק, הינטער גלעזערנע טירן, הונדערטער ביכער פּאָעזיע. צום מערסטן — רוסישע, אָבער אויך ייִדישע, און איך האָב באַלד באַ־מערקט אַ באַנד ביאַליק אין העברעיש, פון אַן אַלטער אויסגאַבע; אַ לידער־זאַמלונג פון י. ל. גאָרדאָן. קוק איך, פאַרשטייט זיך, מיט דערשטוינונג, אויף די ביכער. וויל זיך דער באַלעבאָס, וועל־כער רעדט אַ שיינעם ליטעראַרישן ייִדיש און אויך אַ פיינעם עברית אין דער אשכנזישער אויסשפּראַך, ווי פאַרענטפערן:

„פּאָעזיע איז מיינע אַן אַלטע שוואַכקייט... זינט איך בין אַרויס אויף פּענסיע, שוין באַלד צוואַנציק יאָר, איז מיין איינציקע באַ־שעפטיקונג — לייענען פּאָעזיע..."

„אָבער ייִדישע און העברעישע ביכער? אפילו אַ באַנד פון

מאָריס ראָזענפעלד זע איך דאָך ביי אייך! דאָ, אין מאָסקווע?..."

„נו... דאָס האָב איך צונויפגעשלעפּט די לעצטע עטלעכע יאָר, נאָכן טויט פון א י ם, ימח שמו, און נאָכן צוואַנציקסטן קאָנגרעס... פריער וואָלט איך נישט איינגעשטעלט... כ'האָב עס, זעט איר, באַקומען... האָב איך, דרך אגב, גרויסע טענות צו מיין קוזין אין ישראל. איך האָב אים שוין עטלעכע מאָל געבעטן מיר שיקן זלמן שניאורס העברעישע לידער און ער מאַכט זיך נישט ווויסנדיק. איר פאַרשטייט, זלמן שניאור איז געווען אונדזערס אַ פריינט, ער איז אַמאָל געווען ביי אונדז אין מאָסקווע, טאַקע מיט מיין ישראלדיקן קוזין. ווען דאָס איז געווען? אַרום 1912, 1913... פאַרוואָס זאָל איך נישט קאָנען לייענען זיינע לידער?.."

„אויב אייער קוזין שיקט נישט, וויל ער אייך דאָ, אין מאָסקווע, נישט שטעלן אין פאַרלעגנהייט".

„ס'וועט אָנקומען..." — ענטפערט אונדזער גאַסטגעבער — „אַט איז דאָך שוין דערשינען אין אַ סאָוויעטישן פאַרלאַג אַ באַנד איבערזעצונגען פון דער מאָדערנער העברעישער ליטעראַטור..."

אָבער ביז אַריינלאָזן שניאורס לידער אין עברית איז נאָך אַ גרויסער מהלך. ערשט צוריקקומענדיק קיין ישראל, זענען מיר געוווויר געוואָרן, אַז די לידער זענען שוין צוויי מאָל אַרויסגעשיקט געוואָרן קיין מאָסקווע...

*

אַ זעלטענער פאַל, „אַ מוזעאַלער!" — שמייכלט ער אַליין. דער דאָזיקער יידישער אַרכיטעקט וווינט אין דער זעלבער דירה נאָך פון פאַר דער רעוואָלוציע. פון די זעלטענע מסתמא פאַלן אַזעלכע אין גאַנץ מאָסקווע און זיכער פון די געציילטע, איינציקע, ביי מאָסקווער יידן.

„געדענקסט", — זאָגט ער צו זיין פרוי — „ווי מיר האָבן דאָ געפייערט די ,פּראַוואָזשיטעלסטוואָ' אונדזערע?.. מיר זענען נאָך געווען אַ יונג סטודענטן־פּאָרל... מיר האָבן איבער דער צייט געהאַט

שותפים צו דער דירה, און נישט ווייניק... אָבער געבליבן זיצן און דאָ דורכגעמאַכט אַלע שטורעמס..."

זיי האָבן נאָך אויך איצט אַ שותף אין דער דירה. דאָס אַלטע פּאָרפאָלק פאַרנעמט צוויי צימערן, אָבער אין דריטן וווינט נאָך אַ פאַמיליע און די קיך איז אַ בשותפותדיקע, ווי דער טעלעפאָן אין קאָרידאָר.

ווען דער זייגער איז געוואָרן 7, האָט אונדז דער באַלעבאָס געבעטן שטילשווייגן. ער האָט שנעל אָנגעשטעלט דעם ראַדיאָ: „דאָס טאָר מען נישט פאַרשפּעטיקן!" — און גלייך האָבן מיר געהערט „קול ציון לגולה" פון ירושלים, אין רוסיש, הויך, אויפן קול, אַז מען האָט זיכער געהערט אין גאַס.

„נאָכוואָס אַזוי הויך?" — ענטפערט דער באַלעבאָס אויף אונדזער פראַגע — „זאָלן די שכנים הערן. פאַרוואָס נישט? און די, וועמען ס'געפעלט נישט — זאָלן זיי פּלאַצן... איך בין שוין צו־אַלט, אַז מען זאָל מיך פאַר דעם דאָזיקן ,פאַרברעכן' באַשטראָפן. מ'קאָן מיר, זאָגט מען, דעם ראַדיאָ־אַפּאַראַט קאָנפיסקירן, ,פאַר שטערן די עפנטלעכע רו'... מילא, וועל איך דאַן קלערן וואָס צו טאָן..."

דער אַלטער אינזשיניער האָט וועגן דעם נישט גערעדט, ערשט צוריקקומענדיק קיין תל־אביב, בעתן ברענגען דעם צוריק־גרוס פון מאָסקווע, זענען מיר געוויר געוואָרן, אַז ער האָט בכלל נישט געוווינט די גאַנצע צייט אין דער דאָזיקער דירה — ער האָט אַ שיינע פאָר יאָר פאַרבראַכט ווייט, אין סיביר, פאַר חיבת־ציון און אַנדער „קאָנטר־רעוואָלוציע". נאָר די דאָזיקע יאָרן, מסתמא, רעכנט ער נישט...

אונדזער גאַסטגעבער האָט טעלעפאָניש באַשטעלט פאַר אונדז אַ טעקסי און אַראָפּגעגאַנגען מיט אונדז אויף דער גאַס וואַרטן ביז זי וועט אָנקומען.

„קוקט!" — ווייזט ער אָן אויפן הויף פון הויז, וווּ ער וווינט — „די ביימער האָב איך אַליין געפלאַנצט און פלעג זיי שוין צענדליי־

קער יאָרן. איצט פאַרברענג איך האַלבע טעג אין זייער שאָטן, לייען דאָ פּאָעזיע. פון די הייזער אויף דער גאַס זענען בלויז גע־ציילטע אַזוי אַלט ווי מיינס. די איבעריקע זענען דאָ אויפגעבויט געוואָרן פאַר מיינע אויגן, עטלעכע אפילו לויט מיינע פּלענער, אָבער שוין אויך גאַנץ לאַנג".

„און די מענטשן?"

„אַלע האָבן זיך דאָ אַריינגעצויגן שפּעטער ווי איך. זייער פיל פון די איינוווינער זענען דאָ געבוירן געוואָרן און אויפגעוואָקסן פאַר מיינע אויגן... נישטאָ קיין מענטש אויף דער גאַס, וועלכער זאָל מיך נישט קענען. קיין יידן וווינען דאָ נישט".

„ווייסן די שכנים, אַז איר זענט אַ ייד?"

„פאַרשטייט זיך! אַלע. זאָגן מיר דעריבער אַ סך נישט קיין גוט־מאָרגן... וואָס זאָל איך טאָן? איך נעם זיך נישט איבער. איך קאָן דאָך זיי נישט צווינגען מיך ליב צו האָבן... כ'בין נישט קיין זייעריקער..."

*

די „אינטוריסט"־באַגלייטערינס גיבן זייערע אויפקלערונגען אין רוסיש, אָדער אין אַ מערב־אייראָפּעישער שפּראַך; קיין העב־רעיש און יידיש קענען זיי נישט, אָבער אונדזער באַגלייטערין, מאַיאַ, האָט צוגעזאָגט צו קענען העברעיש בעת אונדזער צווייטן באַזוך אין ראַטנפאַרבאַנד... צו אונדז האָט זי גערעדט רוסיש, וואָס אַ גרויסער טייל פון אונדזער גרופּע האָט פאַרשטאַנען — דאָס האָט איר געפרייט, אָבער אויך געוווּנדערט... אָבער נאָכמער האָט איר געוווּנדערט דאָס רוסיש־רעדן פון אונדזער אייגענער איבער־זעצערין, אינזש. סאָניאַ אַראָנסקינד. „האָסט פאַרלאָזט רוסלאַנד אַלס קינד, מיט 45 יאָר צוריק", — האָט מאַיאַ מיט אומגלויבן, און אפשר מיט פאַרדאַכט, איבערגעחזרט — „און רעדסט אַזאַ פּערפעקטן רוסיש..."

מיר זענען געגאַנגען איבער די צויבערפולע „ערמיטאַזש"־

זאַלן אינעם לענינגראַדער ווינטער־פּאַלאַץ. אונדזער וועגווייזערין האָט געגעבן דערקלערונגען אין רוסיש און, ווי שטענדיק, האָט סאָניאַ איבערגעזעצט אין העברעיש.

האָט געמומען גיין צוזאַמען מיט אונדז אַ שוואַרץ־חנעוודיקע פרוי פון אַ יאָר עטלעכע דרייסיק. זי האָט זיך איינגעהערט אין די דערקלערונגען, און אונדז נישט אָפּגעלאָזט: אַ שעה, צוויי. פאַרשטייט זי העברעיש?.. — ס'האָט נישט אויסגעזען אַזוי צו זיין. אָבער נאָכוואָס פאַרלירט זי צייט אויף די העברעישע איבערזעצונגען, ווען עס גייען אַזויפיל גרופּעס, וואָס באַקומען דערקלערונגען בלויז אין רוסיש? זי קאָן זיך דאָך צוהערן צו יענע... מיר האָבן שנעל באַמערקט, אַז הינטער אונדז, אַביסל דיסטאַנסירט, גייט איר מאַן מיט צוויי קינדער, יינגלעך פון אַ יאָר 10—12. די פרוי איז אַלעמאָל צו צו זיי, זיי האָבן גערעדט צווישן זיך, געגאַנגען אַ פּאָר מינוט צוזאַמען און די פרוי האָט זיך דאָן ווידער אויסגעמישט מיט אונדז. אַזוי זאַל־איין און זאַל־אויס. זי פאַרלירט אונדז נישט. האָבן מיר גענומען שטאַרק קוקן אין איר פּנים: אַ יידישע? ווייניק סעמיטישע שטריכן. דער מאַן, אָבער — „זיכער אַ ייד... מיט אַזאַ נאָז...״ נאָר ער האַלט זיך פון ווייטן. סוף־כל־סוף האָב איך זי, אינמיטן אַ העברעיש־איבערזעצונג, צו וועלכער זי האָט זיך איינגעהערט, געפרעגט:

„סליחה, את מבינה עברית?״

זי האָט מיך אָנגעקוקט פאַרוווּנדערט, זיך צעשמייכלט און געענטפערט:

„ניע פּאָנימאַיו...״ — פאַרקלערט זיך אַ רגע און צוגעגעבן — „איך יידישע...״

אַלץ איז שוין קלאָר געוועזן.

איר יידיש־לשון איז זייער אָרעם, אָבער דאָך זענען מיר באַלד געוואָרן וועגן זי איז. אַ יידישע טאָכטער פון קרים. גלייך נאָכן מלחמה־אויסברוך איז זי עוואַקויִרט געוואָרן, צוזאַמען מיט

אַנדערע צענדליקער טויזנטער קינדער, אין טיף־רוסלאַנד און מען האָט זי איינגעאָרדנט אין טאַשקענט. די עלטערן אירע זענען אומ־געקומען אין דער מלחמה. זי איז פאַרבליבן אין טאַשקענט, דאָרט אויפגעוואָקסן, דאָרט דערצויגן געוואָרן, חתונה געהאַט און געבוירן קינדער. דער מאַן איז נישט קיין ייד — אַ טאַדזשיק, מיט אַ ריין־סעמיטיש פּנים. ער איז אַן אינזשיניער און זי — אַ קראַנקנשוועס־טער. זיי פאַרדינען ביידע זייער גוט. זיי וווינען אין אַן אייגענער ווילע אין אַ פאָרשטאָט פון טאַשקענט.

ס׳איז געווען באַלד נאָך אַ ריי ערד־ציטערנישן אין דער דאָזיקער שטאָט. פרעגן מיר וועגן דעם. די שאָדנס אין דער שטאָט זענען געווען ערנסטע, אָבער זייער הויז האָט בכלל נישט געליטן. אויף די גאַנצע צוויי חדשים זומער־פעריעס האָבן זיי גענומען די קינדער און רייזן אַרום איבער ראַטנפאַרבאַנד.

„ביסטו דאָך גליקלעך, עס איז דיר גוט?״

זי קלערט גאָרנישט און ענטפערט גלייך:

„ניין... נישט גוט...״

„פאַרוואָס? וואָס רעדסטו?״

„מען האָט אונדז פיינט... אונדז פיינט...״ — און זי שטרייכט אונטער דעם „אונדז״, אונדז יידן.

„וואָלסטו געפאָרן קיין ישראל?״ — פרעג איך זי אַביסל שפּעטער.

אַלס ענטפער ווייזט זי אויפן מויל. כ׳האָב זיך דערנענטערט, געמיינט, אַז זי האָט מורא צו ענטפערן אויף דער פראַגע, מען זאָל נישט דערהערן. ניין, — אויף דעם איז צו־קליין איר יידישער שפּראַך־אוצר און זי וויל ענטפערן אין רוסיש. קום איך אָן צו אַן איבערזעצער:

„ניין. איך וואָלט קיינמאָל נישט פאַרלאָזט אויף שטענדיק דעם ראַטנפאַרבאַנד! ס׳איז מיין ,ראָדינאַ׳, איך האָב זי ליב... די ,סאָוויעטסקע וולאַסט׳ האָט מיך דערצויגן, איך בין געווען אַ יתומה,

אָן עלטערן, מיר געגעבן אַלץ... כ׳האָב ליב טאַשקענט... ס׳איז דאָרט אַזוי שיין... יידן, אונדזערע, האָב איך אויך ליב, זייער ליב... אַזוי גוט, וואָס כ׳האָב אייך געטראָפן... אָבער ישראל איז ווייט, פרעמד... נאָר מען זאָל אונדז נישט פיינט האָבן!.. אַלע זאָלן זיין ווי מיין מאַן — גוטע מענטשן... און פאַרוואָס האָט מען אונדז פיינט?.. איר ווייסט?..״

אדרבה, גיט אָן ענטפער דער דאָזיקער פאַרבלאָנדזשעטער, איינזאַמער יידישער טאָכטער!..

איך וואָלט איר דאָ, צווישן די וואונדערבאַרע אוצרות פון איינער פון די גרעסטע קונסט־זאַמלונגען אויף דער וועלט, צוגע־געבן נאָך אַ פראַגע: פאַרוואָס געפינט זיך נישט אין די 1050 זאַלן פון „ערמיטאַזש״ קיין פלאַץ פאַר די מייסטער־ווערק פון מאַרק שאַגאַל? די ערשטע פליענדיקע יידן איבער וויטעבסק ליגן דאָ, מיט געבונדענע פליגל, פאַרפאַקט אין קעלער... זענען זיי ווייי־ניקער ראוי געוויזן צו ווערן, ווי די טויזנטער אויסגעשטעלטע פליענדיקע מלאכים, געקרייציקטע ישוס און אַנדערע קריסטלעכע הייליקע?..

„אָבער לענינגראַד איז שענער?״

נישט לייכט איז צו באַקומען אין ראַטנפאַרבאַנד אַ בילעט אין טעאַטער אַריין. מיר האָבן קיין איין מאָל נישט געטראָפן קיין אָפענע קאַסע פאַר דער פאָרשטעלונג — אַלע בילעטן זענען אויס־פאַרקויפט פאָרויס. אָבער שוין בעתן ערשטן באַזוך אין טעאַטער האָבן מיר באַמערקט, אַז מענטשן פאַרקויפן איינצלנע בילעטן ביים אַריינגאַנג — אַזוי ווי אויף דער גאַנצער וועלט, ווען מען קאָן פונקט נישט גיין אויף דער פאָרשטעלונג, כאָטש מען האָט פון פריער אָנגעגרייט אַ בילעט. אַזוי האָבן מיר אויך געפּרווּוט מזל אויף דעם געביט אין לענינגראַד.

דאָס איז געווען דער איינציקער רעגנדיקער נאָכמיטאָג פון אונדזער רייזע אין ראַטנפאַרבאַנד. אַ דראָבנער רעגן איז געפאַלן איבערן נעווסקי פּראָספּעקט, ווען מיר זענען אַרויס פון האָטעל „באַלטיצקאַיאַ״, וווּ מיר האָבן געוווינט. מיר האָבן באַשלאָסן גיין צופוס ביזן טעאַטער־פּלאַץ — טאָמער באַקומט מען נישט קיין בילעטן, וועלן מיר כאָטש האָבן געזען אַ שטיקל לענינגראַד אין אַ רעגנדיקן וועטער... אַריינדרייענדיק אויף רעכטס, דורך דער בראָדסקי־גאַס, זענען מיר אָנגעקומען אויף „פּלאָשטשאַד איס־קוסטוואַ״, דעם קונסט־פּלאַץ. דאָ געפינען זיך צוויי קונסט־מוזייען, איינער טאַקע אויפן נאָמען פון יידיש־רוסישן מאָלער בראָדסקי; די פילהאַרמאָניע און דער „קליינער אָפּערע־טעאַטער״, וווּ ס׳איז דעם אָוונט אויפגעטראָטן אַ באַלעט־אַנסאַמבל. דער פּלאַץ איז געווען באַלעבט מיט מענטשן, טראָץ דעם רעגן; מען איז אַרויס פון די מוזייען און מען איז געקומען אין די טעאַטערס אַריין.

מיר האָבן אַלע באַקומען בילעטן אויף דער באַלעט־פֿאָרשטע־לונג. איך האָב מיין בילעט געקויפט ביי אַ פרוי, אויף שטום־לשון, פֿאַרשטייט זיך — זי האָט געשמייכלט און מיט די פינגער מיר געוויזן דעם פרייז... ווען כ׳האָב זיך אַוועקגעזעצט אויף מיין פּלאַץ, האָב איך געזען, אַז איך זיץ ביי דער זייט פון דער דאָזיקער פרוי — זי האָט פאַרקויפט דעם בילעט פון איר מאַן. מער ווי מיט אַ שמייכל האָב איך צו איר נישט געקאָנט רעדן, צוגעבנדיק: „ניע פאָנימאַיו...״ — קוקנדיק, אָבער, אויף איר פּנים, מיט אַזעלכע בולטע יידישע שטריכן, האָב איך פאַרענדיקט: „יאַ יעוורעי...״ צו מיין פרייד, האָט זי געענטפערט, מיט אַ שלעכטן יידיש, אָבער דאָך אין מאַמע־לשון: „ס׳איז מיר באַלד איינגעפאַלן, אַז איר זענט יידן... די שפּראַך, וואָס איר האָט גערעדט מיט אייערע חברים, איז העברעיש?..״

די ערשטע פראַגע פון דער דאָזיקער אומבאַקאַנטער יידישער פרוי, איז געווען, צי מיר זענען שוין געווען אין מאָסקווע. דער־וויסנדיק זיך, אַז יאָ, האָט זי מיט אַ נערוועישער דערוואַרטונג מיך אָנגעקוקט און געפרעגט:

„אָבער לענינגראַד איז שענער, אמת?..״

די דאָזיקע יידישע פרוי איז געבוירן געוואָרן און אויפגע־וואָקסן, „אין לענינגראַד שוין, נישט אין פעטערבורג...״, ווי זי זאָגט מיט שטאָלץ, ס׳הייסט שוין נאָך דער רעוואָלוציע און נאָך לענינס טויט, ווען די שטאָט האָט באַקומען דעם נייעם נאָמען. אָבער אירע עלטערן פלעגן איר דערציילן וועגן פעטערבורג, וועגן די צרות, וואָס זיי האָבן געהאַט מיט „פּראַוואָזשיטעלסטוואָ״; ווי זיי האָבן זיך געמאַטערט אומלעגאַל, פאַרפאָלגט דורך דער צאַרישער פּאָליציי, בלויז דערפאַר, ווייל זיי זענען געווען יידן און נישט געהאַט קיין רעכט צו וווינען אין דער הויפּטשטאָט, מחוץ דעם „תחום המושב״. זי געדענקט נישט יענע צייטן און איז פאַרליבט אין איר שטאָט.

די מאַמע אירע איז געשטאָרבן פריער, נאָך פאַר דער מלחמה. אָבער דער טאַטע אירער און צוויי עלטערע שוועסטערס זענען אומגעקומען, אויסגעגאַנגען פון הונגער, בעת דער גרויסער באַלאַגערונג פון די דייטשן אין דער צווייטער וועלט־מלחמה. איין ברודער איז דערהרגעט געוואָרן אויפן פראָנט. פון פינף קינדער זענען געבליבן צוויי — זי מיט איין ברודער.

„מיר האָבן אַזויפיל בלוט אָפּגעגעבן פאַר אונדזער שטאָט...״ — זאָגט זי מיט טרויער, פונקט ווי זי זאָל דאַרפן מיט עפּעס פאַרענטפער̈ן די ליבע צו איר געבוירנשטאָט.

דער לאָקאַל־פּאַטריאָטיזם אין די צוויי גרעסטע סאָוויעטישע שטעט האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ מין „קאָנקורענץ״ צווישן די מאָסקווער און לענינגראַדער איינוווינער. אַזוי האָט מען, חלילה, אונדזער סטאַבילער „אינטוריסט״־באַגלייטערין איבער ראַטנפאַרבאַנד, מאַיאַ, אַ מאָסקווערין, נישט געטאָרט זאָגן, אַז לענינגראַד איז שענער...

דער אמת איז, אַז לענינגראַד, ווי אַ שטאָט, איז נישט בלויז שענער פון מאָסקווע, נייערט עס זענען פאַראַן מסתמא ווייניק שטעט אויף דער וועלט, וואָס זאָלן זיך קאָנען פאַרגלייכן מיט לענינגראַד אין ספּעציפישן חן, אין אַרכיטעקטאָניש־פּלאַנירטער און נאַטור־שיינקייט.

איך בין אַרויס פון טעאַטער צוזאַמען מיט דער יידישער פרוי. זי האָט זיך אָפּגעשטעלט אינמיטן פּלאַץ, מיך פאַרהאַלטן:

„אדרבה, קוקט, ווי דער פּושקין־דענקמאַל פּאַסט זיך אַריין אין דער וווּנדערבאַרער סטילירטער האַרמאָניע פון די געביידעס אַרום, אין דער אַרכיטעקטאָנישער גאַנצקייט פונעם פּלאַץ...״ — אירע ווערטער פאַראַטן איר באַרוף: זי איז טאַקע אַן אַרכיטעקטין.

מיר קומען אַרויס אויפן נעווסקי פּראָספּעקט. עס רעגנט נישט מער, בלויז אַ קילער ווינט בלאָזט פון דער זייט פונעם באַלטיק. גרויסע נעאָן־ליכטער באַלייכטן די הויפּט־גאַס פון לענינגראַד. זי

איז פול מיט מענטשן, וועלכע שפּאַצירן געמיטלעך אין ביידע זייטן. יונגע און עלטערע. ס'איז שוין שפּעטלעך. ווען מיר זענען אַרויס פון טעאַטער אין מאָסקווע, זענען די גאַסן שוין געווען ליידיק, די קאַפע־הייזער מערסטנטייל געשלאָסן, כאָטש די פּאָר־שטעלונגען הייבן זיך אָן זייגער 7 און ענדיקן זיך שטענדיק פאַר 11. אָבער אין לענינגראַד איז נאָך 12 אַזייגער ביינאַכט געווען לעבעדיק און רוישיק אויף דער גאַס. פרייט זיך מיין באַגלייטערין מיט מיין דאָזיקער באַמערקונג און גיט צו:

„אוודאי... זיכער, ביי אונדז איז אַנדערש..."

און ס'איז, דוכט מיר, נישט קיין איינרעדעניש: אויך די מענטשן זענען דאָ, זעט אויס, אַנדערש; שמייכלענדיקער, עלע־גאַנטער; די קליידונג — אַ מאָדערנערע, אפשר אפילו אַ בעסערע אין קוואַליטעט. די שוי־פענצטער פון די געשעפטן — מער מערב־דיק אויסגעפּוצט, שטאַרקער באַלויכטן, ווי אין מאָסקווע. די גרויסע מאַגאַזינען, שפּייז־געשעפטן און קאַפע־הייזער — אָפן שפּעטער; מען פאַרברענגט ביי די קאַפע־טישלעך און מען קויפט ביינאַכט געשמאַק אין די געשעפטן.

„לענינגראַד איז אַנדערש..." — זאָגט די אַרכיטעקטין — „איר זענט אַזוי אַנטציקט מיטן באַזיל־סאָבאָר אין מאָסקווע — קומט־זשע מיט מיר..."

ביים ברעג פון איינעם פון די קאַנאַלן, טאַקע אויפן נעווסקי פּראָספּעקט, הויבט זיך אין דער טונקלקייט אַרויס — אַן ענלעכע געביידע צו דער מאָסקווער קאַטעדראַלע.

„דאָס איז די וואָסקרעסעניאַ־צערקווע. טאַקע קאָפּירט... אָבער געהאַלטן אין עכטן אַלט־רוסישן סטיל. קלענער?.. אָבער אויף דעם אָרט האָבן די רעוואָלוציאָנערן פון ,נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ', טאַקע דאָ־אָ, געוואָרפן די באָמבע, וואָס האָט אומגעבראַכט דעם צאַר אַלעקסאַנדער דעם צווייטן, נאָך אין 1881... זיי האָבן דאָ אויפ־געבויט אַ צערקווע און איר אַ נאָמען געגעבן ,וואָסקרעסעניאַ',

נאָר דער צאַר איז קיין תחית־המתים נישט אויפגעשטאַנען..."

מיר שטעלן זיך אָפּ אויפן נאָענטן קליינעם העגנדיקן „באַנ־קאָווסקי מאָסט" איבערן גריבאָיעדאָוו־קאַנאַל. די מיטאָלאָגישע לייבן מיט די פליגל און אָדלער־קעפּ זענען שוואַך באַלויכטן; זיי ציטערן, דוכט זיך, אין ווינט, אַרויסשטעקנדיק זייערע צינגער צו דעם טונקעלן שווערן מאַסיוו פון קאַזאַן־סאָבאָר, וווּ עס טיילן זיך אויס אין דער פינצטער די צענדליקער ריזיקע קאָרינטישע קאָלאָנעס, וואָס פאַרשטעלן בלויז איין־איינציקן קבר...

„דאָרט רוט גענעראַל קוטוזאָוו..." — וויל איך עפּעס זאָגן, נאָר מיין באַגלייטערין רייסט מיר איבער:

„קוקט בעסער אַנטקעגן, צום היינט, צו דער ליכט..."

פונקט אַנטקעגן הויבט זיך, אין שימערירנדיקער באַלייכטונג, דאָס גראַניטענע „הויז פונעם בוך". אַ הויכער גלעזערנער טורעם, פאַרענדיקט אויך מיט אַ דורכזיכטיקן ריזיקן גלאָבוס־קיילעך.

„די געביידע האָט אַמאָל אויפגעבויט די ,זינגער'־מאַשין־גע־זעלשאַפט, אָבער זינט 1917 איז דאָ אונדזער גרעסטער פאַרלאַג. דאָ ווערן אַרויסגעגעבן ביכער אין אַלע שפּראַכן פון ראַטנפאַר־באַנד, אפילו אין טשוקטשיש, עסקימאָסיש, עווענקיש..."

„און אין יידיש אויך?.." — רייס איך איר איבער.

די טונקלקייט אויפן בריק לאָזט מיר נישט זען דעם אויס־דרוק פון איר פנים, ווען זי ענטפערט:

„דוכט מיר, אַז נישט... ניין... כ'ווייס טאַקע נישט פאַרוואָס..."

איך האָב זיך מיט מיין צופעליק־באַקאַנטער יידישער באַ־גלייטערין געזעגנט אַביסל ווייטער אויפן נעווסקי פּראָספּעקט. איך האָב אפילו נישט באַמערקט, אַז מיר שטייען ווידער נעבן אַ קירכע, ווען זי פרעגט מיך:

„איר זענט דאָ נישט געווען?.. דאָס איז די קאַטוילישע ,היי־ליקע קאַטערינאַ'־קירכע. איר זענט נישט געווען אינעווייניק? אַ שאָד... באַזוכט זי, זי וועט אייך אינטערעסירן..."

„כ'בין דאָך נישט קיין קאַטאָליק...״ — שפּאַס איך.

„דאָ זענען פאַראַן צוויי אינטערעסאַנטע קברים...״ — און זי איז אַוועק צו דער מעטראָ־סטאַציע.

די דאָזיקע קירכע האָט זיך געפונען נישט ווייט פון אונדזער האָטעל, כ'האָב דעריבער אויפן צווייטן טאָג אויסגענוצט אַ פרייע מינוט און אַוועק זי באַזוכן. די צוויי קברים: פון פראַנצויזישן גענעראַל מאָראָ, וועלכער האָט פאַרלאָזט זיין פאָטערלאַנד און אין די רייען פון רוסישן מיליטער געקעמפט קעגן נאַפּאָלעאָנען; דער צווייטער קבר — פון לעצטן פוילישן קעניג סטאַניסלאַוו־אויגוסט פּאָניאַטאָווסקי. ביידע האָבן פאַרלאָזט זייערע אייגענע פעלקער און אַוועק אין דינסט פון די רוסישע צאַרן. וואָסער מוסר־השכל, האָט געוואָלט די יידישע אַרכיטעקטין, זאָל איך ציען פון אָט־די ביידע קברים?..

✶

לענינגראַד איז, ראשית־כל, אַ שטאָט פון קאַנאַלן און בריקן. 621 בריקן — איך האָב זיי, פאַרשטייט זיך, נישט איבערגעציילט, אָבער מען מעג גלויבן דער „אינטוריסט״־פירערין — פאַרייניקן די אינדזלען, אויף וועלכע די שטאָט איז געבויט, זענען אַריבער־געוואָרפן איבער דער נעוואַ און איבער די צענדליקער און צענד־ליקער קאַנאַלן, וועלכע ציען זיך, פונקט ווי דער טייך, פּאַזע די גאַסן און פּלעצער; דאָס באַרעכטיקט דעם צונאָמען, וואָס לענינ־גראַד טראָגט — „ווענעציע פון צפון״. די גאַסן, און נישט בלויז דער באַרימטער נעווסקי־פּראָספּעקט; די פּלעצער, און ווידער, נישט בלויז דער היסטאָרישער שלאָס־פּלאַץ פאַר דעם ווינטער־פּאַלאַץ — אַלע טראָגן אַן אייגנאַרטיקן כאַראַקטער, זענען געבויט אין אַ באַזונדערן, איינציקאַרטיקן „לענינגראַדער סטיל״; אין זכרון קריצן זיך דעריבער איין נישט בלויז די פּרעכטיקע פּאַלאַצן און דענקמעלער, די מאָנומענטאַלע קירכעס און טריאומף־טויערן, נייערט אויך געוויינלעכע הייזער און פשוטע בריקן.

לענין און זיין רעוואָלוציע האָבן טאַקע אַ סך געענדערט אין דער דאָזיקער שטאָט. יאָ.

ווען מיר איילן איבער אַ טייל כאָטש פון די העכער טויזנט זאַלן פונעם ווינטער־פּאַלאַץ, כדי צו באַוואונדערן בלויז די באַרימ־טע, פּשוט אומבאַשרייבלעכע, קונסט־אוצרות פון „ערמיטאַזש", פאַרגעסט נישט אַלעמאָל אונדזער באַגלייטערין אונטערצושטרייכן:

פּיאָטר דער ערשטער, רייטנדיק, דער דענקמאָל אין לענינגראַד, וועלכן פּושקין האָט פאַראייביקט ווי „דער ריטער פון קופער"

„דאָ האָבן ביז 1917 געוווינט די צאַרן און קיין פּשוטער מענטש האָט נישט געטאָרט איבערטרעטן די שוועל..."; „דאָ זענען געווען די שלאָפצימערן פון די צאַרישע משפחה־מיטגלידער..."; צי גאָר: „אין דעם־אָ צימער איז אַרעסטירט געוואָרן, אויף לענינס באַפעל, די צייטווייליקע קערענסקי־רעגירונג..."

דער סמאָלני־אינסטיטוט איז דאָס זיץ־אָרט פון ראַיאָן־קאָמי־טעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין לענינגראַד. אָבער לענינס צימער קאָן מען באַזוכן. ער איז, מיט גרויס פּיעטעט, אויפ־

געהאַלטן אַזוי, ווי ער איז געווען אין 1917. קוקט מען אויפן פּשוטן טיש, אויף לענינס שטול, אויף די מאַפּעס, בילדער, ביכער — זעט מען דעם אָנהויב: אָט־דאָ, אין דעם צימער, איז דאָך טאַקע געבוירן געוואָרן די אָקטאָבער־רעוואָלוציע... אין דעם צימער איז לענין געזעסן אין דער נאַכט פון 25־סטן אָקטאָבער, אַרומגערינגלט דורך טראָצקי, זינאָוויעוו, קאַמענעוו, סווערדלאָוו, אַנטאָנאָוו, און נאָך עטלעכע, אָנגענומען דעם גורלפולן באַשלוס און אויף מאָרגן, אין זעלבן סמאָלני־אינסטיטוט, געמאָלדן דעם אַל־רוסישן קאָנגרעס פון די אַרבעטער־, סאָלדאַטן־ און פּויערים־סאָוויעטן, אַז די באָלשעוויקעס האָבן באַשלאָסן אַראָפּוואַרפן די צייטווייליקע רעגירונג און אַליין איבערנעמען די מאַכט, און עס האָבן זיך אָנגעהויבן „די צען טעג, וואָס האָבן אויפגעשטורעמט די וועלט".

בלויז געציילטע מינוטן שפּעטער זענען מיר אויפן פּלאַץ פון די דעקאַבריסטן. מיר קומען אָן דורכן גאָרקי־גאָרטן. דערזעענדיק צווישן דיביימער די ריזיקע סטאַטוע פון פּיאָטר דעם ערשטן, אַ רייטנדיקן אויפן פערד, וויל זיך אויסרופן: „אָט איז ער!.." — מען דערקענט פון ווייטן דעם „ריטער פון קופּער", לויט פּוש־קינס באַרימטער פּאָעמע...

„דאָ האָבן די דעקאַבריסטן, אין דעצעמבער 1825, אָנגעהויבן זייער אויפשטאַנד..." — רעציטירט די וועגווייזערין. ווען דער סענאַט, דאָ אַנטקעגן, האָט באַשטעטיקט דעם טויט־אורטייל, איז פּאַוועל איוואַנאָוויטש פּעסטעל דורך דאַנען „שטאָלץ געגאַנגען צו דער תליה, וואָרפנדיק זיין היסטאָרישן זאָג: ,מיין פעלער איז געווען, וואָס כ'האָב געוואָלט שניידן פאַרן פאַרזיי..." זי מאַכט, פאַרשטייט זיך, פון דעם איר „באָלשעוויסטישן אויספיר". אָבער איינער פון אונדז שאָקלט טרויעריק מיטן קאָפּ און גיט צו:

„נישט בלויז די דעקאַבריסטן — מען האָט אין דער רוסישער געשיכטע נישט איינמאָל געוואָלט שניידן פאַרן פאַרזיי..."

און מיר דערמאָנט זיך דערביי פּעסטעלס „רוסישער אמת",

אין וועלכן ער פֿאָדערט טאַקע אַ קאָנסטיטוציע, אַראָפּצוואַרפֿן דעם אַבסאָלוטיזם, נאָר „די יידן אַרויסטרייבן פֿון לאַנד״, אָבער „בכבודיק״ און זיי העלפֿן „אויפֿשטעלן אַ ספּעציעלע מדינה, אַן איזאָלירטע ערגעץ אויף אַ פּלאַץ אין קליין־אַזיע...״ דאָס „דער־מאָנט זיך נישט״, פֿאַרשטייט זיך, אונדזער אָפּיציעלע באַגלייטעריו...

מיר האָבן באַזוכט דעם „אַווראָראַ״־קרייצער, וועלכנס האַר־מאַטן באַדראָען נישט מער דעם ווינטער־פּאַלאַץ, אָבער האָבן אים געשטורעמט און דעראָבערט מיט פּופּציק יאָר צוריק. מיר זענען געווען ביים „פּוטילאָוו זאַוואָד״, וואָס טראָגט היינט קיראָווס נאָמען; די זעלבע, מסתמא, דיקע גרויע ווענט און שווערע אייזערנע טויע־רן, ווי דעמלט; אָט עפֿענען זיך פּונקט די טויערן און עס לאָזט זיך אַרויס אַ שיכט אַרבעטער, טויזנטער מענער און פֿרויען, גרוי געקליידט און מיט גרויע, דוכט זיך, פּנימער, יאָגן זיי אַוועק אין אַלע זייטן. ווער ווייסט, וואָס עס טראַכטן אָט־די אייניקלעך פֿון יענע, וועלכע זענען פֿון דאַנען אַרויס, באַוואָפֿנט, צום שלאָס־פּלאַץ און אַראָפּגעוואָרפֿן די אַלטע מאַכט...

יאָ, פֿון די דאָזיקע פּלעצער, און אַדאַנק זיי, איז פּעטערבורג־פּעטראָגראַד פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין לענינגראַד, אָבער אויף דער שטאָט איז געבליבן, מעג מען האָבן אַראָפּגענומען זיין נאָמען, דער שטעמפּל פֿונעם גרויסן אַבסאָלוטיסטישן מאָנאַרך, וועלכער האָט זי געבויט — פּיאָטר דער ערשטער. כ׳ווייס נישט, צי ס׳איז פֿאַראַן אויף דער וועלט נאָך אַ שטאָט מיט אַזאַ פֿאַרנעם, פֿון אַזאַ גרויס, וואָס זאָל אויף אייביק טראָגן דעם חותם פֿון איין מענטש, וועמענס „היסטאָריש־געבענטשטער קאַפּריז״, ווי ס׳האָט זיך אויס־געדריקט אַ רוסישער היסטאָריקער, איז געווען צו „עפֿענען אַ פֿענצטער צו מערב״, דורך בויען אַ נייע הויפּטשטאָט פֿאַר דער רוסישער אימפּעריע. האָט טאַקע די שטאָט, און וועט האָבן, איר ספּעציפֿישן און אייגנאַרטיקן צויבער, מעג זי אַנגערופֿן ווערן ווי ס׳זאָל נישט זיין, כל־זמן עס וועלן אויף איר בלייבן די קענ־

צייכנס פון איר בויער. די סאָוויעטישע מאַכט האָט דאָס פאַר־שטאַנען — עס זענען פאַרבליבן אומבאַרירט די צאַרישע פּאַלאַצן און פּראַוואָסלאַוונע צערקוועס, די דענקמעלער פון די צאַרן און צאַרינס, די קניאַזישע הייזער מיט זייער אַלטן טראַכט און פּראַכט. און דאָס האָבן פאַרגעזעצט די צוריקבויער פון לענינגראַד נאָך די שוידערלעכע 900 באַלאַגערונג־טעג פון 1941—1944 — ווען צען טויזנט הייזער זענען צעשטערט געוואָרן אין דער שטאָט — זיי האָבן אַלץ רעסטאַווירט לויט די אַלטע „פּיאָטרישע פּלענער".

✶

צווישן די ערשטע פראַגעס, וואָס מיין אין־טעאַטער־באַקענטע אַרכיטעקטין האָט מיך געפרעגט, איז אויך געווען צי כ'האָב שוין באַזוכט פּעטראָדוואָרעץ. הערנדיק, אַז איך דאַרף דאָרט זיין ערשט אויפן צווייטן טאָג, האָט זי מיט קאָנטיקן האַס, אַרויסגעזאָגט:

„איר וועט דאָרט נאָכאַמאָל זיך איבערצייגן, וואָס דאָס הייסט נאַצישער וואַנדאַליזם..."

דאָ האָט מען דעם צאַר פּיאָטרס נאָמען געמוזט איבערלאָזן. אין 1944 האָט מען בלויז, זייער לאָגיש און פאַרשטענדלעך, גע־טוישט דעם נאָמען פון דעם דייטשן „פּעטערהאָף", אויפן רוסישן „פּעטראָדוואָרעץ"...

ער געפינט זיך 30 קילאָמעטער פון לענינגראַד, ביים סאַמע ברעג פון פינישן גאָלף. דאָ, ביים ברעג, קאָנען פאַראַנקערן די גרויסע ים־שיפן, פון וועלכע די דיפּלאָמאַטן און געסט פון די צאַרן זענען אָפּגעשטיגן אין שיפלעך אַריין, וואָס האָבן זיי צוגע־פירט, דורכן „ים־קאַנאַל", גלייך צום אַריינגאַנג פון אימפּעריאַלן פּאַלאַץ. אַזוי האָט געוואָלט דער „קאַפּריז" פון פּיאָטר דעם גרויסן, צו באַווייזן, אַז רוסלאַנד איז געוואָרן אַ ים־מאַכט...

מען רופט עס „רוסישער ווערסאַיל". אָבער ס'איז אינגאַנצן עפּעס אַנדערש. צוואַנציק פּאַלאַצן און פּאַוויליאָנען, אין זיבן פאַרשידן־סטילירטע פּאַרקן; הונדערטער פאָנטאַנען, דריי וואַסער־

פאַלן, געוויינלעכע און הענג־בריקן; אומצאָליקע דענקמעלער, סקולפטורן, — מענטשן, חיות, מיטאָלאָגישע פיגורן, — פון וועלכע עס שפּריצן אַרויס וואַסער־שטראָמען אין פאַרשידענע קאָלירן; געוויסע וואַסער־הייכן לאָזן אין גאַנג פאַרבאָרגענע אָרגלען און די פאָנטאַנען צעשפּילן זיך — אַלץ צוזאַמען מאַכט דעם רושם ווי אַ ווינקל, אַרויסגענומען פון אַ כישוף־מעשהלע...

צווישן פאָנטאַנען און פּאַלאַצן אין פּעטראָדוואָרעץ

עס זענען דאָ פאַרבליבן פּלענער, געצייכנט מיט דער אייגע־נער האַנט פון פּיאָטר דעם גרויסן: פון געוויסע בנינים אינעם „פּעטערהאָף", פון אַלייען אין די פּאַרקן, פון טייל קאַנאַלן. לויט די דאָזיקע פּלענער זענען זיי געבויט געוואָרן דורך טויזנטער צונויפגעטריבענע פון גאַנץ רוסלאַנד, לייב־אייגענע פּויערים, אונ־טער דער אָנפירונג פון אינזשינירן און אַרכיטעקטן פון דער גאַנצער וועלט. צווישן די אַרכיטעקטן, וואָס האָבן געבויט און פּלאַנירט די פּאַלאַצן און קאַנאַלן, חזרט זיך צום מערסטן איבער דער נאָמען י. בראַנשטיין; האָבן זיינע אייניקלעך, זיכער, שפּע־טער נישט בלויז נישט געהאַט קיין דריסת־הרגל אינעם „האָף",

באַר אויך נישט קיין „פּראַוואָזשיטעלסטוואָ" אין פּיאָטרס נייער הויפּטשטאָט...

בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה האָבן די דייטשן, וואָס האָבן באַלאַגערט לענינגראַד, פאַרנומען פּעטערהאָף. כּמעט די מערהייט קונסט־ווערק, דאָקומענטן און היסטאָרישע קעגנשטאַנדן זענען צייטמעסיק אַרויסגעפירט, אָדער באַגראָבן געוואָרן אויפן פּלאַץ, — זענען די פּאַלאַצן, פאָנטאַנען, פּאַרקן, — וואַנדאַליש צעשטערט געוואָרן; די סימנים פון דעם זענען נאָך קאָנטיק ביז היינט. אָבער דאָך — צוואַנציק יאָר שפּעטער — איז אַלץ כמעט צוריקגעבויט, אויפגעפרישט, לויט די אַלטע אויטענטישע „פּיאָטרי־שע פּלענער". כ'האָב מער נישט געזען די לענינגראַדער יידישע אַרכיטעקטין — איך וואָלט זי געקאָנט „טרייסטן": דעם וואַנדאַ־ליזם פון פּעטערהאָף קאָן מען אויסהיילן, מען בויט עס צוריק... בלויז דעם וואַנדאַליזם־קאַניבאַליזם פון די טרעבלינקעס, באַבי־יאַרס, קאָן מען נישט פאַרהיילן און די אומגעבראַכטע קאָן מען נישט „אויפבויען" צוריק...

*

צוריקפאָרנדיק פון פּעטראָדוואָרעץ, האָבן מיר געבעטן אונדז פירן צו דער סינאַגאָגע.

ס'איז געווען פרייטיק נאָכמיטאָג.

דער לענינגראַדער בית־הכנסת שטייט אין אַ גרויסן הויף, פאַרצוימט מיט אַלטמאָדישע הויכע אייזערנע שטאַכעטן. דאָס איז אַ ריזיקע מאָנומענטאַלע געביידע, געבויט אין דער צווייטער העלפט פונעם פאָריקן יאָרהונדערט. אַ גרויסע הויפּט־געביידע און זייטיקע ביי־בנינים מיט עטלעכע שטאָקן און צימערן. אין דער שול־געביידע זענען פאַראַן צוויי תפילה־רוימען, אַ גרויסער און אַ קלענערער, מיט קינסטלעריש־געשניצטע ארון־קודשס, באַלויכטן דורך אַלטע בראָנזענע קאַנדעלאַבערס.

דער אָנקומענדיקער שבת זעט זיך אין ערגעץ נישט אָן. אַלע

טירן און טויערן — געשלאָסן. אין שול־הויף, ביי דער זייט, געפינט זיך אַ קינדער־שפּיטאָל — מסתמא אַן אַמאָליקער „הקדש״... מאַמעס מיט קראַנקע קינדער פאַרן אַריינגאַנג, קראַנקנשוועסטערס, — קיינער ווייסט נישט ווי אַזוי מ׳קאָן אַריינקומען אין שול אַריין. פּלוצים דערזעען מיר אויפן צווייטן שטאָק פון איינעם פון די זייטן־בנינים, אַרויסשיינען פון פענצטער — אַ קאָפּ פון אַ זקן, מיט אַ לאַנגער, פּאַטריאַרכאַלער, שיין־געפלעגטער ווייסער באָרד און מיט אַ טיפער סאַמעטענער יאַרמלקע אויפן קאָפּ. מיר האָבן גע־פונען אַן אָפן הינטער־טירל און זענען צו אים אַרויף.

דער ייד איז געזעסן אין אַ קליין דורכגאַנג־צימערל, אַנגע־שפּאַרט אין פּאַראַפּעט פון פענצטער און פּאַרטיפט אין עפּעס אַ ספר, וואָס איז געלעגן פאַר אים. ער האָט אונדז כמעט נישט באַמערקט, אָדער נישט געוואָלט באַמערקן... ער איז אַ שמש אין שול. ער האָט גערעדט אַ ליטווישן יידיש, אָבער נישט גערן גע־ענטפערט אויף אונדזערע פראַגעס. מיר האָבן געבעטן, ער זאָל אונדז ווייזן די שול אינעווייניק. ער האָט נישט. פאַרזיכערט ער, דעם שליסל... מיר האָבן זיך ווענן זעלבן געווענדט צום נישט־יידישן שומר אויפן הויף. ער איז געגאַנגען „זוכן דעם שליסל״. ער האָט זיך געסודעט מיטן שמש, געלאָפן אַהין און אַהער און צום סוף האָט ער געבראַכט דעם שליסל פון אַ הינטערשטן אַריינגאַנג אין קליינעם תפילה־זאַל. גוט איז דאָס, ווייל צו קבלת־שבת זענען מיר שוין נישט געווען אין לענינגראַד.

✶

מיר האָבן אין לענינגראַד אָנגעטראָפן מער און אָפטער יידן, ווי אין מאָסקווע. צי ווייל די שטאָט איז קלענער, צי ווייל יידן וווינען מער אין צענטער שטאָט, אָדער די פּראָפּאָרץ יידן איז טאַקע דאָ אַ גרעסערע — די יידישע באַפעלקערונג האָט זיך מיר אויס־געוויזן אין לענינגראַד אַ מער קאָמפּאַקטע, אַ גרעסערע, ווי אין מאָסקווע. מעגלעך, אַז ס׳איז בלויז אַ צופאַל — אָבער כ׳האָב אין

לענינגראַד געטראָפן זייער פיל יידן אויף די גאַסן, אין אַמטן, ווי פאַרקויפער און קאַסירער אין די געשעפטן; מען הערט רעדן און מען ענטפערט אין יידיש. אַזוי האָבן מיר אין דער לענינ־גראַדער דרוקעריי געטראָפן אַזויפיל יידישע אַרבעטער און אין דער דרוקעריי אין מאָסקווע — קיין איינעם נישט.

כ׳האָב עפעס געקויפט אין אַ לענינגראַדער מאַגאַזין. ווען איך בין צוגעקומען צו דער קאַסע, האָב איך דערזען, אַז כ׳האָב צו־ווייניק רובלס אויף צו באַצאָלן. איך האָב דער קאַסירערין געוויזן דאָלאַרן. דאָס איז געווען אַ גאַנץ יונגע פרוי, וועלכע האָט מיך אַ ווײַלע אָנגעקוקט, זיך צעשמייכלט און געזאָגט אין יידיש:

„די דאָלאַרן מוזט איר, חבר, טוישן אין באַנק און דאַן קומען צו מיר באַצאָלן".

„ווי אַזוי האָט איר גלייך געוווסט, אַז איך בין א ייד?.."

„אָה, מען דערקענט זיך שוין, פונקט ווי אַנדערע דערקענען אונדז..." — האָט זי פילדייטיק געענטפערט.

זי האָט מיר גענוי דערקלערט ווי צו גיין אין באַנק אַריין. זי האָט גערעדט הויך, אָן מורא, כאָטש אַרום זענען שוין געשטאַנען און געוואַרט קונים און די חברטעס פון די איבעריקע קאַסעס האָבן זיך אויפמערקזאַם צוגעקוקט און צוגעהערט.

✶

ווען מיר זענען אַמאָל געשטאַנען און געשמועסט פאַרן האָטעל אין לענינגראַד, האָט זיך נעבן אונדז אָפּגעשטעלט אַ ייד פון אַ יאָר קנאַפּע פופציק, זיך באַגריסט און אָנגעהויבן רעדן פיין העבּ־רעיש אין דער אשכנזישער אויסשפּראַך. ער האָט געבעטן אַ יידישן לוח. מיר האָבן געהאַט מיט זיך עטלעכע לוחות, אָבער נישט געגעבן זיי יעדן, וואָס האָט געבעטן, נאָר בלויז קרובים און באַ־קאַנטע — מיר האָבן פשוט נישט געוואָלט, מען זאָל אונדז קאָנען באַשולדיקן אין „ציוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע". מיר האָבן אויך דעם דאָזיקן ייד אין אָנהויב אָפּגעזאָגט. זיין שיינער העברעיש

האָט אונדז, פאַרשטייט זיך, אינטריגירט. דער ייד האָט גאָרנישט פאַרשטאַנען פאַרוואָס מיר וווּנדערן זיך:

„אַלע יידישע דורות, אומעטום און שטענדיק, האָבן דאָך גע־לערנט לשון־קודש... מיין טאַטע עד מאה ועשרים, רעדט העברעיש, און אפילו מיין מאַמע ע״ה האָט געקענט לשון־קודש... נו... איך האָב אויך פאַרזוכט נאָך אַן אומלעגאַלן חדר...״

באַלד ווייזט זיך אַרויס, אַז דער ייד איז אַ חב״דער חסיד. און ווידער:

„מיין טאַטע איז אַ חב״דניק. עס גייט אַריבער בירושה שוין אין דער משפחה... מיין זיידע און עלטער־זיידעס זענען געווען חב״דניקעס, זינט דער רב הזקן זצ״ל האָט זיי אַריינגעפירט אין היכל החסידות...״

„און וואָס איז בנוגע המשך?.. אייערע קינדער?״

דער ענטפער אויף דער פראַגע איז אין אָנהויב געווען אַ טיפער קרעכץ און נאָכן פאַרקלערן זיך אַ ווײַלע, האָט דער חב״דניק געזאָגט:

„איצט איז שוין שווערער... כ׳האָב אַ זון פון 23 יאָר און אַ טאָכטער פון 21. זיי זענען אויפגעוואַקסן אין די שווערסטע צייטן פון גרויסן פחד... דאָך קענען ביידע אַביסל העברעיש, זענען שטאָלצע יידן. חסידות? אויף דעם דאַרף מען שוין האָבן רחמים... אָבער איך האָב נאָך מיין אמונה אין נצח ישראל נישט פאַרלוירן... השי״ת קאָן העלפן... דווקא איצט דערנענטערט זיך די יוגנט צום אַלטן שורש...״

דער ייד איז באַשעפטיקט אין אַ שטאָטישער אַנשטאַלט פאַר עפנטלעכער באַדינונג. ער האָט שפּעטער געבעטן אַ לוח אויך פאַר זיין „נאַטשאַלניק״:

„...און, אויב מעגלעך, נאָך עפּעס אַ ישראל־אָנדענק פאַר אים. איר פאַרשטייט, ער טאָר זיך מיט קיין אויסלענדישן ייד נישט טרעפן... ער וועט מיר זיין דאַנקבאַר, ווען כ׳וועל אים פון אייך

עפּעס ברענגען... קיין חב״דניק איז ער טאַקע נישט, אָבער אַ ייד, כאָטש ער באַמיט זיך עס נישט צו מאַניפעסטירן, זייענדיק אַ פּאַרטיי־מיטגליד...״

צומאָרגנס האָב איך זיך געטראָפן מיט דעם דאָזיקן ייד, וועלכער איז געקומען צוזאַמען מיט זיין אַלטיטשקן פאָטער. מיר האָבן ווידער שפּאַצירט איבער נעווסקי פּראָספּעקט.

דער אַלטער איז געקומען קיין פּעטערבורג נאָך ווי אַ קליין קינד — זעט אויס, מיט אַ שיינע עטלעכע־זיבעציק יאָר צוריק — און לעבט דאָ די גאַנצע צייט: דאָ איז ער אויפגעוואַקסן, חתונה־געהאַט, דאָ דערצויגן זיינע קינדער.

„מען האָט טאַקע געדאַרפט ,פּראַוואָזשיטעלסטוואָ׳, אָבער עס האָט דאָך עקזיסטירט אַן אָרגאַניזירטע קהילה אין שטאָט, מיט מוסדות, מיט אַזאַ קולטור־באַוועגונג... נעווסקי פּראָספּעקט איז דאַן געווען שיעור נישט אַ ,יידישע׳ גאַס...״

זיי שאַצן די צאָל יידן אין לענינגראַד אויף אַ פערטל מיליאָן. ביידע, דער טאַטע און זון, דאַוונען נישט אין דער גרויסער סי־נאַגאָגע, נאָר מיט אַ „מנין״ אין אַ פּריוואַטער שטוב, אַלעמאָל ביי אַ צווייטן.

„ס׳איז אומלעגאַל? פאַרבאָטן?״

„נישט לעגאַל און נישט אומלעגאַל... נישט אָפיציעל. מען קומט ,צוגאַסט׳... יעדנפאַלס צעלייגט מען אויפן טיש קאָרטן — מחמת אַן עינא בישא...״

דער זקן דערמאָנט זיך דעם פּעטערבורגער „המליץ״, דעם „פריינד״, ער געדענקט זייערע רעדאַקטאָרן.

„נו, אָט האָט איר דאָך שוין ווידער אַ יידישן זשורנאַל, — ,סאָוועטיש היימלאַנד׳...״ — פּרווו איך.

דער אַלטער טוט אומגעדולדיק אַ דריי מיטן קאָפּ און אַ מאַך מיט דער האַנט:

„איך נעם עס נישט אין האַנט אַריין... מוקצה...״

דער זון איז נישט איינשטימיק:

„מען טאָר נישט אַזוי רעדן, טאַטע!.. ,מתוך שלא לשמה בא לשמה' האָבן דאָך געלערנט אונדזערע חכמים...״

איך האָב מיינע באַקאַנטע באַגלייט צו דער מעטראָ־סטאַציע „פּלאָשטשאַד וואָסטאַניאַ״, ביים מאָסקווער וואָקזאַל. דער זון האָט מיט שטאָלץ באַוויזן די אונטערערדישע באַן־סטאַציע. גרויסע קאָ־לאָנעס פון רויטן מאַרמאָר האַלטן אונטער דעם העל־באַלויכטענעם סופיט פון ריזיקן רוים. דער פּאָל, פון רויטן גראַניט, איז גלאַנציק ווי אַ שפּיגל און אַזש גליטשיק. דער קאָליר איז צוגעפּאַסט צו די קינסטלערישע באַרעליעפן אויף די ווענט, וואָס שטעלן פאָר עפּיזאָדן פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע.

„אויך איך האָב דערביי געאַרבעט, ווי טויזנטער אַנדערע, פרייוויליק... די מעטראָ האָט געעפנט און דערנענטערט צו יעדן דאָס גרויסע לענינגראַד...״ — זאָגט דער זון.

דער פאָטער קוקט אויף אים מיט אַ שמייכל:

„אָבער דער וואָקזאַל, אויבן, צו דער גרויסער וועלט, איז געבליבן פאַרמאַכט...״

„חתום...״ — ווי ער זאָגט אין העברעיש.

סאָוויעטישע דרוקער־אַרבעטער דערציילן און פרעגן...

אָרגאַניזירט דורכן ישראלדיקן דרוקער־אַרבעטער־פאַרבאַנד, איז אונדזער טוריסטן־גרופּע טאַקע באַשטאַנען, ווי געזאָגט, אין אַ גרויסן טייל פון דרוקער־אַרבעטער. אפילו דער סעקרעטאַר פון דעם אַרבעטער־ראַט („מועצת הפּועלים״) אין בת־ים, שמואל טאַלער און זיין פרוי, וועלכע האָבן זיך באַטייליקט אין אונדזער אויספלוג, זענען אויך געוועזענע דרוקער־אַרבעטער. נישט אומזיסט האָט מען דעריבער אונדזער גרופּע גערופן „פּעטשאַטניקי״ — דרוקער. אַזוי האָט אונדז אומעטום באַצייכנט דער „אינטוריסט״.

אַ צייט פאַרן אַרויספאָר, האָט דער לאַנד־פאַרבאַנד פון די דרוקער־אַרבעטער אין ישראל געשריבן וועגן דעם צום פּראָפסאָיוז פון די קולטור־אַרבעטער אין ראַטנפאַרבאַנד, און אין זיין ענטפער האָט דער סעקרעטאַר פון צענטראַל־קאָמיטעט פון קולטור־אַרבעטער־פאַריין, טאַראַסאָוו, אויסגעדריקט זיין צופרידנקייט מיט אונדזער באַזוך און פאַרזיכערט צו טאָן אַלץ, כדי ער זאָל אונדז אַדורך אינטערעסאַנט און אָנגענעם.

טאַראַסאָוו, וועלכער איז איינער פון די אָנגעזעענע פירער פון דער סאָוויעטישער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג, האָט אונדז אין מאָסקווע טאַקע זייער פריינטלעך אויפגענומען. ביי רייך־געדעקטע טישן ביי אים אין קאַבינעט, האָט ער, צוזאַמען מיט זיינע נאָענטסטע מיטאַרבעטער, פאַרבראַכט מיט אונדז עטלעכע שעה אין אַ ברייט־אַרומנעמענדיקן שמועס. ער האָט פאַר אונדז רעפערירט וועגן דעם בוי און אויפגאַבן פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען אין ראַטנפאַרבאַנד בכלל און דעם פאַריין פון די קולטור־

אַרבעטער בפרט. „דער פֿאַריין" — האָט ער אונדז אויפֿגעקלערט — „נעמט אַרום אַלע, אָן אויסנאַם, וועלכע אַרבעטן ביי און ארום קולטור: שרייבער, לערער, אוניווערסיטעט־פּראָפֿעסאָרן, קינסט־לער, שוישפּילער, פּונקט ווי דרוקער־אַרבעטער און צייטונג־פֿאַר־שפּרייטער. צווישן די אַנדערהאַלבן מיליאָן מיטגלידער פֿון דעם פֿאַריין געפֿינען זיך אויך ברעזשניעוו, ווי דער נאָבעל־פּרייז־

אין ביוראָ פֿון גענעראַל־סעקרעטאַר פֿון פּראָפֿעסיאָנעלן פֿאַריין פֿון די קולטור־אַרבעטער אין ראַטנפֿאַרבאַנד, טאַראַסאָוו (אין צענטער)

טרעגער מיכאַיל שאָלאָכאָוו, צוזאַמען מיט די איינבינדער פֿון זייערע ווערק".

יעדן, זאָגן יידן, „שלעפּט זיך שטענדיק נאָך זיין פֿאַך"... מיר האָבן פֿון דעם געניאָסן. אין אונדזער גרופּע האָט אָנטיילגענומען דער סעקרעטאַר און פֿאַראַנטוואָרטלעכער פֿאַרן דרוקער־פֿאַך ביים „הנוער העובד" אין תל־אביב, מאיר גאָלדשטיין. האָט ער זיך אומעטום אינטערעסירט און געשטעלט פֿראַגעס וועגן יוגנטלעכע אַרבעטער. האָט טאַראַסאָוו אויפֿגעקלערט, אַז קיין ספּעציעלע אַרבעט־ביוראָען פֿאַר יוגנט זענען אין ראַטנפֿאַרבאַנד נישטאָ.

„בכלל באַמיט מען זיך, אַז אַלע יוגנטלעכע זאָלן פאַרזעצן זייער לערע". דאָך זענען פאַראַן, און מיר האָבן זיי באַגעגנט אויף די אַרבעט־פּלעצער, זייער פיל יוגנטלעכע אַרבעטער. „מען נעמט זיי צו צו דער אַרבעט נאָכן ענדיקן אַן אַכט־יאָריקע גרונט־שול און זיי געניסן גלייך פון אַלע סאָציאַלע באַדינגונגען, ווי אַלע אַרבעטער אינעם פאַך". די מינימאַלע לערן־תקופה פון אַ געזעלן איז 2 יאָר, בעת וועלכע ער אַרבעט 4 שעה און 4 שעה באַקומט ער טעאָרעטישן אונטעריכט, אין אַלגעמיינע פאַך־שולן, אָדער אויף קורסן ביי די גרויסע פאַבריקן גופא. אָבער אין דרוק־פאַך דויערט אין געוויסע צווייגן די לערן־צייט און ספּעציאַליזירונג ביז 8 יאָר. אַ לערן־יינגל באַקומט אַ לוין פון 40 רובל אַ חודש, וואָס קאָן אין דער ספּעציאַליזירונג־תקופה דערגרייכן אפילו ביז 80 רובל. מען קאָן אָבער צוקומען צו אַ שנעלערער ספּעציאַליזירונג און צו אַ העכערן לוין, לערנענדיק אויף פאַך־אָוונט־קורסן, וועלכע זענען פאַראַן זייער פיל, אין אַלע צווייגן.

טאַראַסאָוו און זיינע מיטאַרבעטער האָבן געשטעלט פראַגעס וועגן אונדזער פאַריין און דער הסתדרות בכלל. אונדזערע פראַגעס זענען געווען מער פון טעכנישן און אינפאָרמאַטיוון כאַראַקטער, נישט וועלנדיק, פאַרשטייט זיך, אַריינגיין מיט אונדזערע גאַסט־געבערס אין דיסקוסיעס וועגן די ספּעציפישע אויפגאַבן פון פראָפעסיאָנעלע אַרבעטער־פאַריינען און זייער באַגרענעצטער ראָל אין ראַטנפאַרבאַנד, וואָס דערלויבט, למשל, אַז אַ פאַרבאַנד פון אַנדערהאַלבן מיליאָן מיטגלידער איבער אַזאַ ריזיק לאַנד, ווי עס איז טאַראַסאָווס פּראָפּסאָיוז, זאָל אין זיין צענטראַלע נישט האָבן מער ווי 33 געצאָלטע באַאַמטע.

אוודאי. טאַראַסאָוו שטאָלצירט, וואָס אין לעצטן יאָר זענען באַדייטנדיק געהעכערט געוואָרן די לוינען פון די קולטור־אַרבעטער אין ראַטנפאַרבאַנד; פאַלט דאָך, אפילו נישט ווילנדיק, די פראַגע:

„וואָסער ראָל האָט דערביי געשפּילט אייער פאַריין?"

„המ... שווער דאָס געגוי פעסטצושטעלן... די ענינים געהערן ביי אונדז הויפּטזאַכלעך צו דער קאָמפּעטענץ פון דער רעגירונג און ווייניק צו די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען...״ — האָט טאַראַסאָוו געענטפערט.

זיכער. קיין קאַמף פאַר לוינען דאַרף מען נישט פירן, קיין שטרייקן זענען נישטאָ — צו וואָס־זשע דאַרף דער פּראָפסאָיוז באַאַמטע ?..

טאַראַסאָוו האָט אָרגאַניזירט אונדזערע באַזוכן אין איינער פון די גרעסטע דרוקערייען אין מאָסקווע און אין דער גרעסטער קונסט־דרוקעריי פון ראַטנפאַרבאַנד, אין לענינגראַד.

די דרוקעריי א. נ. פון זשדאַנאָוו אין מאָסקווע איז אַן אמת דרוקעריי־שטעטל. 2,800 אַרבעטער, צווישן זיי 70 פּראָצענט פרויען. עס ווערן דאָ געזעצט, געדרוקט און געבונדן טויזנטער ביכער און בראָשורן, אין מיליאָנען עקזעמפּלאַרן, אין פאַרשידענע שפּראַכן פון ראַטנפאַרבאַנד גופא און אויסלענדישע; די דרוקעריי באַזיצט אייגענע רעסטאָראַנען, קינדער־היימען און אפילו ערשטע קלאַסן פון אָנפאַנג־שולן. די אַרבעטנדיקע מוטערס ברענגען מיט אינ־דערפרי די קליינע קינדער און נעמען זיי מיט צוריק אַהיים נאָך דער אַרבעט. ביי דער דרוקעריי געפינט זיך אַ גרויסע מעדיצינישע אַמבולאַטאָריע פאַר די אַרבעטער, מיט דאָקטוירים און קראַנקנ־שוועסטערס און אפילו אַן איינגעאָרדנטער שפּיטאָל־צימער.

✶

אַן אומפאַרגעסלעכע איבערלעבונג איז פאַר אונדז געווען דער באַזוך און די אויפנאַמע אין דער דרוקעריי „איוואַן פיאָדאָ־ראָוו״ אין לענינגראַד.

דאָס איז אַ קלענערע אונטערנעמונג — „בלויז״ 850 אַרבעטער. די פּראָפּאָרץ פרויען — נאָר 40 פּראָצענט.

עס האָט אונדז אָפּגעוואַרט דער הויפּט־דירעקטאָר, וועלכער האָט זיך פאָרגעשטעלט:

„אינזשיניער אַלעקסיי קאַרפּאָוויטש שוואַרצקאָפּ...‟

אַ מאַן פון אַ יאָר פערציק, מיט נישט קיין בולט־סעמיטישע פנים־שטריכן. ער האָט קיין יידיש נישט גערעדט, און, לויט זיין רעאַגירן, אויך נישט פאַרשטאַנען. אָבער, ווען כ׳האָב שפּעטער געפרעגט איינעם פון די יידישע אַרבעטער, צי זייער דירעקטאָר איז אַ ייד, האָט ער מיר יידישלעך געענטפערט מיט אַ פראַגע:

„און וואָס זאָגט איר?..‟

מיט אַ סאָוויעטישער אונטערנעמונג פירט אָן אויפן אָרט אַ „טראָיקע‟: דער טעכנישער הויפּט־דירעקטאָר, דער אָרטיקער פּאַרטיי־סעקרעטאַר און דער פראָפסאָיוז־פאַראַנטוואָרטלעכער אין דער פאַבריק. נאָך אַ קורצער באַגריסונג, האָט דער אינזשיניער שוואַרצקאָפּ אונדז דערקלערט, אַז ער לאַדט איין צו אונדז די אַנדערע צוויי פאַבריק־פירער. עס זענען אַריינגעקומען צוויי פרויען,ביידע אין עלטער פון אַ יאָר עטלעכע־דרייסיק. ער האָט צום ערשטן פאָרגעשטעלט די פּאַרטיי־אָנפירערין:

„דינאַ פּאַוולאָוונאַ גרינבערג...‟

אויב איר נאָמען און עכט־יידיש פּנים, מיט גרויסע יידיש־פאַרטרויערטע אויגן, זענען ווייניק געווען, האָט זי גלייך געזאָגט מיט אַ שמייכל:

„איך יידישקע... יידיש קינד...‟

איר יידיש איז געווען זייער אַ שוואַכער און אָרעמער, אָבער דאָך האָב איך זיך מיט איר פאַרשטענדיקט אויף מאַמע־לשון.

די דריטע אָנפירערין, ווערא גריגאָריעוונאַ טשובאַיעוואַ, איז שוין קיין יידישע נישט געווען.

אין אַ לאַנגן שפּאַציר איבער אַלע אָפּטיילונגען פון דער דרוק־קעריי האָבן אַלע דריי אונדז באַגלייט און געגעבן אויפקלערונגען. מען דרוקט דאָ קונסט־אויסגאַבעס, ביכער און אַלבאָמען מיט רעפּראָדוקציעס פון די בילדער פון מוזייען און פון באַזונדערע מאָלער; קינסטלערישע פּאָסט־קאַרטלעך. ביי דער אַרבעט פאָדערן

זיך גרויסע קענטענישן, דערפאַרונג און „אויך עסטעטישער גע־שמאַק, וויסן און קונסט־מבינות" — זאָגט פרוי גרינבערג.

מיר האָבן דאָ געטראָפן יידישע אַרבעטער אין אַלע אָפּטיי־לונגען, עלטערע און יונגע. אַלע האָבן אונדז זייער פריינטלעך און



אויף דער אויפנאַמע אין דער דרוקעריי „איוואַן פיאָדאָראָוו" אין לעְנינגראַד

גערירט באַגריסט. אַלע האָבן, בעסער אָדער ערגער, גערעדט יידיש. און זיי האָבן זיך פאַר די נישט־יידישע חברים נישט געשעמט מיט דעם, זיך נישט געהיטן. איינעם, אַ יונגנמאַן פון מסתמא קנאַפע דרייסיק יאָר, האָב איך געפרעגט, צי דאָס מאַניפעסטירן אַזוי אָפן זייער יידישקייט קאָן זיי נישט פאַרשאַפן קיין אומאַנגענעמלעכ־קייטן; האָט ער מיר געענטפערט:

„אויב איך וואָלט באַהאַלטן מיין נאָמען, לוי, וועט דאָך מיין נאָז פאַראַטן מיין אָפּשטאַם... אַלע ווייסן סיי־ווי ווער עס איז אַ ייד און דאָס שטערט אונדז דאָ אַבסאָלוט נישט".

גלויב איך אים, — עס ווילט זיך דאָך אַזוי, אַז דאָס זאָל זיין ריכטיק! און — צי איז עס דען נישט מעגלעך?

אויך די דאָקטאָרין אין דער פאַבריק־אַמבולאַטאָריע האָט מיט אונדז גערעדט יידיש.

*

ווען מיר זענען נאָכן לאַנגן און באַלערנדיקן שפּאַציר איבער דער דרוקעריי, צוריקגעקומען אין קאַבינעט פונעם דירעקטאָר, זענען מיר געבליבן שטיין דערשטוינט: די טישן, געדעקט מיט ווייסע טישטוכער, באַצירט מיט בלומען, זענען געווען אָנגעשטעלט מיט כל־טוב — צו עסן און צו טרינקען. עס זענען אַריינגעקומען די אָנפירער פון אַלע אָפּטיילונגען, מען האָט זיך אַרומגעזעצט אַרום די טישן און, ביי און נאָכן „לחיים", האָט זיך פאַרפירט אַן אינטערעסאַנטער שמועס.

ראשית — אַביסל אינפאָרמאַציע.

די פאַרדינסטן: אַ לערנייינגל — 40 רובל אַ חודש; געווייני־לעכע אַרבעטער — פון 80 ביז 120 רובל; אָפּטיילונג־שעף — 200 רובל. דער הויפּט־בוכהאַלטער פון דער דרוקעריי, באָריס סעמיאָנאָוויטש ביעלסקי — וועלכער האָט אויך נישט באַהאַלטן זיין יידישקייט — זעט נאָך אויס גאַנץ יונג, אָבער ער דערקלערט, אַז ער דאַרף נאָך דאָס יאָר אַרויסגיין אויף פּענסיע, וועלכע וועט באַטרעפן 118 רובל אַ חודש. ס'איז זיך לייכט פאָרצושטעלן וויפל ער פאַרדינט, ווען די גרעסטע עלטער־פּענסיע אין ראַטנפאַרבאַנד באַטרעפט 120 רובל אַ חודש (די קלענסטע — 30). „אָבער" — זאָגט ער — „ווי איר זעט, קאָן איך נאָך אַרבעטן, און וועל נאָך טאַקע דערוויל בלייבן אויף מיין פּאָסטן. אין אַזאַ פאַל, ווען מען אַרבעט נאָכן פּענסיע־עלטער, באַקומט מען דעם געוויינלעכן לוין פּלוס 50 פּראָצענט פון דער פּענסיע און צוויי חדשים אורלויב אין יאָר..." איינער פון אונדז האָט געזאָגט שטיל צו אַ צווייטן: „דער ייד וועט דאָך ווערן אַן עושר, בנאמנות..." האָט דאָס ביעלסקי דערהערט און צוגעוואָרפן גאַנץ יידישלעך: „נישט פאַרגינען איז נישט קיין יידישע מידה..."

איינער פון אונדז פרעגט, ווי אַזוי ווערן ביי זיי אָפּגעזאָגט אַרבעטער, צי אַזוי ווי ביי אונדז, אין ישראל, לויטן פּרינציפּ — דער וואָס קומט דער לעצטער גייט אַוועק דער ערשטער? לאַכט אינזשיניער שוואַרצקאָפּ:

„דאָס פּראָבלעם עקזיסטירט נישט ביי אונדז. מען זאָגט קיינ־מאָל נישט אָפּ קיין אַרבעטער — די אונטערנעמונגען ברייטערן זיך כסדר אויס. אונדזער דרוקעריי איז מיט צען יאָר צוריק געווען פּונקט אַ פינפטל אין איר פאַרנעם. מיר האָפן, אַז אין צען יאָר אַרום וועט זי ווידער זיין פינף מאָל גרעסער און מיר וועלן אָן אויפהער זוכן נייע אַרבעטער..."

ווען דער לאַבאָראַטאָריע־שעף שיינקין האָט גענומען אַ וואָרט, האָב איך זיין נאָמען נישט דערהערט און זיינע געזיכט־שטריכן זענען פון אַן אמתן רוס; בין איך געווען פאַרוואונדערט, ווען כ'האָב אין זיינע ערשטע זאַצן אויפגעכאַפּט: „...מי יעווריעאי..."

דער תמצית פון זיינע רייד: דער דייטשער פאַשיזם, וואָס האָט געבראַכט אַזויפיל צרות פאַר דער גאַנצער וועלט, „האָט ספּעציעל געבראַכט אַ גרויסן אומגליק אויף אונדז יידן, מיר האָבן פון אים געליטן מער ווי אַנדערע פעלקער. פאַרוואָס־זשע דער־נעענטערט זיך דאָס יידישע לאַנד, ישראל, צו מערב־דייטשלאַנד, נעמט ביי אים שטיצע און שליסט מיט אים דיפּלאָמאַטישע און פריינטשאַפט־אָפּמאַכן?.."

דער אָפּטיילונג־שעף קאַגאַן האָט געזאָגט, מער־ווייניק:

„מיר האָבן געהערט פיל גוטס וועגן אייך, וועגן ישראל, וועגן אייערע סאָציאַלע דערגרייכונגען און וועגן אייער פּראָגרעסיוון סאָציאַלן רעזשים. דאַרפט איר וויסן, אַז די מלחמה אין וויעטנאַם, דער אָנפאַל פון אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם, באַדראָט די וועלט מיט אַן אַלגעמיינער מלחמה, וואָס וועט דאַך צעשטערן אַלע אייע־רע דערגרייכונגען... ווי קומט עס, אַז עס זאָל אַהין פאָרן אייער גענעראַל דיין און מיט דעם העלפן די אָנגרייפער?.."

צבי אסף און שמואל טאַלער האָבן ברייט געענטפערט, אין אונדזער אַלעמענס נאָמען, אויף אַלע פראַגן, און מער־ווייניק געזאָגט: אַלע גרויסע און פאַרגעשריטענע מדינות האָבן אָנגע־קניפּט דיפּלאָמאַטישע באַציאונגען מיט מערב־דייטשלאַנד און גענומען אַנטשעדיקונגען אַ סך פריער ווי ישראל. מיר האָבן נישט געשלאָסן, מיט קיינעם, קיין שום מיליטערישע פאַקטן. וואָס איז נוגע משה דיין, איז ער טאַקע אַ געוועזענער גענעראַל און גע־וועזענער שעף פון ישראלדיקן גענעראַל־שטאַב, אָבער איצט איז ער אַ פּריוואַטער מענטש, דעפּוטאַט און פירער פון אַן אָפּאָזיציע־פּאַרטיי און קיינער קאָן אים נישט שטערן צו פאָרן וווהין ער וויל. אונדזער אויסערן־מיניסטער האָט זיך אָפיציעל אָפּגעגרענעצט פון דער דאָזיקער רייזע.

„אָבער נישט מעגלעך...״ — האָט געפּרוווט נאָכאַמאָל ענט־פערן קאַגאַן.

אינזש. שוואַרצקאָפּ האָט אים איבערגעריסן מיט אַ שמייכל:

„לאָמיר לאָזן די פּאָליטיק פאַר די מנהיגים פון אונדזערע מדינות... מיר זענען אַרבעטער, לאָמיר ווייטער שמועסן פריינט־לעך וועגן אונדזערע אַרבעטער־פּראָבלעמען...״

און מען האָט זיך געזעגנט מיט נאָך אַ „לחיים״.

אין פּעטראָפּאַוולאָווסקער פעסטונג

ווען מיר זענען פאַר אונדזער האָטעל, אויפן נעווסקי פּראָס־פּעקט אין לענינגראַד, איינגעשטיגן אין „אינטוריסט"־אויטאָבוס, און די וועגווייזערין האָט געמאָלדן: „מיר פאָרן אין פּעטראָפּאַוו־לאָווסקער פעסטונג" — האָב איך עפּעס אינסטינקטיוו, גאָר אומ־באַוווסטזיניק, אַ ציטער געטאָן... פּעטראָפּאַוולאָווסקער פעסטונג... פאַרן דמיון זענען שנעל אַדורך אַזויפיל געלייענטע און געהערטע, און אפילו געזעענע אויפן עקראַן, געשיכטעס פון בלוט, פּיין, תליות, שענדלעכע משפטים און שוידערלעכע אינטריגעס, וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּילט אין דער דאָזיקער פעסטונג...

פאָרן מיר דורך אַ „נאַבערעזשנאַיאַ", אַ ברעג־גאַס, וואָס טראָגט דעם נאָמען „גענעראַל קוטוזאָוו"; קומען צו, דורך די זומער־ און מאַרס־גערטנער, צו אַ פּלאַץ אויפן נאָמען פון גענעראַל סוואָראָוו... הערט זיך נאָך אַלץ, ווי פון גאָר ווייט, די אויפקלע־רונג פון דער אָפיציעלער וועגווייזערין:

„דאָ ביי איירע פיס פליסט די באַלשאַיאַ נעוואַ, דאָ איז דער טייך צום ברייטסטן. אַנטקעגן, מיט דער ברעג־גאַס אויפן נאָמען פון פּעטער דעם גרויסן, הויבט זיך אָן דער פּעטראָגראַד־קוואַרטאַל אויף דער צווייטער זייט טייך..."

הויבן זיך, ביים סאַמע ברעג פון דער נעוואַ, הויכע אימהדיקע פעסטונג־מויערן.

„יאָ, דאָרט איז עס..."

פאַלט מען שוין אַריין אַביסל אין היינט, צי אין „היינטיקן" נעכטן, ווען זי מעלדעט, אַז די בריק, וואָס פירט אונדז צו דער

צווייטער זייט, טראָגט שוין דעם נאָמען פון — קיראָוון; זי פירט צום רעוואָלוציע־פּלאַץ, פון וואַנען עס שליסט אָפּ קיילעכדיק, אַרומנעמענדיק הינטערן לענין־פּאַרק, דעם געוועזענעם אַרסענאַל און איצטיקן אַרטילעריע־מוזיי, אין צפון־זייט פון דער פעסטונג — דער פּראָספּעקט מאַקסימאַ גאָרקאָווא...

די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציע האָט די פּאַריזער באַס־טיליע אָפּגעמעקט פון דער ערד; די אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט די „רוסישע באַסטיליע" איבערגעלאָזט גאַנץ. די געשיכטע האָט זיך דאָ אָפּגעשפּילט אינגאַנצן אַנדערש ווי אין פּאַריז: דער גאַרניזאָן פון דער פעסטונג האָט דער ערשטער געענטפערט אויף לענינס רוף און אים איבערגעגעבן די הונדערט טויזנט ביקסן פון צאַרישן אַרסענאַל און זיי האָבן זיך אויף מאָרגן געפונען אין הונדערט טויזנט פּאָר אַרבעטער־הענט... האָט דאָס מסתמא גע־ווירקט, אַז אָט־די שוידער־מויערן, מיט אַלץ וואָס אין זיי, זאָלן בלייבן גאַנץ און דער „אָקטאָבער" קאָן ווייזן, ווו, און אפילו ווי אַזוי, עס זענען געפּייניקט און פאַרפּייניקט געוואָרן זיינע פאָר־גייער און פירער.

איז די פעסטונג אויך געבליבן ביי איר אַלטן נאָמען — פּעט־ראָפּאַוולאָווסק — קיין שום נאָמען פון אַ באָלשעוויסטישן מנהיג וואָלט איר נישט געקליידט... אַ בריק, אַ גאַס, אַ פּלאַץ דערנעבן מיט נייע נעמען — יאָ, אָבער נישט צופיל... פּעטראָפּאַוולאָווסק, פּעטראָגראַד און די דאָזיקע פעסטונג־מויערן, מוזן ווייטער בלייבן אַרומגערינגלט מיט די אַלטע נעמען — פון די קוטוזאָווס און סוואָראָווס...

איז עס טאַקע אָנקניפּונג, פאַרבינדונג צו דער „גרויס־רוסי־שער" געשיכטע, וואָס ווייזט זיך אָבער אויס ווי בלויז פּיעטעט, ווי רעליקוויע־קולט און נישט קאַלטע פּאָליטישע אויסרעכענונג...

אָבער אָט האָבן מיר שוין אַריבערגעטראָטן אַ טויער אין די גראָבע מויערן און מיר טרעטן איבער די טרויעריק־באַרימטע

ברוק־שטיינער. ציט גלייך צו, פאַרשטייט זיך, דאָס אויג דער „פעטראָפּאַוולאָווסקער סאָבאָר", די העכסטע געביידע אין לענינ־גראַד. דער שלאַנקער, באַגילדעטער גלאָקן־טורעם הייבט זיך ביז 120 מעטער, ווי טאַקע „אַ פייל צו דער אַזוי־באַגערטער אייראָפּע". ווי פּיאָטר דער גרויסער האָט זי אָנגערופן און אונטער וועלכער ער איז געבראַכט געוואָרן צו קבורה. די קאַטעדראַלע איז, פּאַקטיש, אַ ראָמאַנאָוו־מאַוזאָליי. דאָ געפינען זיך די קברים פון דער ראָ־מאַנאָוו־דינאַסטיע, פון פּיאָטר דעם ערשטן ביז ניקאָליי דעם 2־טן, וועלכן די באָלשעוויקעס האָבן, נאָכן דערשיסן אים, שוין באַגראָבן ערגעץ ווי אַ הונט...

די צאַרישע קברים זענען אָפּגעהיט, מיט די אָריגינעלע אויפ־שריפטן, צלמים און אויסצייכענונגען, פּונקט ווי די פון די אלטע קניאַזן־ און פריערדיקע צאַרן־קברים אין מאָסקווער קרעמל. אפילו די דריי־מעטער הויכע קאַנדעלאַברע פון האַלץ, געשניצט מיט די אייגענע הענט פון פּיאָטר דעם גרויסן, שטייט אויף איר אָרט, וווּ דער צאַר־האַנטווערקער האָט זי אַוועקגעשטעלט, — זי זאָל באַלייכטן זיין קבר.

אָבער נישט די דאָזיקע מאַיעסטעטישע פּראַכטפול־געבויטע מאַוזאָליי־קאַטעדראַלע האָט מיך געצויגן און אַזויפיל דערמאָנט אין פּעטראָפּאַוולאָווסק.

„דאָ איז די טרובעטסקאָי־תפיסה..." — מעלדעט אונדזער וועגווייזערין.

גלייך געפינען מיר זיך צווישן אויסערסט־דיקע ווענט, אין אָן־פענצטערדיקע קאָרידאָרן. די קאַמערן זענען אָפן. פיל — אָן פענצטער, קליין און ענג, אָן לופט. אין די קאָרידאָרן — זשאַנדאַרם־ליאַלקעס אין נאַטירלעכער גרויס, ווי זיי הערן אונטער, ווי זיי קוקן אַריין צו די אַרעסטאַנטן דורך די לעכער אין די טירן. עס זענען פאַרבליבן די אָריגינעלע „מעבל" אין די קאַמערן, די איי־זערנע בעטלעך, די פייניקונג־מכשירים. אין איין קאָרידאָר, אין

אַ גלאָז־שאַפע — אַרעסטאַנטן־קליידער; דער קאַפּטאַן פון צום־טויט־פאַרמשפטע, מיט צוויי־מעטער־לאַנגע אַרבל, מיט וועלכע מען האָט צוגעבונדן די הענט צום קערפּער, פירנדיק צו דער תליה.

דער ערשטער אַרעסטאַנט איז דאָ געווען — אַ זון פון פּיאָטר דעם גרויסן, דער צאַרעוויטש אַלעקסיי; מען האָט אים דאָ אויפגעהאָנגען פאַר אַ בונט־פּרווו קעגן אייגענעם פאָטער. אָבער מער זענען שוין דאָ קיין צאַרישע זין נישט געזעסן. אויף די טירן פון די קאַמערן זענען אין גלעזערנע ראַמען אויסגעהאָנגען די פאָטאָגראַפיעס מיט די נעמען פון די באַרימטע אַרעסטאַנטן, וועלכע זענען אין די קאַמערן געהאַלטן געוואָרן.

„דאָ האָט מען אין יאָר 1790 פאַרשפאַרט ראַדישטשעוון״, — רעציטירט די וועגווייזערין — „דעם באַרימטן רוסישן שרייבער און רעוואָלוציאָנער, וועלכער איז אין זיין ווערק ,אַ רייזע פון מאָסקווע קיין פּעטערבורג׳, שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן צאַרישן אַבסאָלוטיזם און איז דערפאַר פאַרמשפט געוואָרן צום טויט... און אין דער דאָזיקער קאַמער״ — גייט זי כראָנאָלאָגיש — „איז אין 1850 געזעסן באַקונין, דער...״

איינער פון אונדזער גרופּע, מסתמא אַ „געכאַפּטער״ אין חב״ד־חסידות, רייסט איר איבער:

„אָבער פריער, אין 1799, איז דאָ ערגעץ אין אַ קאַמער געזעסן ר׳ שניאור זלמן מלאַדי...״

„ווער?.. ווער?..״ — פרעגט זי פאַרוווּנדערט — „ראַב...״

„דער בעל התניא...״ — ענטפערט אונדזער חבר, אפילו אָן אַ שמייכל.

„ווי זאָגט איר?.. ניין, נישט געהערט... פון די ,דעקאַבריסטן׳, ציִ גאָר פון די ,נאַראָדאָוואָלצעס׳?..״

„ניין...״ — קאָן שוין נישט איינהאַלטן זיין שמייכל אונדזער חבר — „פון די חב״דאָווצעס...״

„טאַקע?..״ — ענטפערט זי ערנסט — „כ׳האָב קיינמאָל וועגן

אַזאַ רעוואָלוציאָנערער גרופּע נישט געהערט... אינטערעסאַנט..."

ווי עס פאָדערט דער לענין־קולט, שטעלט מען זיך ספּעציעל אָפּ פאַר דער קאַמער, ווו עס איז געזעסן דער צום־טויט־פאַר־משפּטער עלטערער ברודער פון לענינען, אַלעקסאַנדער אוליאַנאָוו. „פון דאַנען האָט מען אים אַרויסגעפירט צו דער תליה..."

אויף איינעם פון די קאַמערן הענגט דאָס בילד פון מאַקסים גאָרקי. די וועגווייזערין שטעלט אונדז אָפּ:

„דאָ איז געזעסן פאַרשפּאַרט דער גרויסער רעוואָלוציאָנערער שרייבער..."

„פאַר אונדז איז גענוג בלויז דער נאָמען — מאַקסים גאָרקי — ווער און וואָס ער איז געווען ווייסן מיר אַלע, אַלע אָן אויסנאַם..."

„אַזוי?.. מען לייענט זיינע ווערק ביי אייך אין לאַנד?.. זיי זענען איבערזעצט אין... ווי איז אייער שפּראַך?.. פּריי?.." — עפּעס איז איר נישט אַזוי גלויבלעך, אָבער זי שמייכלט, צופרידן.

מיר זענען צוריק אינדרויסן.

נעבן דער תפיסה — דער נעוואַ־טויער, ביים סאַמע טייך־ברעג. „דורך דאַנען, אויף אַ שיף" — דערציילט זי אונדז — „האָט מען אַרויסגעפירט די פאַרמשפּטע צום הענגען... אויך אַלעקסאַנדער אוליאַנאָוון..." — פאַרגעסט זי נישט צוצוגעבן — „זייער לעצטער וועג איז געווען איבערן וואַסער..."

„צו דער תליה קיין שליסעלבורג..." — באַווייזן מיר אונדזער בקיאות.

„ניין..." — ענטפערט זי שטאָלץ — „די פעסטונג ביים פינ־לענדישן גאָלף טראָגט מער נישט דעם דייטשן נאָמען... זי הייסט פּעטראָקרעפּאָרט..."

✶

בלויז איין בנין אין דער פּעטראָפּאַוולאָווסקער פעסטונג קאָן מען נישט באַזוכן: די מינץ. אינעווייניק איז ליכטיק, מאַשינען קלאַפּן, מען זעט דורך די פאַרקראַטעוועטע פענצטער זיך דרייען

מענטשן. זי איז וואַרשיינלעך טעטיק, מען אַרבעט ווייטער דאָ אויס געלט, ווי אין די צייטן פון די צאַרישע פּיאָטערס, אַלעק־סאַנדערס, צי קאַטערינעס. האָט זיך דאָך לעגין געפּרייט מיט דער גלייך־ און לייכט־דעראַבערטער מינץ אין פּעטראָפּאַוולאָווסק און באַפּוילן באַלד, אין ערשטן טאָג פון דער רעוואָלוציע, שטורעמען פון דאַנען אויך די מלוכה־באַנק אין פּעטראָגראַד, כדי — קלערט אונדז אויף די וועגווייזערין, לענינס ווערטער:

„נישט איבערצוחזרן דעם פעלער פון דער פּאַריזער קאָמונע, וואָס האָט געלאָזט די נאַציאָנאַלע באַנק אין די הענט פון דער רעאַקציע, וועלכע האָט מיטן געדרוקטן געלט געקויפט געווער אויף צו דערשטיקן די רעוואָלוציע... דאָ, אין דער מינץ, האָט מען געגאָסן די ערשטע רעוואָלוציאָנערע מטבעות און געדרוקט די ערשטע ,טשערוואָנצעס׳, אונטער דער אויפזיכט פון לענינען...״

*

אַ שמאָלער קאַנאַל טיילט אָפּ די פעסטונג פונעם — געווע־זענעם — אַרסענאַל. עס פירט צו אים אַן אַלטע בריק.

„פון דאַנען האָבן די אַרבעטער פון ,פּוטילאָווער זאַוואָד׳ באַקומען די ערשטע טויזנטער ביקסן, אויף צו שטורעמען, אונטער לענינס אָנפירונג, דעם צאַרישן ווינטער־פּאַלאַץ...״

איז עס, פאַרשטייט זיך, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מוזעאַלן „מקום־קדוש״ פאַרן באַלשעוויסטישן רעזשים. די מאַסיווע, אויך פעסטונג־אַרטיקע געביידע, איז שוין לאַנג מער נישט קיין אַרסע־נאַל. וואָס קאָנען בכלל נוצן אַזעלכע אַרסענאַלן איז דער עפּאָכע פון אַטאָמיש וואָפן?.. פּיאָטר דער גרויסער האָט נאָך דאָ געגומען זאַמלען אַלט געווער פאַר אַ מוזיי און היינט הייסט ער „אַרטי־לעריע־מוזיי״. ער האָט, לויט מיר, געדאַרפט הייסן „מלחמה־מוזיי״, ווייל נישט בלויז האַרמאַטן זענען דאָ אויסגעשטעלט, נאָר אַלע מינים געווער און אינטערעסאַנטע מלחמה־טראָפייען. אָבער דער

נאָמען „מלחמה״ קלײדט מסתמא נישט אפילו אַ מוזיי, װען די װעלט בענקט אַזוי נאָך — שלום...

געװען — פון אַלטע סקיטישע פײַל־און־בויגן ביז דער באַ־רימטער „קאַטיושאַ״, דעם סאָװיעטישן האַרמאַט פון דער צװײ־טער װעלט־מלחמה. און צװישן זײ — פאַרשידענע מיליטערישע מונדירן פון אַלע צאַרן, מיט אַ פוטער־קאַפּטאַן און פוטער־היטל פון פּיאָטר דעם ערשטן, בראָש. אָבער נעבן זײ האָט מען אָװעק־געשטעלט די ריזיקע פאָן (3×3 מעטער) פון די „סטרעלצי״, די גװאַרדיע־אױפשטענדלער קעגן זעלבן צאַר פּיאָטר, װעלכע זענען אכזריותדיק הינגעריכטעט געװאָרן.

מיט היסטאָריש־פּאָליטישן חוש, אויב מ׳קאָן אַזוי זאָגן, זענען דאָ אויסגעשטעלט מלחמה־טראָפּײען, דעראָבערטע בײַ די דײַטשן. דאָ װײַזט מען, גאַנץ באַװוסטזיניק, אַן אַלטע געשיכטלעכע קײט. עפּעס אַ 120 פּרײַסישע מיליטער־פענער, דעראָבערטע נאָך אינעם זיבן־יאָריקן קריג (1756—1763) ; דער קעניגלעכער סטאַנדאַרד פון פרידריך דעם צװײטן, דעראָבערט דורך דער רוסישער אַרמײ אין דער באַרימטער שלאַכט פון קונערסדאָרף. און אַזוי ציט זיך אײן רײ ביז די נאַצישע פענער, דעראָבערטע בעת דער בלאָקאַדע פון לענינגראַד אין דער צװײטער װעלט־מלחמה.

בלײַב איך לענגער שטײן, באַטראַכט — און פאַרטראַכט — נעבן דאָזיקן „װאַלד״ פון דײַטשע פענער. אונדזער יונגע סטודענ־טין־װעגװײַזערין פון „אינטוריסט״ טוט מיך אַ שאָקל בײַם אַקסל:

„װאָס האָסטו זיך אַזוי פאַרקוקט אויף די פענער ?״

„איך טראַכט אַזוי, אַז דער דײַטש איז אײַער דורותלאַנגער שונא, און נישט בלויז אײַערער...״

„אַך...״ — שלאָגט זי מיר איבער און ציט מיך שוין צום אַרויסגאַנג — „נעמסט שוין רעדן װעגן פּאָליטיק ?.. און מיר האָבן דאָך אָפּגעמאַכט נישט צו באַרירן קײן פּאָליטיק...״

„אין אַדעס, אין אַדעס...״

מיט יאָרן צוריק האָב איך געוווינט אין פּאַריז, אויפן בולוואַר דע בעלוויל, פּונקט אַנטקעגן אַ יידיש קאַפע־הויז. איז די „גייס־טיקע יידישקייט״ פון דאָזיקן קאַפע־הויז באַשטאַנען פון איין יידישער גראַמאַפאָן־פּלאַטע, וועלכע מען פלעגט דאָרט אויפשפּילן יעדן פרייטיק־צו־נאַכטס. וואָך־נאָך־וואָך, ווען ס׳פלעגט נאָר קומען די צייט פון ליכט־צינדן, פלעגן זיך פונעם גראַמאַפאָן צעטראָגן ווייט איבערן בולוואַר די יידישע ווערטער, געזונגען מיט אַן אַלטער פאָלקס־מעלאָדיע:

„אין אַדעס, אין אַדעס,
אויף דער מאָלדאָוואַנקע...
אוי, אין אַדעס...״

ווען מיר זענען אַרויסגעפאָרן אויפן ערשטן שפּאַציר איבער אָדעס, האָבן מיר געגומען קלינגען אין די אויערן די ווערטער פון דאָזיקן ליד. איך בין צוגעגאַנגען צו אונדזער אָרטיקער „אינ־טוריסט״־באַגלייטערין, אַ יונג יידיש מיידל, און געפרעגט:

„וועסט אונדז פירן אויף מאָלדאָוואַנקע?״

„נישטאָ דאָרט וואָס צו זען״, — האָט זי געענטפערט, — „אַ שטאָט־קוואַרטאַל, ווי אַלע אַנדערע, מיט נייע הייזער, נייע גאַסן״.

„אָבער דאָך... נישט לאַנג צוריק, מעגלעך אַז אויך דו גע־דענקסט עס, אַנישט האָבן דיר זיכער דיינע עלטערן דערציילט. אינגאַנצן מיט עטלעכע צוואַנציק יאָר צוריק, איז דאָרט געווען אַ יידיש געטאָ, צענדליקער טויזנטער יידן זענען דאָרט אויסגע־מאָרדעט געוואָרן דורך די נאַציס...״

„נישטאָ דערפון קיין צייכן..."

פרווו איך נאָכאַמאָל:

„וועגן מענדעלע מוכר ספרים האָסטו טאַקע נישט געהערט, אָבער אַז שלום־עליכם איז געווען אַ יידישער שרייבער, ווייסטו יאָ. האָט שלום־עליכמס מנחם־מענדל דאָך געשריבן זיינע בריוו צו שיינע־שיינדלען פון מאַלדאַוואַנקע. איז נישט דאָרט געווען די גאַס קלעצק, מיטן יידישן האנדל־וואַנדל, וואָס מנחם־מענדל באַשרייבט אין די בריוו צו זיין ווייב?"

לאַכט זי:

„ניין, נישטאָ קיין זכר דערפון... ס'איז געווען אַמאָל־אַמאָל, נאָר אין די ביכלעך... כ'קען נישט אַזאַ גאַס..."

צווישן די 800 טויזנט איינוווינער פון אָדעס זענען, לויט דער „אינטוריסט"־באַגלייטערין, פאַראַן ביי 25 פּראָצענט יידן. אָבער די אָנגעטראָפענע יידן דערקלערן, אַז אין אָדעס לעבן פיל מער יידן, ווי די אָפיציעלע ציפערן גיבן אָן, און זייער פּראָפּאָרץ אין שטאָט דערגייט ביז 40, אדער אפילו ביז 50 פּראָצענט. אין אָדעס טרעפט מען יידן אומעטום: מען הערט אין גאַס, אויף אויטאָבוסן, רעדן יידיש. מער ווי אומעטום האָבן אונדז יידן אָפּגעשטעלט אויף די גאַסן; מען טרעפט זיי אין די עפנטלעכע אַמטן, ווי באַאַמטע, ווי פאַרקויפער אין די געשעפטן. אָדעס איז דאָס איינציקע אָרט אין ראַטנפאַרבאַנד, וווּ כ'האָב געטראָפן אין אַ צייטונג־קיאָסק אַרויסגעשטעלט „סאָוועטיש היימלאַנד".

פרווון מיר פרעגן אויף יידיש קולטור־לעבן אין שטאָט, ענטפערט אונדז אַ ייד, מיט וועלכן מיר האָבן זיך צערעדט אין אַ סקווער:

„יאָ... בלויז אין בית־הכנסת, ווער עס וויל גיין דאַוונען..."

ווייסט נישט אונדזער „אינטוריסט"־באַגלייטערין — „איך בין דאָך נאָך דעמלט אויף דער וועלט נישט געווען..." שמייכלט זי — אַז שוין אונטערן סאָוויעטישן רעזשים, אין יאָר 1926, איז דאָ

געגרינדעט געוואָרן אַ מוזיי אויף מענדעלעס נאָמען, כאָטש זי האָט דעם נאָמען נישט געהערט; און די גרויסע יידישע עפנט־לעכע ביבליאָטעקן זענען פאַרייניקט געוואָרן אין איין גרויסער „מענדעלע־ביבליאָטעק״. פרווט וועגן דעם נאָכפאָרשן דער פירער פון אונדזער גרופּע, צבי אסף. זיין פאַרשטאָרבענער ברודער, הרב פּראָפ׳ שמחה אסף, זייענדיק דאָ ראש־ישיבה (1915—1919), האָט אַזוי אויסגעברייטערט די ישיבה־ביבליאָטעק, אַז זי האָט צוגעשטעלט דעם גרעסטן טייל ביכער און כתבֿ־ידן פאַר דער שפּעטערדיקער אָדעסער „מענדעלע־ביבליאָטעק״.

„ניין, כ׳ווייס גאָרנישט... נישט געהערט וועגן דעם...״ — ענטפערט זי.

האָב איך, ווי ס׳פירט זיך ביי יידן, געפּרוווט: „הבה ונחזה...״, מיר וועלן נאָכקוקן.

ווי אין אַלע סאָוויעטישע שטעט, וואָס מיר האָבן באַזוכט, האָב איך אויך אין אָדעס געקויפט דעם אָפיציעלן וועגווייזער פאַר טוריסטן, וואָס איז אַרויסגעגעבן אין פאַרשידענע שפּראַכן. אַ בוך פון קנאַפּע 200 זייטן, וואָס טראָגט דעם נאָמען „קומט קיין אָדעס״. ליגט פאַר מיר דאָס דאָזיקע בוך (אין פראַנצויזיש) — איך מיש און לייען עס צום וויפלטן און ווּפלטן מאָל — נישט דערמאָנט דאָרט, נישט אין דער געשיכטע, נישט אין דער קעגנ־וואַרט, דאָס וואָרט יידן, אָדער עפּעס יידישס. די געשיכטע פון דער שטאָט הויבט זיך אָן מיטן „אוקאַז פון יעקאַטערינאַ די צווייטע פון רוסלאַנד״, ווו זי רעדט מיטן אַלטן לשון פון „פלוראַליס מאַיעסטאַטיס״, באַפעלנדיק דעם „גענעראַל פירשט סוואָראָוו־רימניקסקי״ אויפצובויען דעם נייעם פּאָרט. באַפּולמעכטיקט דורכן דאָזיקן „אוקאַז״, האָט „דער גרויסער סוואָראָוו״, ווי עס טיטולירט אים דאָס סאָוויעטישע ביכל, אויפן אָרט פון טערקיש־טאַטאַרישן יישוב כאַדזשי־ביי, געגרינדעט אין 1794 די שטאָט אָדעס. צו וואָס־זשע דערציילן, אַז ווען סוואָראָוו האָט איינגענומען כאַדזשי־ביי,

האָט ער דאָרט געטראָפֿן זעקס יידישע משפּחות און זיך געפרייט: „זיי וועלן מיר אויפבויען אַ האַנדלס־פּאָרט...״? פינף יידן האָבן אין גרינדונג־יאָר פון דער שטאָט, אין 1794, באַקומען פון סוואָראָוון, צווישן די ערשטע אין אָדעס, צוגעטיילט פּלעצער צו בויען הייזער און געוועלבער. אויפן אַלטן יידישן בית־עלמין איז פאַרבליבן אַ מצבה נאָך פון אַ יאָר פריער, פון תקנ״ג. לייענען מיר אין דעם ביכל: „בולגאַרן, סערבן, גריכן, אַלבאַניער האָבן דאָ געפונען אַ מקום־מקלט״ און געהאָלפן בויען די שטאָט. יידן?.. „אָדעס איז צום מערסטן באַפעלקערט געוואָרן דורך אוקראַינער און רוסן״, דערציילט מען אין „קומט קיין אָדעס״. אין 1795, אַ יאָר נאָך איר גרינדונג, זענען 10 פּראָצענט פון דער אָדעסער באַפעלקערונג געווען יידן, — שטעלט פעסט פּראָפ׳ ב. דינור. רימט זיך דאָס סאָוויעטישע ביכל, אַז אין 1797, דריי יאָר נאָך דער גרינדונג פונעם פּאָרט, זענען שוין פון אָדעס אָפּגעשווומען 50 שיפן מיט תבואה קיין מערב־אייראָפּע. אָבער, אַז זיי זענען געלאָדן געוואָרן דורך יידישע סוחרים און אונטערנעמער — וועמען אינטערעסירט דאָס?.. איז, פאַרשטייט זיך, נישטאָ וואָס צו זוכן קיין זכר, קיין אָנדענק, וועגן גרויסן און גלאָררייכן יידישן קולטור־ און ליטעראַרישן לעבן אין אָדעס, וואָס האָט צענדליקער יאָרן געשטראַלט איבער דער גאָרער יידישער וועלט; אָדעס, — וואָס איז ביז דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע געווען די צווייט־גרעסטע און צווייט־וויכטיקסטע יידישע שטאָט אין רוסלאַנד, נאָך וואַרשע.

אָבער צבי אסף וואָלט דאָך געוואָלט עפּעס געפינען און ער פּרוווט ביי אונדזער באַגלייטערין:

„איך האָב דאָ, אין אָדעס, אויף באַזאַרנאַיאַ־גאַס 35, געלערנט אין אַ ישיבה, וואָס מיין ברודער האָט אָנגעפירט; מיר האָבן דאָ דורכגעלעבט די ערשטע וועלט־מלחמה, אפילו די גאַנצע אָקטאָבער־רעוואָלוציע...״

„ישיבה?.. ישיבה?..״ — וווּנדערט זיך די „אינטוריסט״־באַ־

אונדזער גרופּע אין אָדעס, אויף די גרויסע טרעפּ, באַקאַנטע פונעם פילם „קרייצערשיף פּאָטיאָמקין“

גלייטערין, די יונגע יידישע סטודענטין — „נישט געהערט... וואָס איז דאָס אַזעלכעס?..״

קאָסט עס אספן ממש געזונט:

„נישט בלויז מיין ברודער, אין דער ישיבה זענען דאָך געווען לערער חיים־נחמן ביאַליק, יוסף קלויזנער — איר פאַרשטייט?..״

„וואָס פאַרלאַנגסטו אַ ישיבה?״ — מיש איך זיך אַריין, — „שוין מיט העכער הונדערט יאָר צוריק, אין 1864, האָבן דאָ יידן געגרינדעט, פאַר יידישע יוגנטלעכע, אַ פאַכשול מיטן דערהויבענעם נאָמען ,טרוד׳, ,האַרעוואַניע׳ — דאָס האָט דאָך זיכער געדאַרפט פאַרצייכנט ווערן אין היינטצייטיקן אָדעסער האַנטבוך...״

אָט גייען מיר איבער די באַרימטע אָדעסער טרעפּ, וואָס פירן פון פּאָרט אַרויף צו דער געביידע פון שטאָטישן סאָוויעט און געוועזענעם פּאַלאַץ פון פּרינץ רישעליע. שיין איז דער דאָזיקער אָפיציעלער פּלאַץ מיט די קיילעכדיקע פּראָנטן אין די בנינים. אָבער קאָלאָסאַל ווירקן די טרעפּ. פּרייט זיך די באַגלייטערין, ווען מען זאָגט, אַז מען קען די טרעפּ. ווער עס האָט געזען אייזנשטיינס מייסטער־פילם „קרייצערשיף פּאָטיאָמקין״ — זענען אים די טרעפּ איינגעקריצט אין זכרון, ער דערקענט זיי פון ווייטן. אויפן פּלאַץ, אויבן, שטייט איין איינציקער דענקמאָל. נישט לענינס, נישט פון קיין אַנדערן באָלשעוויסטישן פירער, — נאָר פון פּרינץ אַרמאַן רישעליע. געווען איז ער אַ פראַנצויזישער ראַיאַליסט, אַ מקורב פון לואי דעם 14־טן. ער איז אַנטלאָפן פאַרן צאָרן פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע און געפונען אַ מקלט אין דער זיך־בויענדיקער נייער שטאָט, אָדעס. ער האָט טאַקע געהאָלפן אין איר בוי און פאַר זיך אַליין אויפגעבויט אַ גרויסן פירשטלעכן פּאַלאַץ. ער איז אַ צייט געווען איינער פון די אָדעסער „שטאָט־טאַטעס״. האָבן נאָך די צאַרן אויפגעשטעלט דעם דענקמאָל פאַר זייער „געטרייען אויסלענדישן דינער״. ווערט זיין אָנדענק און נאָמען אָפּגעהיטן אויך אין סאָוויעטישן אָדעס. פאַרוואָס־זשע זענען

אַנדערע, גרעסערע צי קלענערע, בויער פון דער שטאָט, נישט זוכה כאָטש דערמאָנט צו ווערן?

יענע האָבן קיין פרינצן־טיטלען נישט געטראָגן אויף זייערע פּלייצעס, נאָר תכלתדיקע טליתים?..

פרעגן מיר עס איינער דעם צווייטן, שפּאַצירנדיק איבער די גאַסן פון אָדעס אין אַ הייסן פאַרנעם אָוונט.

הייס, און ס׳ווילט זיך טרינקען. טרעפן מיר נישט קיין סאָדע־וואַסער־אויטאָמאַט, נאָר אַן אַפּאַראַט, ביי וועלכן עס זיצט אַן אַלטע פרוי, פאַרקויפנדיק פאַר דער זעלבער קאָפּיקע אַ גלאָז קאַלטן געטראַנק. שטעלן מיר זיך אין דער ריי, מיט קאָפּיקעס אין די הענט. הערט די פרוי, וואָס פאַרקויפט, ווי מיר רעדן צווישן זיך יידיש, זאָגט זי אין יידיש צו דעם ערשטן פון אונדז, וועלכער איז צו איר צוגעקומען:

„טרינקט קאַלטן סעלצער־וואַסער, טרינקט, האָט הנאה און זאָל אייך זיין צום געזונט, נאָר פאַרגעסט נישט צו מאַכן אַ ,שהכל׳...״ — און גיט גלייך צו — „יידן פון אַמעריקע, האָ?״

„ביין, מומעשי, פון ישראל״.

„האָ?!..״

די פרוי האָט זיך איינגעקוקט אין אונדז. איר האַנט האָט גענומען ציטערן, זי האָט אינסטינקטיוו אָפּגעלאָזט דעם קראַן און די גלאָז האָט זיך פון דער צווייטער האַנט אַרויסגעגליטשט אויפן טישל אַרויף. דער אָטעם האָט זיך איר פאַרהאַקט:

„פון ישראל?.. יאָ?.. טאַקע?..״

מער האָט זי נישט געקאָנט רעדן. זי האָט אויסגעטאָן די ברילן און מיטן אַרבל געווישט די אויגן.

אין דער ריי האָט מען זיך איבערגעקוקט, נישט וויסנדיק וואָס דאָ איז געשען.

און מיט מיר איז דאָ געשען אַ מאָדנער, ממש אומגלויבלעכער צופאַל. איך בין געווען דער לעצטער אין דער ריי פון אונדזער

גרופּע. ווען כ׳האָב באַקומען מיין גלאָז סאָדע־וואַסער, האָב איך דערפילט, אַז דער וואָס שטייט הינטער מיר, שטויסט מיך עפּעס. כ׳האָב זיך אומגעדרייט. פאַר מיר איז געשטאַנען אַ מענטש אָן ביידע הענט. אַ גאַנצע ריי קאָלירטע בענדלעך פון מעדאַלן זענען געווען אָנגעגנייט אויף זיין ברוסט. ער האָט פריינטלעך געשמייכלט און גערעדט צו מיר אין רוסיש. איך האָב זיינע ווערטער נישט פאַרשטאַנען, נאָר גלייך געכאַפּט וואָס ער וויל. איך האָב אַרויסגענומען פון זיין קעשענע אַ קאָפּיקע, באַצאָלט און דערלאַנגט אים די גלאָז סאָדע־וואַסער צום מויל. די יידישע פאַרקויפערין האָט זיך דערוווּיל באַרואיקט און גערעדט צום אינוואַליד, הויך אויפן קול, אַז אַלע אַרום האָבן געהערט:

„דו ביסט דאָך אַ העלד, וואַסילי אַלעקסייעוויטש, יאָ, איך ווייס... אָבער פרעג זיי״ — האָט זי אָנגעוויזן אויף אונדז — „זיי וועלן דיר דערציילן: אויך מיר, יעווריעין, האָבן העלדן, אַ סך, גרויסע העלדן, אין אונדזער לאַנד... אָט־זיי קומען פון דאָרט. יאָ... פון ישראל... אויך מיר האָבן העלדן, מיר, יעווריעין!.. בעט זיי, אדרבה, זיי וועלן דיר דערציילן!..״ — און ווידער האָבן זיך איר געגאָסן טרערן פון די אויגן.

אין מאַרמאָר איז פאַראייביקט דער פראַנצויזישער פּרינץ רישעליע; אין די ביכער: „בולגאַרן, גריכן, אַלבאַניער, סערבן...״ נאָר אין די טרערן פון דער פרוי — אונדזער „טרוד״־שול, די ישיבה פון פּראָפ׳ אסף, די „חובבי ציון״, וואָס האָבן געשטראַלט פון אָדעס...

„נישט בלויז מענדעלע און נישט בלויז שלום־עליכם״, — פרווון מיר אויפקלערן אונדזער יידישער „אינטוריסט״־באַגלייטערין — „האָבן געלעבט און געשריבן אין אָדעס... אויך ליליענבלום, לעווינסקי, פרוג, ביאַליק, קלויזנער, ראַווניצקי...״

„וואָס? וואָס?..״ — רייסט זי איבער — „אַזויפיל יידישע שרייבער?..״

גע זע ן און געהערט אין ראַטנפאַרבאַנד

איינער פון אונדז שטעלט זיך פלוצלינג אָפּ, אין דער הייסער אָדעסער נאַכט:

„עס קאָן דאָך גריילעך זיין, אַז אויף דער גאַס, און אפשר אין אַט־דעם הויז, האָט פינסקער געשריבן זיין ,אויטאָעמאַנציפּאַציע׳...״

האָבן זיי נישט קיין דענקמעלער דאָ, אפילו נישט קיין מצבות אויף זייערע קברים און ווערן נישט דערמאָנט אין די „וועגוויי־זער״־ביכער, וואָס רופן קיין אָדעס...

נאָר זייער זכר לייכט אין די טרערן פון דער אַלטער יידישער פרוי. האָבן אונדז די טרערן נאָכגעפינקלט אין דער נאַכט אַריין, ווי עס האָבן אונדז נאָכגעקלונגען אירע ווערטער:

„אויך מיר האָבן העלדן... יאָ...״

און אין די אויערן קלינגט מיר די אַלטע מעלאָדיע מיט אַזאַ טרויעריקן טאָן:

„אין אַדעס, אין אַדעס,
אויף דער מאָלדאָוואַנקע...
אוי, אין אַדעס...״

אויף די קברים
פון מענדעלע מוכר־ספרים
און שמעון פרוג

אינעם אָריגינעלן פּלאַן פון אונדזער אויספלוג קיין ראַטנ־פאַרבאַנד, איז נישט געווען איינגעשלאָסן אַ באַזוך אין אָדעס. איך האָב פאַרגעלייגט אַראָפּצונעמען אַ טאָג פון מאָסקווע און אַ טאָג פון לענינגראַד און מאַכן כאָטש אַ צוויי־טאָגיקן באַזוך אין אָדעס.

„פאַרוואָס עפּעס דווקא אָדעס?" — האָט מען מיך געפרעגט.

„ערשטנס, איז עס איינע פון די גרעסטע יידישע קהילות אין ראַטנפאַרבאַנד היינט־צו־טאָג; צווייטנס, איינס פון די וויגעלעך פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור, און, אחרון־אחרון, איך וויל זיין אויפן קבר פונעם זיידן פון דער יידישער ליטעראַטור, מענדעלע מוכר ספרים..."

אינטערעסאַנט: דוכט מיר, אַז דער לעצטער מאָטיוו האָט צום מערסטן איבערצייגט... אַלע האָבן צוגעצאָלט פאַר אַ פּלי פון קיעוו קיין אָדעס און די שטאָט איז איינגעשלאָסן געוואָרן אין אונדזער מאַרשרוט.

אָבער נישט אַזוי לייכט איז געווען צו קומען אויף מענדעלעס קבר.

מיר האָבן זיך גענומען נאָכפרעגן וועגן דעם קבר און פאָדערן אונדז אָוועקצופירן צו אים, גלייך ווי מיר זענען אָנגעקומען קיין אָדעס.

יעדע גרופּע טוריסטן באַקומט פון „אינטוריסט" אַ באַגלייטערין, וואָס פאָרט־מיט מיט דער גרופּע פונעם אָנקום אין לאַנד

אַריין, ביז דער גרענעץ, ווען די גרופּע פֿאַרלאָזט דעם ראַטנפּאַר־באַנד; זי זאָרגט וועגן די האָטעלן, באַנען, בילעטן, אויספֿלוגן. זי פֿאָרט אומעטום צוזאַמען מיט דער גרופּע, שלאָפֿט אין זעלבן האָטעל, עסט צוזאַמען מיט איר. אויסער דעם ווערט דער גרופּע צוגעטיילט אין יעדער שטאָט אַן אָרטיקע פֿירערין. אונדזער אָר־טיקע „אינטוריסט״־פֿירערין אין אָדעס איז געווען אַ יידיש מיידל. זי האָט געזאָגט, אַז זי קען נישט רעדן קיין יידיש, הגם אירע „על־טערן רעדן צווישן זיך שטענדיק יידיש״, זי האָט אָבער געגוי פֿאַרשטאַנען, וואָס מען האָט צו איר גערעדט אויף יידיש, נאָר געענטפֿערט אין — דייטש... זענען מיר געווען צופֿרידן — עס באַגלייט אונדז אַ יידיש־קינד און יעדער פֿון אונדז קאָן מיט איר שמועסן.

אָבער ווער מענדעלע איז געווען — האָט זי נישט געוווסט.

„מענדעלע מוכר ספרים?..״ — האָט זי געריבן דעם שטערן — „ביכער־פֿאַרקויפֿער, האָט איר געזאָגט?.. פּסעוודאָנים פֿון אַבראַ־מאָוויטש?.. ניין, נישט געהערט. אפֿשר מיין טאַטע ווייסט, ער לייענט אַמאָל יידישע ביכלעך... איין יידישן שרייבער קען איך בלויז — שלום־עליכם! זיין טאָכטער און איידעם, פֿון אַמעריקע, זענען נישט לאַנג צוריק דאָ געווען. איך האָב אויך זיי אַרומגע־פֿירט איבער אָדעס... אָבער מענדעלע?.. איך ווייס נישט...״

דעם צווייטן טאָג, נאָכמיטאָג, האָט זי אונדז, מיטן „אינטור־ריסט״־אויטאָבוס געפֿירט „צום קבר פֿון יידישן שרייבער, וואָס איר ווילט זען״. זענען מיר געווען זיכער, אַז זי ווייסט עפּעס געגנויעס.

מיר זענען אָנגעקומען צו אַ יידישן בית־עולם. ביים טויער — ווי אויף יידישע בית־עלמינס אויף דער גאַנצער וועלט — בעט־לער, קאַליקעס, וואָס רייסן ביי די פּאָלעס; חזנים, סתם „אל־מלא־רחמים״־זאָגער; מען באַפֿאַלט די באַזוכער, בפֿרט, ווען דאָ האָט מען גלייך דערפֿילט, אַז דאָס זענען אויסלענדער...

די מצבה אויפן קבר פון מענדעלע מוכר ספרים, אין אָדעס

„ווו געפינט זיך דער קבר פון מענדעלען?..״

„וואָסער ר׳ מענדעלע?.. דער אָדעסער רב זכרונו לברכה?..״

בקיצור, קיינער ווייסט נישט. אויך נישט אין דער ביוראָ פון בית־עלמין. דאָרט זיצט אַ ייד, וועלכער פירט די רשימה פון די לוויות, אין רוסיש בלויז. דער ייד דערקלערט אונדז, אַז דער דאָזיקער בית־עלמין איז אַ פאַרהעלטנישמעסיק נייער, דאָ איז זיכער נישטאָ וואָס צו זוכן. „אָבער אַלטע בית־עלמינס איז געווען אַ סך... זיי זענען לרוב שוין צעשטערט... איר וועט נישט געפינען... מענדעלע, זאָגט איר?.. נישט געהערט...״ אין דעם קומט צו, א פּאַרסאַפּעטע, אַן אַלטע פרוי, איינע פון די טהרה־יידענעס:

„וועמענס קבר זוכט איר? מענדעלעס? מענדעלע מוכר ספרים... איך ווייס, איך געדענק דאָך אים, כ׳בין געווען אויף זיין לוויה אויך... די גאַנצע שטאָט איז דעמלט געגאַנגען... אָבער נישט דאָ, נאָר אויפן אַלטן בית־עלמין, נאָכן וואָקזאַל...״

די פרוי דערקלערט אונדזער שאָפער אין רוסיש, ווו דער אַלטער בית־עלמין געפינט זיך און מיר פאָרן ווייטער. אין צווייטן עק שטאָט, צווישן פאַבריקן איןביידע זייטן שאָסיי, שטעלן מיר זיך אָפּ נעבן אַ רויט־ציגלנעם פאַרקאַן, אויף וועלכן דער שאָפער ווייזט אָן: „דאָ איז עס״.

מיר גייען אַריין אין עפּעס אַ פאַבריק־טויער, וואָס איז אַמאָל מסתמא געווען דער אַריינגאַנג צום בית־עלמין. פאַבריק־געביידעס אויף לינקס, אויף רעכטס — דער אָפענער בית־עלמין. מען זעט גלייך שטייענדיקע און אומגעוואָרפענע מצבות, צווישן ווילד־צעוואָקסענע ביימער און דערנער. אַ יונגער אַרבעטער, נישט קיין ייד, וועלכער געפינט זיך אויפן הויף, דערקלערט זיך גרייט אונדז צו ווייזן, וואָס מיר זוכן. ער פאַרשטייט גלייך:

„אַ דענקמאָל פון די אָדעסער אַרבעטער אויפן קבר פון אַ גרויסן פיסאַטעל...״

און אָט איז דער קבר פון „זיידן״.

אַ גראַניטענער בלאָק פון אַ רויטלעכן קאָליר, אַ דריי מעטער די הויך, וואָס טראָגט אין פראָנט דעם אויפשריפט אין יידיש: „דעם זיידן פון דער אידישער ליטעראַטור מענדעלע מויכער ספאָרים, ש. י. אַבראַמאָוויטש, געבוירן דעם 1836.XII.20 — געשטאָרבן דעם 1917.XII.8”. אונטערגעשריבן: „אין נאָמען פון די אָדעסער אַר־

דער פאַרשוועכטער קבר פון שמעון פרוג אויפן אַלטן אָדעסער בית־עולם

בעטנדיקע — אָדעסער קרייזאויספירקאָם, אָדעסער שטאָט־ראַט”. אונטן — דער זעלבער אויפשריפט אין אוקראַיניש. דער קבר, צוזאַמען מיט דער מצבה, איז גוט אַרומגעצוימט מיט אייזערנע שטאַכעטן.

ווילד־גראָז וואַקסט שוין אַרום, געדיכטעביימער צעצווייגן זיך און נעמען פאַרדעקן די מצבה, אָבער זי שטייט פעסט, זעט זיך גוט אַרויס. נאָר ווען איך האָב אַ קוק געטאָן אויף לינקס פון מענדעלעס קבר, האָב איך אַזש אַ געשריי געטאָן:

„זעט נאָר!..”

האַרט נעבן מענדעלען ליגט דער יידיש־העברעישער שרייבער א. ל. לעווינסקי. זיין אָריגינעלע מצבה (ער איז געשטאָרבן אין 1910), אַ גראָבער ליגנדיקער גראַניט־בלאָק, איז דאָ, נישט גע־רירט. אָבער דערנעבן, אויך אויף לינקס, — אַ צעשטערטער קבר, פאַרוואָרפן מיט שמוץ, צעטראָטן, באַוואַקסן מיט גראָז; אַ קבר, אויף וועלכן עס שטייט אַ שטיקל פון אַ צעבראָכענער מסתמא מצבה, אַ העלער קליינער שטיין מיטן אויפשריפט: „שמעון פרוג".

מער גאָרנישט.

דאָס איז דער קבר פון דעם גרויסן יידישן פאָלקס־דיכטער, וועמענס פּופּציקסטע יאָרצייט עס האָט פונקט דעמלט אַזוי ברייט אָפּגעמערקט די גאַנצע יידישע קולטור־וועלט.

מיר זענען לאַנג שווייגנדיק געשטאַנען נעבן די קברים.

דער אויפגעהיטענער קבר פון „זיידן", און דער צעטראָטענער קבר פון איינעם פון זיינע ערשטע „אייניקלעך".

האָט איינער פון אונדז זיך דערמאָנט אין פרוגס שורות:

„און איינס איז שוין טאַקע מקוים געוואָרן —
דאָס פיל איך, דאָס ווייס איך געוויס:
מיר זענען געוואָרן ווי זאַמד, וואָס איז הפקר,
וואָס יעדערער טרעט מיט די פיס..."

„האָט פרוג נביאות געזאָגט וועגן זיין אייגענעם קבר?.."

דאָס איז אַן אַלטער בית־עלמין. ווער ווייסט וויפל יידישע גייסטיקע גדולים עס ליגן באַגראָבן צווישן די דאָזיקע ווילד־צע־וואָקסענע ביימער און דערנער! די מערהייט מצבות זענען אומ־געוואָרפן, צעבראָכן. פאַרביי מענדעלעס און פרוגס קברים גייט דורך אַ שטעג, וואָס פירט פון אַ צווייטער פאַבריק, ביי דער אַנדערער זייט בית־עולם. אַרבעטער גייען דאָ אַריבער, עס פאַר־קירצט דעם וועג. מיר האָבן געפּרוווט זוכן צווישן די צעבראָכענע און אומגעוואָרפענע מצבות, אָבער עס איז שווער צוצוקומען און

שווער עפעס צו געפינען. בפרט, ווען דער שאָפער פייפט אומ־געדולדיק און יאָגט שוין...

פון דער ווייטן, הינטער מענדעלעס קבר, זעט זיך אַ גרויסע שוואַרצע מצבה־וואַנט, מיט אַן אויפשריפט אין העברעיש — אַ ברידער־קבר פון די קרבנות פון די „פרעות נגד היהודים בשנת תרס״ו". דאָרט ליגן מסתמא באַגראָבן די קרבנות פון די אַנטי־יידישע עקסצעסן אין 1905, ווען עס זענען אומגעקומען העכער 300 יידן, צווישן זיי — מער ווי 50 פון יידישן זעלבשוץ. אָבער ס'איז אונדז אומעגלעך געווען זיך צו דערנענטערן אַהין, צוליב די דערנער און שטיינער...

מיט שווערע הערצער זענען מיר אַרויס פון בית־עלמין.

וועט ער דען לאַנג בלייבן אפילו אין דעם צושטאַנד?..

דאָס איז נישט סתם קיין אַלטער בית־קברות, נאָר אַ היסטאָ־ריש־יידישער בית־עלמין. ער דאַרף ווי אַזעלכער קלאַסיפיצירט און געהיטן ווערן, טאַקע דורכן אָדעסער שטאָט־ראַט. און וואָס שנעלער דאַרפן די „אָדעסער אַרבעטנדיקע", וואָס האָבן געזאָרגט פאַר מענדעלעס מצבה, שטעלן דעם געהעריקן דענקמאָל אויפן קבר פונעם דיכטער, וועלכער האָט געזונגען:

„...געזונט זאָלן זיין די הענט מיט מאָזאָליעס,
דער שטערן, פון וועלכן עס גיסט זיך דער שווייס!"

★

אַ שיינער האַרבסט־פאַרנאַכט איז געשטאַנען איבער אָדעס. ווען מיר זענען צוריק איינגעשטיגן אין אונדזער אויטאָבוס. געווען ביים „זיידן"...

ווו נעמט מען „דאָס ווינטשפינגערל", וואָס זאָל לעבעדיק מאַכן אפילו די „קליינע מענטשעלעך", קאַפּוליע, טונעיאַדעווקע... האָבן זיך ביי זיין קבר אַרויסגעריסן פון האַרץ בלויז די ווערטער פון זיין „פריזיוניק": „צרות האָבן זיי געהאַט מיט עטלעכע

טויזנט יאָר צוריק, צרות אַזעלכע האָבן זיי אַצינד, און ווען די אַלע צרות וועלן האָבן אַן עק, ווייסט נאָר איין גאָט"...

און אין יענעם שיינעם אָדעסער פאַרנאַכט אַריין, האָט ווי געזונגען פרוג פון זיין פאַרשוועכטן קבר אַרויס:

„ריין און ליכטיק איז דער הימל...

— — — — — — — —

זומער, ווינטער, הערבסט און פרילינג,
בלייבט אין אים דער אַלטער שמערץ..."

„...פּאַרט אַ ייד קיין טשערנאָוויץ
ניט פּאַרוויינטע אויגן..."

און אָט איז דער לעצטער וועג־אָפּשניט פון אונדזער רייזע אויף דער סאָוויעטישער טעריטאָריע — מיט דער באַן פון אָדעס צו דער סאָוויעטיש־רומענישער גרענעץ.

ווען מיר זענען איינגעשטיגן אין צוג, אויפן אָדעסער וואָק־זאַל, איז דער ייד שוין געזעסן, אין זעלבן וואַגאָן, אין איין קופּע צוזאַמען מיט נאָך דריי אַרבעט־חברים. ער האָט אונדז באַגריסט גלייך ביים איינשטייגן און מיט אַ שיינענדיק פּנים געדריקט יעדן באַזונדער די האַנט:

„פון ישראל!.. יידן פון ישראל!.. שלום עליכם! שלום!.."

דעם גאַנצן וועג ביז דער רומענישער גרענעץ, העכער זיבן שעה, איז ער פון אונדז נישט אָפּגעטראָטן. פון קופּע זענען זיינע חברים, נישט קיין יידן, געקומען אים רופן עסן — ער איז נישט געגאַנגען, איבערגעכאַפּט עפּעס מיט אונדז, ס'איז אים אַ שאָד געווען אונדז צו פאַרלאָזן אויף אַ מינוט.

„ווען נאָך קאָן איך זיך אַזוי אָנוואַרעמען, אָנברידערן, אויב איר ווילט..." — האָט ער זיך „פאַרענטפערט", פאַר אונדז, נישט פאַר זיינע חברים...

אַ ייד פון טשערנאָוויץ. 42 יאָר אַלט. זיין יידיש איז שיין, אפילו ליטעראַריש. ער האָט נאָך באַוויזן, פאַרן מלחמה־אויסברוך, „אַריינצוכאַפּן" אַ יידישע שול, טאַקע אין טשערנאָוויץ, זיין גע־בוירן־שטאָט. אָבער נישט דעם שרייבט ער צו זיין ריינעם יידיש־לשון:

„נישטאָ מסתמא נאָך אַזאַ יידישע שטאָט אין ראַטנפאַרבאַנד, ווי ס'איז טשערנאָוויץ. נישט בלויז ווייל אַ זיבעציק פּראָצענט פון די איינוווינער זענען יידן — העכער זיבעציק טויזנט יידן, קיין עין הרע! — נאָר עס לעבט אין שטאָט אַן אַלטע טראַדיציע פון יידישקייט און יידיש־לשון. מיין טאַטע, כאָטש ער איז געווען אַ פרומער ייד, ווייט פון י. ל. פּרצס יידיש און ד"ר זשיטלאָווסקיס יידישיזם — האָט מיר אָבער שטענדיק דערציילט וועגן דער ,טשערנאָוויצער קאָנפערענץ', וועלכע ער האָט בייגעוווינט; וועגן די גרויסע יידן, וואָס האָבן אין איר אָנטיילגענומען, און ער איז נישט מודה־זייענדיק זיך אין דעם, געווען שטאָלץ דערמיט. דוכט מיר, אַז אַזוי ווי מען דאַרף אין מאָסקווע קענען רוסיש און אין פּאַריז פראַנצויזיש, מוז מען ביי אונדז אין טשערנאָוויץ קענען יידיש, כדי זיך צו באַוועגן אין שטאָט" — זאָגט ער מיט נישט־פאַרבאָרגענער גאווה, נאָר קרעכצט באַלד אָפּ — „אָבער..."

און ס'הויבן זיך אָן די „אָבערס".

ער האָט אַ פרוי, מיט צוויי קינדער, וועלכע לערנען שוין אין מיטלשול. ער פאַרדינט — ביי נישט קיין ספּעציפיש־„יידיש" פאַך — 120 רובל אַ חודש און דערצו נאָך אַ שיינע פּאָר רובל פון פּרעמיעס. זיין פרוי אַרבעט אויך און פאַרדינט אַ באַזע־לוין פון 100 רובל אַ חודש. זיי ברענגען צוזאַמען אַהיים יעדן חודש מינימום 240 רובל.

„נו, גייט דאָך אייך גוט" — רופט זיך אָפּ איינער פון אונדז — „און מיט אונדז קיין ישראל וואָלט איר זיכער נישט געפאָרן..."

אונדזער גאַסט אין קופּע ווערט ערנסט, קוקט אונדז אַ ווײַלע שטום אָן און ענטפערט:

„ניין... כ'וואָלט נישט געפאָרן..." — און גיט צו אָפּקרעכצנדיק, אָבער אַנטשלאָסן — „איך וואָלט נישט געפאָרן, נאָר געגאַנגען צופוס, ווען מען זאָל מיר נאָר דערלויבן..."

נישטאָ קיין שום יידיש־געזעלשאַפטלעך לעבן, קיין שום יידי־

שע קולטור־טעטיקייט, נאָך וואָס „עס בענקט זיך אַזוי...״ פֿאַראַן יידישע שרייבער, אפילו גאַנץ באַקאַנטע אוןֹ טאַלאַנטפולע, אין טשערנאָוויץ. אָבער זיי האָבן נישט ווו זיך צו דרוקן אין יידיש. נישט אין אַזאַ יידישער שטאָט, ווי טשערנאָוויץ גופא, נישט אין דער הויפטשטאָט פון אוקראַינע, קיעוו. זיי דערשיינען קיינמאָל נישט פאַרן יידישן עולם, קיין שום יידישע קולטור־אימפּרעזע קומט נישט פאָר. טשערנאָוויץ איז איינגעשלאָסן אין אוקראַינע, איז מען, דערציילט ער, „ביי אונדז נאָך פויפּסטלעכער ווי דער פויפּסט...״ און מען באַמיט זיך אַלץ צו אוקראַיניזירן, אויף אַלע געביטן „מיט אַ שאַרפער און גראָבער האַנט״.

„בפרט אין אַ שטאָט ווי טשערנאָוויץ, ווו די יידן, מיט זייער יידישער טראַדיציע, קאָנען זיין אַ ,סכנה׳ פאַרן ,אוקראַיניזם׳... איז שוין ביי אונדז יאָרנלאַנג נישט געווען קיין יידישע טעאָטער־פאָרשטעלונג, נישט קיין איין עפנטלעכער אַרויסטריט פון אונ־דזערע אייגענע יידישע שרייבער, וועלכע לעבן צווישן אונדז״.

„און וואָס איז מיטן יידישן רעליגיעזן לעבן?״

יידישע יום־טובים — דערציילט אונדזער מיטפאָרער — ווערן אָפּגעהיט און געפּראַוועט, אין די מעגלעכע ראַמען, דורך דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג. אפילו די, וועלכע זענען נישט רעליגיעז און האָבן נישט קיין גרויסע צוגעבונדנקייט צו רעלי־גיעזע טראַדיציעס, ווערן מיטגעצויגן — שכנים און קרובים דער־מאָנען שוין. „נישט בלויז מען באַקט מצות אויף פסח, נאָר מען עסט זייער פיל כשר פלייש, כאָטש עס קאָסט אַ סך טייערער, און מען בויט אפילו סוכות...״ אָט איז ער אַליין נישט פרום. וווינט ער אין אַ הויז פון זעכצן דירות, ווו אַלע איינוווינער זענען יידן און „דריי טראַדיציאָנעל־רעליגיעזע שכנים אין הויז דערמאָנען און ווירקן אין דער ריכטונג אויף אונדז אַלע...״

איז ווידער אַ שווערער „אָבער...״

אין גאַנץ טשערנאָוויץ, פאַר אַ קהילה פון ז י ב ע צ י ק

טויזנט נפשות, איז נישטאָ מער ווי איין בית־כנסת, ווי איז דאָס מעגלעך?

„ס'איז געווען מער. מען האָט אַלע געשלאָסן אין דער כרושטשאָוו־צייט, בעת די פּראָצעסן פאַר ,ווירטשאַפטלעכע פאַרברעכנס'...״ — ער פאַרקלערט זיך אַ ווײַלע, ווי זוכנדיק די געהעריקע אויסדרוקן — „עס זענען טאַקע געווען בראש פון אייניקע בתי־מדרשים פאַרברעכערישע טיפּן. זיי זענען נאָך דער מלחמה געקומען פון ,אַלדי שוואַרץ יאַר', אונטערוועלט־מענטשן, מיט מאַסקעס פון פרומקייט, און געפירט אין די בתי־תפילה פאַרבאָטענע געשעפטן פון שוואַרצן מאַרק, געהאַנדלט מיט אויסלענדישער וואַלוטע. איז דעריבער? האָט מען געמוזט באַשטראָפן אַלע גבאים, אַלע מתפללים? מען האָט אַרעסטירט, פּראָצעסירט, און אָפט דערשאָסן, אויך אומשולדיקע, נישט בלויז די פאַרברעכער, און פאַרמאַכט די בתי־כנסת. איז געבליבן אין שטאָט איין אייגציקער, נישט מער. אַרײַנקריגן זיך אין אים אין די ימים־נוראים איז פּשוט פאַרבונדן מיט סכנת־נפשות...״

„האָבן זיך דאָך די צײַטן אַביסל געביטן״, — זאָג איך — „לויטן סאָוויעטישן געזעץ קאָן זיך אָרגאַניזירן אַ גרופּע, בעטן אַ דערלויבעניש אויף אַ בית־תפילה, וואָס מען מוז זיי געבן. צי געפינען זיך נישט אַזעלכע גרופּעס אין אַזאַ קהילה ווי אייערע?״

„אַזעלכע וואָלטן זיך געפונען אַ סך״ — ענטפערט ער מיט אַ ביטערן שמייכל — „אָבער... עס וועט נישט העלפן, מ'וועט באַלד באַשולדיקן אין וועלן אויפסניי אָרגאַניזירן דעם שוואַרצן מאַרק... מען האָט מורא...״

מורא דאָ, פּחד דאָרט...

„איר פאַרשטייט״, — פּרוּווט ער אונדז מסביר זײַן — „דער אַנטיסעמיטיזם שטאַרקט זיך און מען טוט נישט גאָרנישט קעגן אים. אָפט דוכט זיך, אַז אדרבה, מען איז אין די הויכע פענצטער צופרידן מיט אים... איז מען אומרואיק, נישט זיכער. שוין נישט

אַזוי פאַר זיך אַליין... דאָס שווערסטע איז — די זאָרג פאַר די קינדער. ווער ווייסט, וואָס עס קאָן פון זיי אויסוואַקסן אין „אונ־דזערע" היפּער־אוקראַיניסטישע שולן, ווו שאָוויניזם ווערט גע־פלעגט און כוליגאַניזם קומט ווי פון אונטער דער ערד?.. מיינע קינדער, ווי דאָס רוב יידישע קינדער אין טשערנאָוויץ, רעדן טאַקע יידיש אינדערהיים", — און ווידער דער טרויעריקער — „אָבער..."

נעמט ער צונויף ביי אַלע די שיריים, וואָס זענען אונדז פאַר־בליבן נאָך דער רייזע: פּאָסט־קאַרטלעך מיט בילדער פון ישראל, ישראלדיקע פּאָסט־מאַרקעס, אָפּצייכנס, מטבעות. „אַלץ איז א סחורה..." קיין סך האָבן מיר שוין נישט געהאַט, אָבער ער פרייט זיך מיט דעם באַקומענעם:

„אַן אוצר... אַן אמתער אוצר... איר קאָנט עס אפשר נישט פאַרשטיין... פאַר מיינע קינדער און פאַר נאָך יידישע קינדער..."

„איז וואָס?" — פרעג איך אים — „וויל מען טאַקע ביי אייך פאָרן קיין ישראל?"

„אך, ווי מען וויל!.. נישט אַלע, פאַרשטייט זיך. פיל שרעקן זיך פאַר די שוועריקייטן אין ישראל. מיר קענען די שוועריקייטן. אָבער אַזויפיל וואָלטן געפאָרן, ווי זיי שטייען און גייען, ואני בתוכם... און נישט בלויז אַזעלכע, וואָס האָבן נאַציאָנאַל־ציוניס־טישע געפילן..."

„נו?.."

„מען קאָן דערווייל נישט חלומען וועגן דעם. כ'ווייס נישט ווי ס'איז די לאַגע אין אַנדערע טיילן ראַטנפאַרבאַנד, אָבער ביי אונדז איז אפילו אָנגעבן אַ ביטע וועגן דעם געפערלעך. יידן האָבן דאָס דאָך געטאָן — זיך געווענדעט נאָך אַן עמיגראַציע־דערלויבעניש קיין ישראל. האָבן פיל דערפון שטאַרק געליטן. מען האָט זיי נישט בלויז אָפּגעזאָגט, נאָר געפאָרשט, — וועגן איבערצייגונגען, וועגן „פאַרבינדונגען"... און וואָס נאָך ערגער — מען האָט פאַרפאָלגט,

זייערע קינדער, אויב זיי האָבן געהאַט: מען האָט זיי פאַרשעמט און חוזק־געמאַכט פון זיי אין שול; גערופן זיי אין „קאָמסאָמאָל" און לאַנג „געפּאָרשט". איין יידישער יוגנטלעכער, נישט וועלנדיק אַרויסגעוואָרפן ווערן פון דער אָרטיקער „קאָמסאָמאָל"־אָרגאַניזאַציע, האָט געמוזט עפנטלעך דערקלערן, אַז זיין טאַטע, וועלנדיק עולה זיין קיין ישראל, איז אַ „פאַרעטער" און אַ „שונא פון דעם סאָוויעטישן פאָלק"..."

✶

האָט דער ייד זיך „צוגעקלעפּט" צו אונדז אויף העכער זיבן שעה, „זיך אָנגעוואַרעמט צווישן ברידער..." — ווי ער האָט זיך נישט געשעמט מודה צו זיין. ער האָט דערציילט, געענטפערט און פאַרשטייט זיך, פיל געפרעגט, געוואָלט וויסן וואָס מער וועגן ישראל, הערן וועגן יידן, יידיש לעבן אויף דער וועלט, יידישער ליטעראַטור.

אָבער אָט זענען מיר אָנגעקומען אויף דער סאָוויעטיש־רומעניש גרענעץ־סטאַציע אונגעניאַ. דער צוג איז געפאָרן ווייטער, ביז טשערנאָוויץ, און מיר האָבן זיך דאָ איבערגעזעצט אין אַ צווייטן צוג, וואָס איז געפאָרן דורך רומעניע, קיין בולגאַריע.

איך האָב זיך געזעגנט מיט דעם טשערנאָוויצער ייד. ער האָט לאַנג געדריקט מיין האַנט, גאָרנישט גערעדט, צום סוף שווייגנדיק מיך אַרומגענומען און פון זיינע אויגן האָבן גענומען פליסן טרערן. עס האָט געדויערט אַ לאַנגע ווילע ביז ער האָט זיך באַרואיקט און געזאָגט מיט אַ טרויעריקן שמייכל:

„איר מעגט פאַראַפראַזירן דאָס אַלטע יידישע פאָלקס־ליד..."

און ער האָט שטיל „געזונגען":

„אויפן וועג שטייט אַ בוים,
שטייט ער איינגעבויגן —
פאָרט אַ ייד קיין טשערנאָוויץ
מיט פאַרוויינטע אויגן..."

אסף צבי, אַראָנסקינד סאָניאַ, בריל לאה און אהרון, ברילִיאָן זעליג, באַראַץ יוסף, גאָלד־שטיין מאיר, גרייצער מרים, הערשבערג חיים, טאַלער עדה און שמואל, כענטשינסקי דוב, מאַנדעלקאָרן אברהם, מאַרכביין שמשון, מלמד אהרון, קרעמער משה, ראַוווסקי משה, ריווין רפאל און שלאָמאָוויטש נתן, וועלכע האָבן אויף דער רייזע, צוזאַמען מיטן מחבר אַלץ געזען און געהערט, צוזאַמען געוויינט און געזונגען — אַ דאַנק פאַר דער חברישקייט און פריינדשאַפט; אונדזער אַלעמענס דאַנק דעם „מרכז לתרבות ולחינוך" פון הסתדרות און „איגוד פועלי הדפוס" פאַר אָרגאַניזירן דעם אויספלוג, און דער געזעלשאַפט „טיל" (תל־אביב), פאָרשטייער פון „אינטוריסט" אין ישראל — פאַרן מוסטערהאַפטן דורכפירן אים.